STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03891

MABL

Henryk Sienkiewicz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק שענקעוויטש

מבול

(צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע)

ייִדיש: משה בלײַשטיפט

פאַרלאַג ח. בזשאַזאַ

ווארשע, 1926

MADE in POLAND

ח י ל ע ג ע צ ײ כ נ ט י. ט י ק אָ ט ש י נ ס ק י

גערדוקט בײ שיקאָרא און מילנער, נאָוואָליפּקי 6.

P O T O P

H. SIENKIEWICZA

Wydawnictwo Ch. Brzoza
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. Sikora i Milner, Nowolipki 6.

צווייטער טייל

1. קאַפּיטל.

הער זאַגלאָבאַ איז שוין געווען שטאַרק בגילופֿינדיק, ווען ער האָט דעם שרעקלעכן העטמאַן דריי מאָל געוואָרפֿן אין פּנים אַריין דאָס וואָרט: „בוגד“. אָבער מיט אַ שעה שפּעטער, ווען דער ווײַן האָט זיך אים שוין געהאַט אין קאָפּ אויסגעוועפּט און ווען ער האָט זיך צוזאַמען מיט ביידע סקשעטוסקיס און דעם הער מיכאַל געפֿונען אין דער קיידאַנער אונטערערדישער שלאָס-הייל, האָט ער זיך ערשט אַרומגעזען, אויף וואָס פֿאַר אַ סכּנה ער האָט אויסגעשטעלט זײַן אייגן לעבן און דאָס לעבן פֿון די חברים און ער האָט דערפֿון געהאַט גרויס עגמת נפֿש.

— און וואָס וועט איצט זײַן? — האָט ער געפֿרעגט, קוקנ־דיק מיט אומעטיקע אויגן אויפֿן קליינעם ריטער, אין וועלכן ער האָט אין אַן עת-צרה געהאַט גרויסן בטחון.

— זאָל דער טײַוול נעמען דאָס לעבן! ס'איז מיר אַלצ־איינס! — האָט וואָלאָדיִאָווסקי געענטפֿערט.

— מיר וועלן דערלעבן אַזעלכע צײַטן און אַזעלכע בזיונות,

וואָס די וועלט און דאָסדאָזיקע לאַנד האָבן נאָך ביז איצט נישט געהערט ! — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט.

— מיר זאָלן זיי נאָר דערלעבן — האָט זאַגלאָבאַ געענט־פערט — מיר וואָלטן דאַן געקענט דורך אַ גוטן ביישפּיל אויך אַנדערע מחזיר־למוטב זיין... צי וועלן מיר אָבער דערלעבן ? אָט דאָס איז דער עיקר...

— אַ שרעקלעכע זאַך, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט גלייבן ! — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי געזאָגט — ווו איז אַזוינס געהערט און געזען געוואָרן ? ראַטעוועט מיך, גנעדיקע הערן, ווייל כ׳שפּיר, אַז איך גיי פון זינען אַראָפּ... צוויי מלחמות, אַ דריטע אַ קאָזאַקישע... און דערצו אַ מגפה פון בגידות : ראַדזשעיאַווסקי, אָפּאַלינסקי, גרודזשינסקי, ראַדזיוויל ! נישט אַנדערש, נאָר ס׳איז עק וועלט און גאָטס משפט ! זאָל זיך שוין די ערד שפּאַלטן אונטער אונדזערע פיס. ווי גאָט איז מיר ליב, איך פאַרליר דעם שכל !

און פאַרלייגנדיק די הענט הינטערן קאָפּ, האָט ער גענומען שפּאַנען אין דער לענג און ברייט פון קעלער, ווי אַ ווילדע חיה אין אַ שטייג.

— מיר וועלן זיך אפשר נעמען די תפילות אָפּריכטן ? — האָט ער צום סוף געזאָגט — דערבאַרעמדיקער גאָט, העלף אונדז !

— באַרויִקט זיך ! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — עס איז איצט נישט קיין צייט צו פאַרצווייפלען !

הער סטאַניסלאַוו האָט מיטאַמאָל די ציין צונויפגעפרעסט, די רציחה האָט אים אָנגעכאַפּט.

— הלוואי וואָלט איר דערהרגעט געוואָרן ! — האָט ער אַ געשריי געטון אויף זאַגלאָבאַן — אייער איינפאַל איז דאָס געווען : פאָרן צום דאָזיקן בוגד ! הלוואי עס זאָל אייך ביידן די נקמה טרעפן !

— באַרויִק זיך, סטאַניסלאַוו ! — האָט יאַן שאַרף געזאָגט — דאָס, וואָס איז געשען, האָט קיינער נישט געקענט פאָרויסזען... לייד, ווייל נישט נאָר דו אַליין ליידסט, און ווייס זאָלסטו, אַז

אונדזער אָרט איז דאָ, און נישט ערגעץ אַנדערש-וווּ. . . דערבאַרעמדיקער גאָט! דערבאַרעם זיך נישט איבער אונדז, נאָר איבער דעם אומגליקלעכן פּאָטערלאַנד!

סטאַניסלאַוו האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט נאָר די הענט געבראָכן, אַז די געלענקען האָבן אַזש געקנאַקט.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. בלויז הער מיכאַל האָט פאַרצווייפלט געפּיפן דורך די ציין און עס האָט זיך געדוכטן, אַז אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום אים, גייט אים לחלוטין נישט אָן, הגם ער האָט אין תוך געווען צו טאָפּלט געליטן: איינמאָל צוליב דעם אומגליק פון פּאָטערלאַנד, און צווייטנס, ווייל אָפּזאָגנדיק זיך צו געהאָרכן דעם העטמאַן, האָט ער געבראָכן די דיסציפּלין. פאַר אים, אַ זעלנער ביזן מאַרך פון די ביינער, איז דאָס געווען אַ שרעקלעכע זאַך. ער וואָלט בעסער וועלן טויזנט מאָל אומקומען.

— פּייפט נישט, הער מיכאַל! — האָט זאַגלאָבאַ צו אים זיך אָנגערופן.

— ס'איז מיר אַלצאיינס!

— וואָס הייסט? קיינער פון אייך וועט נישט אַ קלער טון, צי עס איז נישטאָ עפּעס אַ מיטל זיך צו ראַטעווען? און עס איז דאָך כדאַי איבער דעם דעם מוח אָנצושטרענגען! זאָלן מיר טאַקע אין דאָזיקן קעלער פאַרפוילט ווערן דאַמאָלס, ווען יעדע האַנט איז דעם פּאָטערלאַנד נייטיק? ווען איין צדיק מוז קלעקן פאַר צען בוגדים?!

— דער פאָטער איז גערעכט! — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט.

— דו אייגער ביסט פון צער נישט פאַרנאַרט געוואָרן. ווי מיינסטו? וואָס האָט דערדאָזיקער בוגד בדעה מיט אונדז צו טון? צום טויט וועט ער דאָך אונדז נישט פאַרמשפּטן?

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט מיטאַמאָל אויסגעשאָסן מיט אַ פאַרצווייפלט געלעכטער.

— כ'וואָלט אַ בעלן געווען וויסן, פאַרוואָס דען נישט?... האָט ער דען נישט קיין איבקוויזיציע אין זיין רשות? האָט ער דען

נישט קיין שווערט אין זיין רשות? איר מוזט ראַדזיווילן נישט קענען!

— וואָס רעדט איר דאָרט! וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער דערצו?...

— איבער מיר — דאָס רעכט פון אַ העטמאַן, און איבער אייך — געוואַלט!

— פאַר וועלכן ער וואָלט געמוזט טראָגן די אחריות...

— פאַר וועמען? פאַרן שוועדישן קעניג?

— זייער שיין טרייסט איר מיך! נישטאָ וואָס צו זאָגן!

— איך האָב אָבער גאָרנישט בדעה אייך צו טרייסטן.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן און אַ געוויסע צייט האָט מען געהערט בלויז די געמאָסטענע טריט פון די שאָטישע פוס-גייער הינטער דער טיר פון קעלער.

— נישטאָ קיין אַנדערע עצה! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — דאָ מוז מען פאַלן אויף עפּעס אַן המצאה.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט, ער האָט דעריבער אין אַ ווײַלע אַרום ווידער גענומען רעדן:

— עס ווילט זיך נישט גלייבן, אַז מיר זאָלן צום טויט פאַרמשפט ווערן. אויב מען וואָלט פאַר יעדן וואָרט, וואָס ווערט בחפזונדיק און שיכורערהייט אַרויסגעזאָגט, דעם קאָפּ אַראָפּגענומען, וואָלט דאַן אין דער רעפּובליק קיין איין שליאַכטשיק מיט אַ קאָפּ נישט אַרומגעגאַנגען. (neminem captivabimus*) איז גאָרנישט?

---

*) Neminem captivabimus, nisi jure vietum — מיר וועלן קיינעם נישט געפאַנגען נעמען, נאָר דעם, וועלכן מיר וועלן יורידיש איבערצייגן אין זיין שולד: דער פּרינציפּ פון ריטער-טום, דער יסוד פון פּערזענלעכער פרייהייט אין אַלטן פּוילן.

דער איבערזעצער.

— איר האָט אַ ביישפּיל אויף זיך און אויף אונדז! — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי געזאָגט.

— ווייל דאָס איז געשען אין איילעניש אָבער איך בין בטוח, אַז דער פירשט וועט זיך די זאַך איבערלייגן. מיר זענען פרעמדע מענטשן, מיר קענען בשום אופן אונטער זיין געריכט נישט אַרונטערפאַלן. ער מוז זיך רעכענען מיט דער עפנטלעכער מיינונג און ער טאָר נישט באַגיין קיין געוואַלטאַטן, כדי זיך נישט צו פאַרמיאוסן אין די אויגן פון דער שליאַכטע. אָפּ־צירן האָט ער דאָס רעכט צו משפטן, דאָס קען איך נישט אָפּשפּאַרן, אָבער איך מיין, פונדעסטוועגן, אַז ער וועט נעמען אין אַכט דאָס חייל, וועלכעס וועט אוודאי פאַר זיינע פירער זיך אָננעמען... און ווו איז אייער פולק, הער מיכאַל?

— אין אופּיטאַ!

— זאָגט מיר נאַר, זענט איר זיכער, אַז אייערע מענטשן וועלן געטריי זיך שטעלן אויף אייער זייט?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? זיי זענען צו מיר געוווינט צו־געבונדען, אָבער זיי ווייסן, אַז דער העטמאַן איז איבער מיר. זאַגלאָבאַ האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע.

— גיט־זשע מיר צו זיי אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן מיך אין אַלעם פאָלגן, ווי אייך אַליין, אויב איך וועל זיך צווישן זיי באַוויזן.

— אייך דאַכט זיך, אַז איר זענט שוין פריי!

— עס שאַדט גאָרנישט, מיר זענען שוין געווען אין גרע־סערע ענגענישן און גאָט האָט געהאָלפן. גיט אַ באַפעל פאַר מיר און פאַר ביידע הערן סקשעטוסקי. ווער עס וועט דער ערשטער זיך אַרויסבאַקומען, דער וועט באַלד צום פולק זיך אַ לאָז טון און אים אַראָפּברענגען, כדי די איבעריקע אַרויסצוראַטעווען.

— איר רעדט שטותים! אַ שאָד די צייט אויף די פּלאַפּלע־רייען! ווער וועט זיך דאָ אַרויסבאַקומען! איבעריקנס, אויף וואָס וועל איך געבן דעם באַפעל? איר האָט פּאַפּיר, טינט, פעדערן? איר זענט חסר־דעה.

— אַן אומגליק! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — גיט־זשע מיר כאָטש אייער רינג.

— נאָט אייך און לאָזט מיך צורו! — האָט הער מיכאַל געזאָגט.

הער זאַגלאָבאַ האָט גענומען דעם רינג, האָט אים אָנגעטון אויפן קליינעם פינגער און גענומען שפּאַנען איבערן קעלער־פּאַרטראַכטערהייט.

דערווייל איז דאָס רויִקע לעמפּל אויסגעגאַנגען און עס האָט זיך אַרומגענומען אַ שטאָק־פינסטערניש; נאָר דורך די קראַטעס פון הויכן פענסטער האָט מען געזען אַ פּאָר פינקלענדיקע שטערן אויפן לויטערן הימל. זאַגלאָבאַ האָט זייבע אויגן נישט אָוועקגעריסן פון דידאָזיקע קראַטעס.

— ווען דער פאַרשטאָרבענער פּאָדביפּיענטאַ וואָלט געלעבט און געווען מיט אונדז — האָט דער אַלטער אַ ברום געטון — וואָלט ער די קראַטעס אַרויסגעריסן און אין אַ שעה אַרום וואָלטן מיר געווען הינטער קיידאַני.

— איר ווערט מיך אונטערהייבן צום פענסטער? — האָט יאַן סקשעטוסקי מיטאַמאָל געפרעגט.

זאַגלאָבאַ מיטן הער סטאַניסלאַוו האָבן זיך אָוועקגעשטעלט בײַ דער וואַנט און אין אַ ווײַלע אַרום איז יאַן געשטאַנען אויף זייערע אַקסלען.

— עס קנאַקט! ווי גאָט איז מיר ליב, עס קנאַקט! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן.

— וואָס רעדט דער פאָטער! — האָט יאַן געענטפערט — כ׳האָב נאָך נישט אָנגעהויבן צו רייסן.

— קריכט אַרויף אין צווייען, איר מיט סטאַניסלאַוון, איך וועל אייך שוין ווי עס איז דערטראָגן... נישט איינמאָל האָב איך באַדוירט דעם הער מיכאַל, וואָס ער איז אַזוי קליין, און איצט באַדויער איך, וואָס ער איז נישט נאָך קלענער, ווייל ער וואָלט זיך דאַן ווי אַ שלאַנג געקענט דורכגליטשן.

אָבער יאַן איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די אַקסלען.

— די שאָטן שטייען פֿון יענער זייט! — האָט ער געזאָגט.

— אַז עס זאָל פֿון זיי ווערן שטיקער וואַלץ, ווי פֿון לוטס ווייב. פֿינסטער איז דאָ, כאָטש נעם זיך אָן אויג אַרויס. באַלד וועט בעמען טאָגן. כ'רעכן, אַז מ'וועט אונדז ברענגען עפּעס צו עסן, ווייל אפֿילו בײַ די לוטעראַנער איז מען זיך אויך נישט נוהג געפֿאַנגענע מיט הונגער צו פּייניקן. און אפֿשר וועט אויך גאָט אַריינגעבן שׂכל דעם העטמאַן. אין דער נאַכט וועקט זיך אויך אָפּט דאָס געוויסן אין מענטש און די פּושעים ווערן געמאַטערט פֿון שדים. איז עס דען מעגלעך, אַז אין דאַזיקן קעלער זאָל זיין נאָר איין אַריינגאַנג? באַטאָג וועלן מיר זיך אַרומקוקן. דער קאָפּ איז מיר עפּעס אַזוי שווער און איך קען קיין שום המצאה נישט אויסטראַכטן — מאָרגן וועט גאָט העלפֿן, און איצט לאָמיר זיך נעמען די תּפֿילות זאָגן און לאָמיר זיך איבערגעבן דעם שוץ פֿון דער הייליקסטער בתולה אין דער דאָזיקער אפּיקורסישער תּפֿיסה.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי טאַקע גענומען זאָגן די תּפֿילות, דערנאָך זענען ביידע סקשעטוסקיס און וואָלאָדיאָווסקי אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל זייערע הערצער זענען איבערגעגאָסן פֿון די יסורים. און זאַגלאָבאַ האָט אין דער שטיל אונטערגעברומט:

— עס קען אַנדערש נישט זיין. מאָרגן וועט מען אונדז אוודאי זאָגן: איר האָט די ברירה צו בלייבן בײַ ראַדזיווילן און אַלץ וועט אייך פֿאַרגעבן ווערן. מיר וועלן נאָר זען, ווער וועמען עס וועט צפּגאַרן. אַזוי גאָר? שלאַכטיצעס פּאַקט איר אין תּפֿיסה אַריין און רעכנט זיך גאָרנישט מיט זייער עלטער און פֿאַרדינסטן? — גוט! ווי איר בעט זיך אויס, אַזוי וועט איר שלאָפֿן! דער שוטה וועט זיין פֿון אונטן און דער חכם פֿון אויבן. כ'וועל אייך צוזאָגן, וואָס איר ווילט, אָבער דאָס, וואָס איך וועל האַלטן, וועט אויף צו פֿאַרלאַטן די שטיוול נישט קלעקן. אויב איר האָט געבראָכן אייער טריישאַפֿט צום פֿאָטערלאַנד, וועט אַ צדיק זיין דער, וואָס וועט אייך באַשווינדלען. אָבער זיכער איז שוין, אַז

עס שלאָגט די לעצטע שעה פון דער רעפובליק, אויב אירע חשובסטע און העכסטע באַאַמטע מאַכן יד־אחת מיטן שונא... דאָס איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען און ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס מען פאַרלירט דעם שכל. איז דען פאַרהאַן אַ ין גיהנום גענוג מאַטערנישן פאַר אַזעלכע בוגדים? וואָס האָט אַזאַ ראַדזי־ווילן געפעלט? קאַרג האָט אים דאָס פאָטערלאַנד באַשאָנקען, וואָס ער האָט עס ווי אַ יהודה־איש־קריות דעם שונא איבער געענטפערט און דאָס גראָד אין אַ צייט פון די גרעסטע מפּלות, אין אַ צייט פון דריי מלחמות?... גערעכט, גערעכט איז דיין משפּט, גאָט, שיק נאָר וואָס גיכער צו די שטראָף. הלוואי עס זאָל אַזוי זיין! אמן! לאָמיך נאָר וואָס גיכער פונדאַנען זיך אַרויסקריגן אויף דער פריי — וועל איך דיר באַשאַפן אָנהענגער, גנבדיקער הער העטמאַן! דו וועסט שפּירן, ווי באַטעמט עס זענען די פּירות פון בגידה. וועסט מיך נאָך האַלטן פאַר אַ פריינט, אויב אָבער דו וועסט קיין בעסערע פריינט נישט געפינען, זאָלסטו שוין קיינ־מאָל זיך מער נישט לאָזן אין געיעג נאָך אַ בער, סיידן דאָס לעבן איז דיר נמאס געוואָרן...

אַזוי האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אויסגעשמועסט מיט זיך אַליין. דערווייל איז אַריבער אַ שעה און נאָך אַ שעה און צום סוף האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. די גראָע שיין, וואָס איז אַריינגעפלאָסן דורך דער קראַטע, האָט ביסלעכווייז אַרויסגעשטויסן די פינסטער־ניש, וואָס האָט געהערשט אין קעלער, און אַנטפּלעקט אין איר די טריבע ריטערלעכע געשטאַלטן, וואָס זענען געזעסן בײַ די ווענט. וואָלאָדיאָווסקי און ביידע סקשעטוסקיס האָבן געדרעמלט פון מידקייט, אָבער ווען ס'איז געוואָרן נאָך ליכטיקער, האָט זיך פון שלאָס־הויף דערטראָגן אַן אָפּהילך פון זעלנערישע טריטן אַ געקלימפּער פון כלי־זיין, דאָס קלאַפּן פון קאַפּיטעס און קלאַנגע פון טרומייטן באַם טויער. די ריטער זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער.

— דער טאָג הייבט זיך אָן פאַר אונדז נישט זייער מזל־דיק! — האָט יאַן געזאָגט.

— הלוואי ער זאָל זיך מזלדיק אויסלאָזן! — האָט זאַג־

לאַבאַ געענטפערט — איר ווייסט, וואָס איך האָב באַנאַכט אויסגעקלערט? מען וועט אוודאי אונדז צוזאָגן צו שענקען דאָס לעבן, אויב מיר וועלן מסכּים זיין צו דינען ראַדזיווילן און מיטצוהעלפן אין דער בגידה; מיר ווידער דאַרפן דערצו איינשטימען, כּדי מיר זאָלן קענען די פרייהייט אויסנוצן און זיך שטעלן אויף דער זייט פון פאָטערלאַנד.

— זאָל מיך גאָט אָפּהיטן, אַז איך זאָל זיך אויף אַ בגידה אונטערשרייבן — האָט ... זיך אָנגערופן — ווייל הגם איך וואָלט שפּעטער פון בוגד זיך אָפּגעקערט, וואָלט אָבער מיין נאָמען שוין געבליבן פאַרצייכנט צווישן די בוגדים צו דער שאַנד פון מיינע קינדער. איך וועל דאָס נישט טון, כ׳וועל בעסער שטאַרבן.

— איך אויך נישט! — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— און איך זאָג אייך באַצייטנס אָן, אַז איך וועל עס טון. בלויז למראית־עין, און דערנאָך וועט גאָט העלפן. קיינעם וועט נישט איינפאַלן, אַז איך האָב דאָס פון גוטן ווילן, אָדער אמת־דיק געטון. זאָל דער טייוול נעמען דעם שלאַנג ראַדזיוויל. מיר וועלן נאָך זען, ווער עס וועט זיין פון אויבן.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָבן איבערגעהאַקט געשרייען, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון הויף. עס האָבן זיך אין זיי געהערט אימהדיקע טענער פון כּעס און אויפרעגונג. גלייכצייטיק האָבן זיך דערהערט איינצלנע שטימען פון קאָמאַנדע און אָפּקלאַנגען פון טריט פון גאַנצע מחנות און אַ שווער גערויש, ווי פון האַרמאַטן, וואָס קאָלערן זיך איבער פון איין אָרט אין צווייטן.

— וואָס קומט דאָרט פאָר? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט — אפשר איז דאָס עפּעס אַ הילף פאַר אונדז?

— דאָס איז בלי־ספק אַן אומגעוויינטלעכער ליאַרם — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — גיט מיך נאָר אַ הייב אונטער צום פענסטער, ווייל איך וועל גיכער דערקענען, וואָס דאָס איז...

יאַן סקשעטוסקי האָט אים אָנגענומען באַ די זייטן און אים אויפגעהויבן אינדערהייך, ווי אַ קינד, הער מיכאַל האָט זיך

אָנגעכאַפּט בײַ דער קראַטע און גענומען זיך גוט אײַנקוקן אין הויף.

— עפּעס איז דאָרט! — האָט ער מיטאַמאָל זיך לעבהאַפט אָנגערופן — איך זע דעם אונגאַרישן הויף-פֿולק פֿון די פּאָסגײַער מיט װעלכן אָסקערקאַ האָט אָנגעפירט. זײ האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט, און ער איז אױך אַרעסטירט; זײ פֿאַרלאַנגען אװדאי אים צו באַפרײַען. בײַ גאָט! זײ שטײען גרײט צום קאַמף. פּאָרוטשניק סטאַכאָװיטש איז מיט זײ. דאָס איז אָסקערקאַס אַ פֿרײַנט.

אין דעם מאָמענט האָבן זיך די געשרײען נאָך פֿאַרשטאַרקט.

— גאַנצהאָף איז צו זײ צוגעפֿאָרן... ער רעדט עפּעס מיט סטאַכאָװיטשן... װאָס פֿאַר אַ געשרײ!... איך זע, אַז סטאַכאָװיטש מיט צװײ אָפֿיצירן גײען אַװעק פֿון פֿולק. זײ גײען מסתמא צום הױפּטמאַן אין אַ שליחות. װי גאָט איז מיר ליב, די מרידה פֿאַרשפּרײט זיך אין מיליטער. די האַרמאַטן זענען אָנגעשטעלט אױף די אונגאַרן און דער שאָטישער רעגימענט שטײט אױך גרײט צום קאַמף. די זעלנער פֿון די פּױלישע פֿולקן קלױבן זיך צונױף בײַ די אונגאַרן. אָן זײ װאָלטן זײ נישט געהאַט אַזאַ דרײסטקײט, װײַל בײַ די פּאָסגײַער איז די דיסציפּלין זײער אַ האַרטע...

— בײַ גאָט! — האָט זאַגלאָבאַ אױסגעשריגן — אין דעם ליגט אונדזער ישועה!... הער מיכאַל, איז גרױס די צאָל פֿון די פּױלישע פֿולקן?... װײַל, אַז זײ װעלן זיך צעבונטעװען װעט דאָס זײַן אַן אמתער בונט.

— סטאַנקעװיטשס הוזאַרן-פֿולק און מירסקיס פּאַנצער-פֿולק שטײען אױף אַ מרחק פֿון צװײ טעג פֿון קײדאַני — האָט װאָלאָדיאָװסקי געענטפֿערט — װען זײ װאָלטן דאָ געװען, װאָלט מען זיך נישט דערװעגט זײ צו אַרעסטירן. װאַרט נאָר צו... פֿאַרהאַן כאָרלאַמפּס דראַגונער, אײן רעגימענט, מיעלעשקאָס אַ צװײטער; בײדע שטײען אױף ראַדזיװילס זײַט... ניעװיאַראָװסקי איז

אויך צוגעשטאַנען צום פירשט, אָבער זיין פולק איז ווייט... צוויי שאָטישע רעגימענטן...

— בּכך־הכּל פיר רעגימענטן אויפן פירשטס זייט.

— און די אַרטילעריע אונטער קאָרפּס קאָמאַנדע: צוויי רעגימענטן...

— און קמיטשיצס פולק, אַ גוט באַוואָפנטער... זעקס הונדערט מענטשן.

— און קמיטשיק איז אויף וועמענס זייט?

— כ'ווייס נישט.

— איר האָט אים נישט געזען? ער האָט נעכטן געוואָרפן דעם שטאַב, אָדער ער האָט נישט געוואָרפן?

— מיר ווייסן נישט.

— ווער־זשע איז קעגן פירשט? וועלכע פולקן?

— קודם־כּל דידאָזיקע אונגאַרן, צוויי הונדערטס מענטשן. דערנאָך אַ מחנה פון לויזע זעלנער פון מירסקיס און סטאַנקעוויטשס פולקן. אַ ביסל שליאַכטע... און קמיטשיק, אָבער ער איז גוטזיכער.

— אַז עס זאָל אים!... באַ באַט... ווייניק... ווייניק!

— דידאָזיקע אונגאַרן זענען שקול כּנגד צוויי פולקן, אַן אַלטער און אויסגעבילדעטער זעלנער! וואַרט נאָר צו... מען צינדט אָן די קנויטן באַ די האַרמאַטן, מען גרייט זיך צו אַ שלאַכט...

די סקשעטוסקיס האָבן געשוויגן, זאַגלאָבאַ האָט זיך געוואָרפן ווי אין קדחת.

— שלאָגט די בוגדים! שלאָגט די כּלבים! עי, קמיטשיק, קמיטשיק! אַלץ איז פון אים אָפּהענגיק. איז דאָס אַ דרייסטער זעלנער?

— ווי אַ טייוול... ער איז גרייט אויף אַלץ.

— עס קען אַנדערש נישט זיין, נאָר אַז ער וועט זיך שטעלן אויף אונדזער זייט.

— אַ מרידה אין מיליטער! אָט, צו וואָס דער העטמאַן האָט דערפירט! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אויסגעשריגן.

— ווער איז דאָ דער מורד ? דאָס חייל, אָדער דער העט־מאַן, וועלכער האָט זיך קעגן דעם אייגענעם קעניג צעבונטעוועט ! — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— זאָל גאָט משפטן, וואַרט צו. ס'איז דאָרט ווידער עפּעס אַ געררודער. אַ טייל פון כאַרלאַמפּס דראַגונער שטייט צו צו די אונגאַרן. בלויז גוטע שליאַכטע דינט אין דאַזיקן רעגימענט. איר הערט, ווי זיי שרייען ?

— די פולקאָווניקעס ! די פולקאָווניקעס ! — האָבן שטורמישע שטימען גערופן אין הויף.

— הער מיכאַל ! איך באַשווער אייך, שרייט אַרויס צו זיי, אַז זיי זאָלן שיקן נאָך אייער פולק און נאָך די הוזאַרן און פאַנצער-חייל.

— שווייגט שטיל !

זאַגלאָבאַ האָט אַליין גענומען שרייען :

— שיקט דאָרט נאָך די איבעריקע פוילישע פולקן און פאַרטיליקט די בוגדים !

— שווייגט שטיל !

מיטאַמאָל האָט הינטערן שלאָס, נישט אויפן הויף, אָפּגעהילכט אַ קורצער, אָפּגעהאַקטער זאַלפּ פון ביקסן. . .

— יעזוס מאַריאַ ! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אויסגעשריגן.

— הער מיכאַל, וואָס איז דאָס ?

— דאָס האָט מען אוודאי דערשאָסן סטאַכאָוויטשן און די צוויי אָפיצירן, וואָס זענען בעגאַנגען אין שליחות ! — האָט וואָלאָדיאָווסקי פיבערהאַפט געזאָגט — עס קען אַנדערש נישט זיין !

— גרויסער גאָט אין הימל ! אויב אַזוי קען מען אויף קיין שום גנאָד נישט רעכענען.

אַ קנאַל פון אַ שיסעריי האָט פאַרטויבט דעם ווייטערדיקן שמועס. הער מיכאַל האָט זיך קאָנווולסיוו אָנגעכאַפּט פאַר דער קראַטע און צוגעדריקט צו איר דעם שטערן, אָבער אַ ווײַלע האָט ער גאָרנישט געקענט דערזען, אַ חוץ די פיס פון די שאָטישע פוסגייער, וואָס זענען האַרט באַם פענסטער געווען אויסגעשטעלט.

די זאַלפן פון די ביקסן זענען געווען אַמאָל אָפטער, צום סוף האָבן זיך אויך אָנגערופן די האַרמאַטן. דאָס טרוקענע אָנקלאַפן פון די קוילן אין די וואַנט איבערן קעלער האָט מען אויסגעצייכנט געהערט, ווי דאָס קלאַפן פון אַ האָגל. דער שלאָס האָט זיך געטרייסלט אין זיינע יסודות.

— מיכאל, שפּרינג אַראָפּ, יועסט דאָרט אומקומען! — האָט יאַן אויסגערופן.

— פאַר קיין שום פּרייז נישט. די קוילן גייען העכער, און פון די האַרמאַטן פליען זיי אין די אַנטקעגנאיבערדיקע זייט. כ'וועל פאַר קיין שום פּרייז נישט אַראָפּגיין.

און אָנכאַפּנדיק זיך נאָך שטאַרקער פאַר דער קראַטע, האָט הער וואָלאָדיאָווסקי זיך אינגאַנצן אַריינגעצויגן אין די אויסהויבונג פון פענסטער, ווו ער האָט שוין מער נישט געדאַרפט סקשעטוסקיס אַקסלען צום אונטערשפּאַרן זיך. אין קעלער איז אמת געוואָרן פינסטער, ווייל דאָס פענסטערל איז געווען קליין און הער מיכאל, הגם ער איז געווען דאַר און נידעריק, האָט ער עס אינגאַנצן פאַרשטעלט, דערפאַר אָבער האָבן די חברים, וואָס זענען אונטן פאַרבליבן, געהאַט יעדע רגע פרישע ידיעות פון שלאַכטפעלד.

— כ'זע איצט! — האָט הער מיכאל א געשריי געטון — די אונגאַרן האָבן זיך צו דער וואַנט צוגעשפּאַרט, פון דאָרט שיסן זיי... האַ! כ'האָב מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן זיך אין אַ ווינקל נישט אַריינשטופּן, ווייל די האַרמאַטן וואָלטן כהרף-עין פון זיי אַ תל געמאַכט. אויסגעצייכנטע זעלנער! ווי גאָט איז מיר ליב! אָן אָפיצירן ווייסן זיי, וואָס זיי האָבן צו טון. ווידער אַ רויך! כ'זע גאָרנישט...

די שיסעריי איז שוואַכער געוואָרן.

— דערבאַרעמדיקער גאָט! לייג נישט אָפּ די שטראָף! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן.

— נו, וואָס איז דאָרט, מיכאל? — האָט סקשעטוסקי געפרעגט.

— די שאָטן גייען צו דער אַטאַקע.

— און מיר מוזן דאָ זיצן, אַז דער טייוול זאָל עס נע־מען! — האָט סטאַניסלאַוו אויסגעשריגן.

— זיי זענען שוין דאָ! מיט די גרויסע שפּיזן! די אונ־גאַרן קעמפן מיט די שווערטן! אַך! אַ שאָד, וואָס איר קענט זיך נישט צוקוקן! וואָס פאַר אַ חייל!

— אָנשטאָט מיטן שונא, שלאָגן זיי זיך מיט זיך אַליין!

— די אונגאַרן האָבן די איבער־האַנט! די שאָטן ציִען זיך צוריק! ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן! מיעלעשקאָס דראַ־גונער גייען אַריבער אויף זייער זייט!... די שאָטן זענען אַרומגענומען פון צוויי פייערס. קאָרף קען פון די האַרמאַטן נישט שיסן, ווייל ער וואָלט אויך די שאָטן געטראָפן. כ׳זע שוין אויך גאַנצהאָפס מונדירן צווישן די אונגאַרן. זיי גייען צו דער אַטאַקע אויפן טויער. זיי ווילן זיך פון דאַנען אַרויסקריגן. זיי גייען ווי אַ שטורעם. זיי מאַכן פון אַלץ אַ תל!

— הע? ווי הייסט? כ׳וואָלט בעסער וועלן, אַז זיי זאָלן דעם שלאָס איינגעמען — האָט זאַגלאָבאַ אויסגעשריגן.

— ס׳שאַדט נישט! מאָרגן וועלן זיי צוריקקומען מיט מירס־קיס און סטאַנקעוויטשס פולקן... העי! כאַרלאַמפּ איז אומגעקו־מען!... ניין!... ער שטעלט זיך אויף, ער איז פאַרוואונדעט... אָט, אָט זענען זיי שוין באַם טויער... וואָס איז דאָס? נישט אַנדערש, נאָר די שאָטישע וואַך אין טויער גייט אויף אַריבער צו די אונגאַרן, ווייל זיי עפענען די פרעגנטן... קנוילן שטויב הויבן זיך אויף פון יענער זייט. קמיטשיצן זע איך! קמיטשיץ מיט די רייטער פליט אַן דורכן טויער!

— אויף וועמענס זייט? אויף וועמענס זייט? — האָט זאַ־גלאָבאַ געשריגן.

אַ ווײַלע האָט הער מיכאַל נישט געגעבן קיין תשובה, אָבער נאָר אַ קורצע ווײַלע; דער פאַרטויבנדיקער ליאַרם, געקלאַנג פון כלי־זיין און די קולות האָבן זיך דערווייל געהערט מיט אַ פאַר־טאָפּלטער קראַפט.

— שוין נאָך זיי! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אַ מ׳ראדיקן גע־שריי געגעבן.

— נאָך וועמען? נאָך וועמען?

— נאָך די אונגארן! די רייטער האָבן זיי צעקלאַפּט, צע־טרעטן און צעהאַקט! די פאָן איז אין קמיטשיצס האַנט!... אַ סוף, אַ סוף!

באַ דידאַזיקע ווערטער האָט הער מיכאל זיך אַראָפּגעלאָזט פון פענסטערל און אַריינגעפאלן אין יאַן סקשעטוסקיס אָרעמס.

— שלאָגט מיך! — האָט ער אויסגערופן — שלאָגט מיך ווייל איך האָב דעמדאָזיקן מענטש געהאַט אונטער מיין שווערט און האָב אים אַ לעבעדיקן אָפּגעלאָזט; איך האָב אים אַוועקגע־פירט אַ בריוו מיט באַפעלן! דורך מיר האָט ער וועראַבירט דאָס־דאָזיקע פולק, מיט וועלכן ער וועט איצט קעגן פּאָטערלאַנד קעמפן. ער האָט געוווסט, וועמען צו ווערבירן: רשעים, גזלנים, רוצחים, מנוולים, אַזעלכע ווי ער אַליין. הלוואי, איך זאָל אים נאָכאַמאָל מיט דער שווערט באַגעגענען... גאָט! פאַרלענגער מיר דאָס לעבן אויף נקמה צו נעמען פון דאָזיקן בוגד, ווייל איך שווער, אַז מער וועל איך אים פון מיינע הענט נישט אַרויס־לאָזן...

דערווייל האָבן די קולות, פערדישע טריט און זאַלפּן פון שאָסן נאָך געהילכט מיט דער גאַנצער קראַפט, אָבער בהדרגה האָבן זיי גענומען שוואַכער ווערן, און מיט אַ שעה שפּעטער האָט אין קיידאַנער שלאָס געהערשט אַ שטילקייט, וועלכע איז איבערגעריסן געוואָרן נאָר דורך די אָפּגעמאָסטענע שריט פון די שאָטישע פּאַטרולן און די אָפּקלאַנגען פון דער קאָ־מאַנדע.

— הער מיכאל! גיט נאָך אַ קוק אַרויס, וואָס עס איז גע־וואָרן — האָט זאַגלאָבאַ געבעטן.

— צו וואָס? — האָט דער קליינער ריטער געענטפערט — אַ מיליטער־מאַן וועט זיך אָנשטויסן, וואָס עס איז געוואָרן. איבע־ריקנס, האָב איך געזען, ווי זיי זענען צעקלאַפּט געוואָרן... קמי־טשיץ טריומפירט דאָ!

— אַז מ׳זאָל אים מיט פּערד צעפּליקן, דעם רשע, דעם גזלן! אַז ער זאָל גאָר מוזן ווערן אַ שומר אין אַ טאַטערישן האַרעם!

2. קאַפּיטל.

העכר מיכאַל איז געכעכט געווען! קמיטשיץ האָט טריומ-
פירט. די אונגאַרן און אַ טייל פון מיעלעשקאָס און קאַרלאַמפּ
דראַגונער, וואָס זענען צו זיי צוגעשטאַנען, האָבן מיט זייערע
הרוגים געדיכט באַדעקט דעם קיידאַנער שלאָס-פּלאַץ. קוים אַ פּאָר
צענדליק איז אַנטקומען און זיך צעלאָפן אין דער אומגעגנט פון
שלאָס און פון דער שטאָט, ווו עס האָבן זיי נאָכגעיאָגט די רייַ-
טער. אַ סך פון זיי האָט מען אויפגעכאַפּט, די איבעריקע האָבן
מסתמא אָנגעשפּאַרט ביז צום לאַגער פון פּאַוועל סאַפּיעהאַ, דעם
וויטעבסקער וואָיעוואָדע, וועלכן זיי האָבן די ערשטע געמוזט
ברענגען די שרעקלעכע ידיעה וועגן דער בגידה פון גרויס-העט-
מאַן, וועגן זיין איבערגיין צו די שוועדן, וועגן אַרעסט פון די
פּאָלקאָווניקעס און ווידערשטאַנד פון די פּוילישע פּולקן.

דערווייל האָט קמיטשיץ, אַזוי גרויס ווי ער איז באַדעקט
מיט בלוט און שטויב, מיט דער אונגאַרישער פּאָן אין האַנט, זיך
געשטעלט פאַר ראַדזיווילן, וועלכער האָט אים מקבל-פּנים געווען
מיט אָפענע אָרעמס. אָבער דעם העכר אַנדזשעי האָט דער בצחון

נישט פאַרשיכורט. אדרבא, ער איז געווען אָנגעכמורעט און בייז, גלייך ווי דאָס געוויסן וואָלט אים געפייניקט.

— גנעדיקער הער פירשט — האָט ער געזאָגט — כ׳וויל נישט הערן קיין שבחים און כ׳וואָלט הונדערט מאָל בעסער מיטן שונא פון פאָטערלאַנד געקעמפט. איידער מיט זעלנער, וועלכע וואָלטן דעם פאָטערלאַנד געקענט צונוץ קומען. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב זיך אַליין בלוט אָפּגעצאַפּט.

— און ווער איז שולדיק, אויב נישט דידאָזיקע מורדים ? — האָט דער פירשט געענטפערט — אויך איך וואָלט זיי בעסער וועלן קיין ווילנע אָוועקפירן און איך האָב טאַקע בדעה געהאַט אַזוי צו טון... זיי אָבער האָבן בעסער געוואָלט דער אויבער־מאַכט זיך אַקעגנשטעלן. וואָס עס איז געשען, איז געשען. מ׳האָט געדאַרפט און מ׳וועט דאַרפן געבן אַ ביישפּיל.

— וואָס האָט דער גנעדיקער הער פירשט בדעה צו טון מיט די געפאַנגענע ?

— יעדן צענטן אַ קויל אין קאָפּ אַריין, די איבעריקע אויסמישן מיט די אַנדערע פולקן. דו וועסט היינט פאָרן צו מירסקיס און סטאַנקעוויטשס פולקן, וועסט זיי אָוועקפירן מיין באַפעל, אַז זיי זאָלן גרייט זיין צום מאַרש. איך מאַך דיך פאַר קאָמענדאַנט איבער דידאָזיקע צוויי פולקן און איבער וואָלאָדיאָווסקיס דריטן פולק. די שטעל־פאַרטרעטער דאַרפן זיך דיר אונטערוואַרפן און אין אַלעם געהאָרכן. כ׳האָב צום דאָזיקן פולק צוערשט געוואָלט כאַרלאַמפּן שיקן, אָבער ער טויג צו גאָרנישט... כ׳האָב זיך איבערגעלייגט.

— און אַז זיי וועלן אַ ווידערשטאַנד שטעלן ? ווייל בײַ וואָלאָדיאָווסקין דינען לאַודער מענטשן, וועלכע האָבן מיך פיינט בתכלית־השנאה.

— דו וועסט אויסרופן, אַז מירסקי, סטאַנקעוויטש און וואָלאָדיאָווסקי וועלן באַלד דערשאָסן ווערן.

— דאַמאָלס וועלן זיי אפשר באַוואָפנטערהייט גיין קיין קיידאַני זיי אָפּשלאָגן. בײַ מירסקין דינען בלויז חשובע שליאַכטשיצעס.

— דו וועסט נעמען מיט זיך אַ רעגימענט פון שאָטישע פוס-גייער און אַ רעגימענט פון דייטשישע פוס-גייער. צום ערשט וועסטו זיי אַרומרינגלען אין דערנאָך צום באַפעל אויסרופן.

— ווי דער גנעדיקער פירשט וויל!

ראַדזיוויל האָט אָנגעשפּאַרט די האַנט אויף די קני און זיך פאַרטראַכט.

— מירסקין און סטאַנקעוויטשן וואָלט איך גערן דערשאָסן, ווען נישט דאָס, וואָס זיי זענען אָנגעזען נישט בלויז אין זייערע פּולקן, נאָר אין דער גאַנצער אַרמיי, יאָ, אין גאַנצן לאַנד... כ'האָב מורא פאַר אַ ליאַרם און אָפענער מרידה, וואָס איר בייּשפּיל האָבן מיר שוין געהאַט פאַר די אויגן... צום גליק, אַ דאַנק ד ר, האָט מען זיי גוט אָנגעלערנט און צוויי מאָל וועט זיך יעדער פּולק מיישב זיין, איידער ער וועט זיך אונדז אַנטקעגן שטעלן. מ'דאַרף נאָר נישט מאַכן קיין שהיות, כדי די ווידערשפּעניקע זאָלן נישט באַווייזן אַריבערצוגיין צום וויטעבסקער וואָיעוואָדע.

— דער גנעדיקער הער פירשט האָט גערעדט בלויז וועגן מירסקין און סטאַנקעוויטשן, און נישט דערמאַנט וועגן וואָלאָדיאָווסקין און אָסקערקאַן.

— אָסקערקאַן מיז איך אויך פאַרשוינען, ווייל דאָס איז אַ חשיבער מענטש מיט אַ סך קרובים; אָבער וואָלאָדיאָווסקי שטאַמט פון רייסן און האָט דאָ נישט קיין ק־וב און קיין גואל. דאָס איז אַ טיכטיקער זעלנער, אמת; כ'האָב אויף אים אויך גערעכנט... איז נאָך ערגער פאַר אים, אויב איך האָב מיך צעפּנעגאַרט. ווען דער טייוול וואָלט נישט אָנגעטראָגן יענע פאַרשלעפּטע ברואים, די פרייבט זייבע, וואָלט ער אפשר אַנדערש זיך אויפגעפירט; אָבער נאָך דעם, וואָס עס איז געשען, וואַרט אויף אים אַ קויל אין קאָפּ, אויך אויף ביידע סקשעטוסקיס און יענעם דריטן אָקס, וועלכער האָט דער ערשטער געגומען ריטשען: „בוגד, בוגד!"

הער אַנדזשעי האָט זיך אַ ריס געטון, ווי אַן אָפּגעבריטער.

— גנעדיקער הער פירשט! די זעלנער זאָגן, אַז וואָלאָדיּ-

אָווסקי האָט באַ ציביכאָוו דאָס לעבן פון גנעדיקן הער פירשט מציל געווען.

— ער האָט דערפילט זיין חוב און דערפאַר האָב איך אים דידקעמיע אויפן גאַנצן לעבן אַרויס געוואָלט שענקען... איצט האָט ער מיך פאַראַטן און דעריבער וועל איך אים הייסן דער־שיסן.

פון קמיטשיצס אויגן האָבן פונקען געשפּריצט און די נאָז־לעכער זיינע האָבן זיך גענומען שטאַרק באַוועגן.

— גנעדיקער הער פירשט! דאָס קען נישט זיין!

— וואָס הייסט, עס קען נישט זיין? — האָט ראַדזיוויל גע־פרעגט, קנייטשנדיק די ברעמען.

— איך בעט אייך, גנעדיקער הער פירשט! — האָט קמי־טשיץ היציק געזאָגט — אַז עס זאָל וואָלאָדיאָווסקין קיין האָר אויפן קאָפּ נישט גערירט ווערן. דער גנעדיקער הער פירשט וועט מיר פאַרגעבן... איך בעט אייך!... וואָלאָדיאָווסקי האָט געהאַט די ברירה מיר נישט אָפּצוגעבן דעם בריוו מיט די באַ־פעלן, ווייל דער גנעדיקער הער פירשט האָט אים איבערגעשיקט אויף זיינע הענט און עס איבערגעלאָזט אויף זיין אייגנזען, און ער האָט אים אָפּגעגעבן!... ער האָט מיך מציל געווען פון אונטערגאַנג... דורכדעם בין איך אַריבער אונטער די אינקווי־זיציע פון גנעדיקן הער פירשט... ער האָט זיך געקווענקלט מיך צו ראַטעווען, הגם ער האָט געליבט דאָס זעלבע מיידל... איך בין אים שולדיק אַ דאַנק און איך האָב זיך אַ שבועה געגעבן אים אָפּצודינען! דער גנעדיקער הער פירשט וועט עס מיר צוליב טון, אַז נישט אים און נישט זיינע פריינט זאָל קיין שום שטראָף נישט טרעפן. קיין האָר דאַרף זיי אויפן קאָפּ נישט גערירט ווערן און, איך שווער באַ גאָט! עס וועט נישט גערירט ווערן, כל־זמן איך לעב!... איך בעט אייך, גנעדיקער הער פירשט!

הער אַנדזשעי האָט געבעט, און די הענט צונויפגעלייגט, אָבער אין זיינע ווערטער האָבן קענן זיין ווילן געקלונגען טענער פון צאָרן און דראָונג און אויפרעגונג. די אומגעצוימטע נאַטור האָט באַקומען די אויבער־האַנט. און ער איז געשטאַנען פאַר

ראַדזיווילן מיט א פּנים ענלעך אויפן קאָפּ פון אַ צערייצטן רויבפויגל, מיט אויגן, פון וועלכע ס'האָבן פונקען געשפּריצט. און דעם העטמאַנס פּנים איז אויך געווען שרעקלעך, פאַר זיין אייזערנעם ווילן און דעספּאָטיזם האָט זיך אַלץ אין ליטע און רייסן ביז איצט געבויגן — קיינער האָט קיינמאָל נישט געהאַט די העזה זיך אים אַקעגנצושטעלן, צו בעטן גנאָד פאַר פאַרמשפּטע. און איצט האָט קמיטשיץ נאָר לפּנים געבעטן — אין דער אמתן האָט ער געפאָדערט, און דער מצב איז געווען אַזאַ, אַז עס איז כמעט נישט מעגלעך געווען אים אָפּצוזאָגן.

דער דעספּאָט האָט באַלד אין אָנהייב פון זיין ראָלע אַלס בוגד דערשפּירט, אַז נישט איינמאָל וועט אים אויסקומען זיך אונטערצוגעבן דעם דעספּאָטיזם פון מענטשן און אומשטענדן, אַז ער וועט זיין אָפּהענגיק פון די אייגענע אָנהענגער, פון אַ סך קלענערער באַדייטונג, אַז דערדאָזיקער קמיטשיץ, וועלכן ער האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ געטרייען הונט, וועט גיכער זיין אַ היימיש-אויפגעצויגענער וואָלף, וועלכער איז צערייצטערהייט גרייט דעם האַר באַ דער האַנט מיט די ציין אָנצוכאַפּן.

ראַדזיווילס שטאָלצע בלוט איז פון דעם אַלעם אויפגעקאָכט געוואָרן. ער האָט באַשלאָסן זיך אַקעגנצושטעלן, ווייל אויך די איינגעבוירענע שרעקלעכע נקמה-גיריקייט האָט אים צו אַ ווידערשטאַנד געשטויסן.

— וואָלאָדיִאָווסקי און יענע דריי מוזן די קעפּ פאַרלירן! — האָט ער געזאָגט מיט אַ העכערער שטים.

אָבער ער האָט דערמיט נאָר צוגעגאָסן אייל צום פייער.

— ווען איך וואָלט די אונגאַרן נישט צוגעלאָפּט, וואָלטן נישט זיי די קעפּ פאַרלוירן! — האָט קמיטשיץ אויסגעשריגן.

— וואָס הייסט דאָס? דו רעדסט מיר שוין אויס דיינע טובות? — האָט דער העטמאַן בייז געפרעגט.

— גנעדיקער הער פירשט! — האָט הער אַנדזשעי האַסטיק געזאָגט — איך רעד נישט אויס... איך בעט... איך בעט רחמים... אָבער דאָס וועט נישט געשען. — דידאָזיקע מענטשן זענען באַרימט איבער גאַנץ פוילן... עס קען נישט זיין! עס

קען נישט זיין!... איך וועל נישט זיין קיין יהודה־איש־קריות פאַר וואָלאָדיאָווסקין. איך וועל פאַרן גנעדיקן הער פירשט גיין אין פייער, אָבער זאָגט מיר נישט אָפּ דעמדאָזיקן חסד...

— און אז כ'וועל אָפּזאָגן?

— זאָל דער גנעדיקער הער פירשט מיך בעסער הייסן דערשיסן!... כ'וויל נישט לעבן!... זאָל מיך אַ דונער טויט־שלאָגן!... זאָל מיך דער טייוול לעבעדיקערהייט אין גיהנום אַריין נעמען!

— וואָס טוט זיך מיט דיר, א ומגליקלעכער, פאַר וועמען רעדסטו דאָס?

— זאָל מיך דער גנעדיקער הער פירשט נישט דערפירן צו פאַרצווייפלונג!

— צו בקשות האָב איך געקענט דאָס אויער צוליייגן, מיט דראָונגען וועל איך זיך נישט רעכענען.

— איך בעט... רחמים בעט איך!...

דאָ האָט הער אַנדזשעי זיך געוואָרפן אויף די קני.

— לאָזט מיך, גנעדיקער הער פירשט, דינען אייך ב־רצון און נישט באונס, אַנישט וועל איך משוגע ווערן!

ראַדזיוויל האָט גאָרנישט געענטפערט, קמיטשיץ האָט גע־קניט, אַ בלייכקייט און אַ רויטקייט האָבן זיך מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ געביטן אויף זיין פּנים. ס'איז קענטיק געווען, אַז נאָך אַ ווײַלע און ער וועט זיך אָנצינדן אויף אַ שרעקלעכן אופן.

— שטיי־אויף! — האָט ראַדזיוויל געזאָגט.

הער אַנדזשעי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— דו קענסט פאַרטיידיקן דיינע פריינט — האָט דער פירשט געזאָגט — דאָס באַווייזט, אַז דו וועסט אויך מיך קענען פאַרטיידיקן און אַז דו וועסט מיר קיינמאָל נישט אָפּטריניק ווערן. נאָר גאָט האָט דיך באַשאַפן פון סאַלפּעטער און נישט פון פלייש, גיב דעריבער אַכטונג, אַז דו זאָלסט נישט פאַרברענט ווערן. איך קען דיר גאָרנישט אָפּזאָגן. הער־זשע מיך אויס: סטאַנקעוויטש, מירסקין און אָסקערקאָן וויל איך צו די שוועדן קיין בירזשע

זשעקשיקן, זאָלן־זשע די ביידע סקשעטוסקיס און װאָלאָדיאָווסקי מיט זיי מיטגיין. די קעפּ װעט מען זיי דאָרט נישט אָפּהאַקן, און דאָס, װאָס זיי װעלן אין מלחמה־צייט זיך זיצן במנוחה, איז דאָך אוודאי גוט.

— איך דאַנק אייך, גנעדיקער הער פירשט, פאָטער מיינער! — האָט הער אַנדזשעי אויסגעשריגן.

— געלאַסן... — האָט דער פירשט געזאָגט — איך האָב געשוויגן דיין שבועה, שוין צופיל געשוויגט, אַצט שוין דו אויך מיין שבועה... דעמדאָזיקן קוויטשעדיקן טייוול, וועלכער איז מיט די סקשעטוסקיס געקומען אַהער, האָב איך אין האַרצן דעם טויט אָנגעצייכנט. ער האָט דאָס דער ערשטער מיך געריפן בוגד, ער האָט מיך באַשולדיקט אין נעמען שוחד. ער האָט אַנדערע אונטערגעהעצט, ווייל עס וואָלט אפשר נישט געקומען צום דאָזיקן ווידערשטאַנד, ווען נישט זיין חוצפה! (דאָ האָט דער פירשט מיט דער פויסט אַ זעץ געטון אין טיש אַריין) גיכער וואָלט איך זיך געריכט אויפן טויט, גיכער וואָלט איך געגלייבט, אַז די וועלט עקט זיך, איידער דאָס, אַז עמעצער וועט מיר, ראַדזיווילן, די העזה האָבן אַ שריי צו טון אין פּנים אַריין: „בוגד!" אין פּנים אַריין, פאַר מענטשן אין די אויגן! נישטאָ אַזאַ טויט, נישטאָ אַזעלכע ענויים, וואָס זאָלן גענוג זיין פאַר אַזאַ פאַרברעך. בעט מיך נישט פאַר אים, ווייל עס וועט גאָרנישט העלפן.

אָבער הער אַנדזשעי, קוים האָט ער עפּעס אונטערגענומען, האָט ער זיך שוין לייכט נישט אונטערגעגעבן. ער האָט זיך נאָר שוין מער נישט געבייזערט און נישט אָנגעצונדן זיך. אדרבא, אָנכאַפּנדיק אויפסניי דעם העטמאַנס האַנט, האָט ער זי גענומען באַדעקן מיט קושן און בעטן אַזוי הייס, ווי ער האָט נאָר געקענט.

— מיט קיין שום שטריק און מיט קיין שום קייט וואָלט דער גנעדיקער הער פירשט מיך נישט צוגעבונדן אַזוי פעסט צו זיך, ווי מיט דעם דאָזיקן חסד. אָבער טוט אים נישט אויף אַ העלפט, און נישט צום טייל, נאָר אינגאַנצן... גנעדיקער הער פירשט! דאָס, וואָס דער דאָזיקער שליאַכטשיץ האָט נעכטן געזאָגט, האָבן אַלע געטראַכט. איך אַליין האָב דאָס אייגענע גע-

טראַכט, ביז דער גנעדיקער הער פירשט האָט מיר די אויגן נישט געעפנט... זאָל מיך אַ פייער פאַרברענען, אויב איך האָב דאָס נישט געטראַכט... דער מענטש איז נישט שולדיק, אויב ער באַנאַרישט זיך. דערדאָזיקער שליאַכטשיץ איז דערצו נאָך געווען שיכור, און וואָס ער האָט געהאַט אויפן האַרץ, האָט ער אויסגעשריגן. ער האָט געמיינט, אַז ער פאַרטיידיקט דורכדעם דאָס פאָטערלאַנד, און ס'איז שווער עמעצן צו באַשטראָפן פאַר זיינע געפילן צום פאָטערלאַנד. ער האָט געוווסט, אַז עס שמעקט מיט סכנת-נפשות, און דערפאַר האָט ער אויסגעשריגן, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער לונג און אויף דער צונג. ער איז מיר נישט קיין קרוב און נישט קיין גואל, אָבער פאַר וואָלאָדזיאָווסקין איז ער ווי אַ ברודער, אָדער גאָר ווי אַ פאָטער. פון גרויס צער איבער זיין טויט וואָלט ער פאַרצווייפלט געוואָרן ביז גאָר, און איך וויל דאָס נישט. אַזאַ טבע האָב איך שוין, אַז ווען איך גיין עמעצן גוטס, וואָלט איך אים די נשמה אוועקגעגעבן. ווען עמעצער וואָלט מיך פאַרשווינט, אָבער מיינעם אַ פריינט אום געבראַכט, וואָלט איך דער טייוול געמעגט כאַפן פאַר אַזאַ טובה. גנעדיקער הער פירשט! פאָטער מיינער, בעל-טובה מיינער, טוט מיט מיר דעם גאַנצן חסד, שענקט מיר דעמדאָזיקן שליאַכטשיץ, און איך וועל אייך דאָס גאַנצע בלוט מיינס אוועקשענקען, אפילו שוין מאָרגן, הייַנט, באַלד!

ראַדזיוויל האָט געביסן די וואָנסעס.

— איך האָב אים געכטן דעם טויט אָנגעצייכנט אין דער נשמה.

— דאָס, וואָס דער הזטמאַן און ווילנער וואָיעוואָדע האָט אָנגעצייכנט, קען דער ליטווישער גרויס-פירשט און — זאָל גאָט געבן אין דער צוקונפט — דער פוילישער קעניג, אַלס גנעדיקער מאָנאַרך, מבטל מאַכן...

הער אַנדזשעי האָט געזאָגט אויפריכטיק דאָס, וואָס ער האָט געפילט אָדער געטראַכט, אָבער ווען ער וואָלט געווען דער דורכגעטריבנסטער הויף-מאַן, וואָלט ער קיין וואָגיקערן אַרגומענט אויף צו פאַרטיידיקן זיינע פריינט נישט געקענט צוטראַכטן. דאָס

שטאָלצע פּנים פֿון מאַגנאַט האָט זיך אויסגעלייטערט — און ער האָט די אויגן צוגעמאַכט, ווי ער וואָלט זיך געקוויקט מיטן קלאַנג פֿון דיראָזיקע טיטלען, וועלכע ער האָט נאָך נישט פֿאַרמאָגט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— האָסט מיך מיט דײַנע ווערטער אַזוי גענומען, אַז איך קען דיר גאָרנישט אָפּזאָגן. זיי וועלן אַלע קיין בירזשע גיין. זאָלן זיי דאָרט באַ די שוועדן אָפּקומען פֿאַר די חטאים, און דערנאָך, אַז עס וועט מקוים ווערן דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט, וועסטו קענען אַ נײַעם חסד פֿאַר זיי פֿאַרלאַנגען.

— איך שווער באַ גאָט, אַז איך וועל פֿאַרלאַנגען. הלוואַי וואָס גיכער! — האָט קמיטשיץ געענטפֿערט.

— גיי-זשע איצט און זאָג זיי אָן די גוטע בשׂורה!

— די בשׂורה איז גוט פֿאַר מיר, אָבער נישט פֿאַר זיי, ווײַל זיי וועלן אים אוודאי מיט דאַנק נישט אויפֿנעמען, בפֿרט, אַז זיי האָבן זיך נישט געריכט אויף דעם, וואָס האָט זיי געדראָט. איך וועל נישט גיין, גנעדיקער הער פֿירשט, ווײַל דאָס וואָלט אויסגעזען אַזוי, ווי איך וואָלט זיך וועלן מיט מײַן שתדלנות פֿאַר זיי רימען.

— טו, ווי דו ווילסט. אָבער אויב אַזוי, פֿאַרליר נישט קיין צײַט און לאָז דיך אין וועג אַרײַן נאָך מירסקיס און סטאַנקעוויטשס פּולקן, ווײַל באַלד דערנאָך וואַרט אויף דיר אַ צווייטע עקספּעדיציע, פֿון וועלכער דו וועסט אוודאי זיך נישט אָפּזאָגן.

— וואָסערע, גנעדיקער הער פֿירשט?

— וועסט פֿאָרן פֿאַרבעטן אין מײַן נאָמען דעם הער ביעלעוויטש, דעם ראָסיענער שווערט-טרעגער, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט דער קרובֿה קומען צו מיר, קיין קיידאַני, און דאָ אויף דער צײַט פֿון דער מלחמה זיך באַזעצן, פֿאַרשטייסט?

קמיטשיץ איז מבֿולבל געוואָרן.

— ער וועט דאָס נישט וועלן טון... ער האָט פֿאַרלאָזט קיידאַני אין גרויסער רציחה.

— כ'האָף, אַז די רציחה האָט אים שוין אָפּגעלאָזט; אויף

יעדן מאָל װעסטו נעמען מענטשן מיט זיך און אויב זיי װעלן נערבחיליק נישט װעלן קומען אַהער, װעסטו זיי אַריינזעצן אין אַ קאָטש, אַרומרינגלען מיט דראַגונער און אַהערברענגען. דער שליאַכטשיץ איז געװען װייך װי װאַקס; װען כ'האָב מיט אים גערעדט, האָט ער זיך צעפלאַמט װי אַ מיידל און זיך געבייגט ביז צו דער ערד; אָבער אויך ער האָט זיך דערשראָקן פאַרן שװעדישן נאָמען, װי אַ שד פאַר װייררויך, און איז אַװעקגעפאָרן. איך דאַרף אים דאָ האָבן אי פאַר דיר און אי פאַר מיר. איך האָף, אַז איך װעל פון דאָזיקן װאַקס נאָך אויסקנעטן אַזאַ ליכט, װי מיר װעט געפעלן, און װעמען איך װעל װעלן, דעם װעל איך עס אָנצינדן. עס װעט גאָר גוט זיין, אויב עס װעט אַזוי געשען... און אויב נישט, װעל איך לפחות האָבן אַן ערובניק. די בילעװיטשס האָבן אין זשאַמעט אַ גרויסע השפעה, װייל זיי זענען דורך קרובהשאַפט כמעט מיט דער גאַנצער שליאַכטע פאַרקניפט.

אויב איך װעל אייגעם און דאָס נאָך דעם עלטסטן באַקומען אין די הענט, װעלן די איבעריקע צװיי מאָל זיך מיישב זיין, איידער זיי װעלן עפּעס קענען מיר אונטערנעמען. און הינטער זיי און הינטער דיין מיידל שטייט דאָך דאָס גאַנצע לאַוּדער געװימל, װאָס אויב עס װאָלט אַװעק אין לאַגער פון װיטעבסקער װאָיעװאָדע, װאָלט ער זיי אודאי מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען... אַ װיכטיקער ענין איז דאָס, אַזוי װיכטיק, אַז איך לייג זיך איבער, צי איך זאָל נישט פון די בילעװיטשס אָנהייבן.

— אין װאָלאָדיִאָװסקיס פּולק דינען בלויז לאַודער מענטשן.

— די אַפּוטרופּסים פון דיין מיידל. אויב אַזוי זאָל דיין ערשטע זאַך זיין זי דאָ אַראָפּצוברענגען. אָבער הער מיך אויס: איך נעם זיך אונטער דעם הער שװערט-טרעגער צו געװינען אויף אונדזער זייט, אָבער מיטן מיידל מוזסטו דיר שוין אַליין אַן עצה געבן, װי דו קענסט. אַז איך װעל דעם שװערט-טרעגער האָבן געװונען, װעט עס דיר העלפן דאָס מיידל צו געװינען. װעט זי מסכים זיין, װעל איך אייך באַלד, אָן שום שהיות, חתונה-מאַכן... װעט זי נישט מסכים זיין, נעם זי אָן איר הסכם. אַז

עס וועט זיין לאחר־המעשה, וועט זיין פאַרפאַלן. . . מיט מיידלעך דאַרף מען נאָר אַזוי זיך נוהג זיין. זי וועט וויינען און קלאָגן, אַז מען וועט זי צו דער חופּה שלעפּן, אָבער אויפן צווייטן טאָג וועט זי טראַכטן, אַז דער טייוול איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מען מאָלט אים, און אויפן דריטן טאָג וועט זי זיין צופרידן. ווי אַזוי האָט איר זיך דען נעכטן צעשיידט?

— ווי זי וואָלט מיר אין פּיסק דערלאַנגט!

— וואָס האָט זי דען געזאָגט?

— זי האָט מיך גערופן בוגד. . . כ'האָב שיִער נישט די נכפּה באַקומען.

— אַזאַ פאַרביסענע איז זי? אַז דו וועסט זיין איר מאַן, זאָלסטו איר זאָגן, אַז די עובדא פון ווייבער איז זיך צו פאַרנע־מען מיטן שפּינרעדל, און נישט מיט כּלל־זאַכן, און האַלט זי קורץ.

— דער גנעדיקער הער פירשט קען זי נישט. יעדער זאַך מעסט זי מיט איין מאָס; ערלעך אָדער אומערלעך. און שכל האָט זי, מעג נישט איין מאַנסביל זי מקנא זיין. גאָך איידער דער מענטש קוקט זיך אום, טרעפט זי שוין אין פּינטל אַריין.

— זי האָט דיר אויך געטראָפן אין האַרץ אַריין. . . באַמי זיך איר אויך צו טרעפן.

— הלוואַי, גנעדיקער הער פירשט. איך האָב זי שוין אַמאָל גענומען מיט אַ באַוואָפנטער האַנט, אָבער איך האָב זיך דערנאָך דאָס וואָרט געגעבן, אַז איך וועל מער דאָס נישט טון. . . און דאָס, וואָס דער גנעדיקער הער פירשט זאָגט, אַז איך זאָל זי אפילו מיט געוואַלט צו דער חופּה פירן, קען איך דאָס באַ מיר נישט פועלן, ווייל איך האָב זיך און איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל קיין געוואַלט מער נישט באַנוצן. . . די גאַנצע האָפנונג מיינע איז, אַז דער גנעדיקער הער פירשט וועט דעם הער שווערט־טרע־גער אויפקלערן, אַז נישט בלויז מיר זענען נישט קיין בוגדים, נאָר אַז מיר זענען אויסן דאָס פאָטערלאַנד אויסצולייזן. . . אויב ער וועט זיך איבערצייגן, וועט ער אויך זי איבערצייגן, און דאַ־מאָלס וועט זי אַנדערש אויף מיר קוקן. איצט וועל איך פאָרן צו

בילעווימשן און זיי ביידע דאָ אהערברענגען, ווייל איך האָב מורא, אַז זי זאָל נישט ערגעץ אין אַ קלויסטער אַריינגיין... אָבער איך וועל דעם גנעדיקן הער פירשט זאָגן דעם ריינעם אמת, אַז הגם דאָס איז אַ גרויס גליק פאַר מיר צו קוקן אויפן דאָזיקן מיידל, וואָלט איך בעסער וועלן די גאַנצע שוועדישע מאַכט אָנגרייפן, איידער זיך איצט פאַר איר שטעלן, ווייל זי קען נישט מיינע ערלעכע כוונות און האַלט מיך פאַר אַ בוגד.

— אויב דו ווילסט, וועל איך אַן אַנדערן אַהינשיקן, כאַרלאַמפּן אָדער מיעלעשקאָן.

— ניין! כ'וועל בעסער אַליין פאָרן... כאַרלאַמפּ איז, איבעריקנס, פאַרווּנדעט.

— איז נאָך בעסער. כאַרלאַמפּן האָב איך נעכטן געוואָלט אַרויסשיקן צו וואָלאָדיאָווסקיס פּולק, כדי ער זאָל איבער אים די קאָמאַנדע איבערנעמען און, אויב עס וועט נויטיק זיין, צווינגען צו געהאָרכזאַמקייט; אָבער דאָס איז אַן אומגעשיקטער מענטש און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט איבער די אייגענע מענטשן קיין שליטה נישט. איך קען אים צו גאָרנישט אויסנוצן פאַר=זשע צוערשט נאָכן שווערט-טרעגער און מיידל, און דערנאָך צו יענע פּולקן. און לעצטן פאַל זאָלסטו נישט חס זיין אויף קיין בלוט, ווייל מען דאַרף ווייזן די שוועדן, אַז מיר האָבן אַ מאַכט און אַז מיר האָבן פאַר אַ מרידה קיין מורא נישט.. די פּולקאָווניקעס וועל איך באַלד אונטער אַ באַגלייטונג אַוועקשיקן. איך האָף, אַז פּוילוס דע לאַ גאַרדי וועט דאָס אָננעמען פאַר אַ באַווייז פון מיין אויפריכטיקייט... מיעלעשקאָ וועט זיי באַגלייטן. שווער גייט עס צו פון צנהייב! שווער! איך זע שוין, אַז האַלבע ליטע וועט זיך מיר אַקעגנשטעלן.

— עס שאַדט נישט, גנעדיקער הער פירשט, ווער עס האָט אַ ריין געוויסן, דער וועט זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּשרעקן.

— כ'האָב געמיינט, אַז על-כל-פנים די ראַדזיווילס וועלן זיך אַלע שטעלן אויף מיין זייט, דערווייל זע, וואָס עס שרייבט מיר דער פירשט טיש-מייסטער פון ביעסוויעזש.

דאָ האָט דער העטמאַן געגעבן קמיטשיצן קאַזשימיעזש מי־כאַלס בריוו.

קמיטשיץ איז מיט די אויגן דורכגעלאָפן דעם בריוו.

— ווען איך וואָלט נישט געקענט דעם גנעדיקן הער פירשטס כוונות, וואָלט איך געמיינט, אַז ער איז גערעכט און אַז דאָס איז דער ערלעכסטער האַר אויף דער וועלט. זאָל אים גאָט געבן אַל־דאָס גוטס!... איך זאָג, וואָס איך טראַכט...

— פאַר שוין! — האָט דער העטמאַן געזאָגט מיט אַ גע־חיסער אומגעדולד.

3. קאַפּיטל.

קמיטשיק איז אָבער נישט אַרויסגעפאָרן נישט יענעם טאָג און נישט צומאָרגנס, ווייל זייער שלעכטע ידיעות זענען פון אַלע זייטן אָנגעקומען קיין קיידאַני. אַזוי איז נאַרנאַכט געקומען צולויפן אַ קוריער מיט דער מעלדונג, אַז מירסקיס און סטאַנקעוויטשס פולקן מאַרשירן אַליין צום העטמאַנס רעזידענץ, גרייט מיט באַוואָפנטער קראַפט צו פאָדערן אַרויסצוגעבן זייערע פולקאָווניקעס; אַז עס הערשט צווישן זיי אַ שרעקלעכע אויפרעגונג און אַז זיי האָבן אַרויסגעשיקט דעפּוטאַציעס צו אַלע פולקן, וואָס שטייען לעבן קיידאַני און ווייטער, אַזש אויף פּאָלעסיע קיין זאַבלודאָוו, מיט דער מעלדונג וועגן העטמאַנס בגידה און מיט אַן אויפפאָדערונג, זיך צונויפצונעמען און איינעם צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. ס'איז דערביי לייכט געווען פאָרויסצוזען, אַז אַ סך שליאַכטשיצעס וועלן צושטיין צו די צעבונטעוועטע פולקן און אַז עס וועט זיך בילדן אַ באַדייטנדיקע קראַפט, וועלכע עס וועט שווער זיין בייצוקומען אין נישט באַפעסטיקטן קיידאַני, בפרט, אַז נישט

אויף אַלע פֿולקן, וואָס ראַדזיוויל האָט געהאַט בײַ דער האַנט, האָט מען געקענט אויף זיכער רעכענען.

דאָס האָט געענדערט דעם העטמאַנס אויסרעכענונגען און אַלע זיינע פּלענער, אָבער אַנשטאָט אָפּצושוואַכן דעם מוט, האָט עס, דאַכט זיך, אים נאָך געשטאַרקט. ער האָט באַשלאָסן אַליין אַרויס־צומאַרשירן אַקעגן די מורדים בראש פֿון די געטרייע שאָטישע רעגימענטן, פֿון די רייטער און אַרטילעריע און צו דערשטיקן דאָס פֿייער אין שורש. ער האָט געוווסט, אַז די זעלנער אַן די פֿולקאָווניקעס זענען נאָר ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך, וועלכע וועלן זיך צעלויפֿן בלויז פֿון אימה פֿאַרן נאָמען פֿון העטמאַן.

ער האָט אויך באַשלאָסן נישט צו שפּאָרן קיין בלוט, כּדי דאָס גאַנצע חיל, די גאַנצע שליאַכטע, יאָ, אויך גאַנץ ליטע זאָל זיך אַרײַנפּנעמען אַ מוסר־השׂכּל און נישט דערוועגן זיך אפֿילו אַ ריר צו טאָן אונטער זיין אייזערנער האַנט. עס האָט געזאָלט מקוים ווערן אַלץ, וואָס ער האָט געפּלאַנט, און דאָס מיט די אייגענע כּוחות.

דעם זעלבן טאָג נאָך זענען אַ פּאָר אויסלענדישע אָפֿיצירן אַרויסגעפֿאָרן קיין פּרייסן ווערבירן דאָרט פֿרישע חיילות, און אין קיידאַני האָט געבריוזט פֿון באַוואָפֿנטע מאַסן. די שאָטישע רעגימענטן, די אויסלענדישע ריטער, מיעלעשקאָס און כאַרלאַמפּס דראַגונער און הער קאָרפּס „פֿייערדיק פֿולק" האָבן זיך געגרייט צו דער עקספּעדיציע. דעם פֿירשטס היידוקן, די דינערשאַפֿט, די קיידאַנער איינוווינער האָבן געזאָלט פֿאַרשטאַרקן דעם פֿירשטס כּוחות, און לסוף איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צוצואיילן דאָס אַרויסשיקן די אַרעסטירטע פֿולקאָווניקעס קיין בירזשע, ווו ס'איז געווען זיכערער זיי צו האַלטן, איידער אין אָפֿענעם קיידאַני. דער פֿירשט האָט מיט רעכט דערוואַרט, אַז דאָס אַרויסשיקן זיי אין אַזאַ אָפּגעלעגענע פֿעסטונג, ווו עס האָט לויטן אָפּמאַך שוין געזאָרפּט שטיין אַ שוועדישער גאַרניזאָן, וועט פֿון די מוחות פֿון די צעבונטעוועטע זעלנער אַרויסשלאָגן די האָפֿענונג זיי צו באַפֿרייען און די מרידה וועט דורך דעם פֿאַרלירן יעדן יסוד.

הער זאַגלאַבאַ, די סקשעטוסקיס און וואָלאָדיאָווסקיס האָבן געזאָלט מיטמאַכן דעם גורל פון זייערע אחים-לצרה.

עס איז שוין געווען אָוונט, ווען אין קעלער, ווו זיי זענען געזעסן, איז אַריינגעקומען אַן אָפיציר מיט אַ לאַמטער אין דער האַנט און געזאָגט:

— קלויבט זיך, גנעדיקע הערן, צו גיין מיט מיר.

— וווהין? — האָט הער זאַגלאַבאַ געפרעגט מיט אַן אומרויִקער שטים.

— איר וועט שוין געוווּיר ווערן... גיכער! גיכער!

— מיר גייען.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען. אין קאָרידאָר זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן פון שאָטישע זעלנער, באַוואָפנט מיט ביקסן. זאַגלאַבאַ איז געוואָרן וואָס אַמאָל אומרויִקער.

— צום טויט וואָלט מען דאָך אונדז נישט געפירט אָן קסיאָנדז, אָן ווידוי? — האָט ער וואָלאָדיאָווסקין געשעפטשעט אין אויער אַריין.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום אָפיציר:

— ווי איז אייער חשובער נאָמען, כ'בעט אייך?...

— און וואָס גייט אייך אָן מיין נאָמען?

— ווייל איך האָב אַ סך קרובים אין ליטע און ס'איז אָנגענעם צו וויסן, מיט וועמען מ'האָט צו טון.

— ס'איז איצט קיין צייט נישט דעם יחוס אויסצורעכענען, אָבער אַ שוטה איז דער, וואָס שעמט זיך מיט זיין נאָמען... איך בין ראָך קאָוואַלסקי, אויב איר ווילט וויסן.

— אַ פיינע משפחה איז דאָס! די מאַנסבילן זענען גוטע זעלנער, די ווייבער גרויסע צניעות. מיין באָבע איז געווען אַ קאָוואַלסקאַ, אָבער זי איז מיר אָפּגעשטאָרבן, נאָך איידער איך בין אויף דער וועלט געקומען... און איר זענט פון וועלכע קאָוואַלסקיס: פון די ווירעווסס אָדער קאָראַבס?

— וואָס ווילט איר מיך דאָ באַנאַכט חוקר-ודורש זיין?

— ווייל איר זענט אוודאי מיינער אַ קרוב, מחמת דער בוי פון אונדזערע קערפּערס איז אויך אַן ענליכער. איר

האָט גראָבע בייכער און ברייטע פלייצעס, פּונקט ווי איך, און איך בין אינגאַנצן געראָטן אין דער באָבען.

— נו, מיר וועלן זיך שוין אויפן וועג וועגן דער משפּחה אויסטענהן. . . מיר האָבן צייט!

— אויפן וועג? — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

און אַ גרויסע משא איז אים פון דער ברוסט אַראָפּגעפאַלן. ער האָט אָפּגעסאָפּעט, ווי אַ בלאָז-זאַק, און איז באַלד געוואָרן מונטער.

— הער מיכאַל — האָט ער געשעפּטשעט — האָב איך אייך נישט געזאָגט, אַז מ׳וועט אונדז די קעפּ נישט אַראָפּהאַקן?

דערווייל זענען זיי אַרויס אויפן שלאָס-הויף. די נאַכט איז שוין אינגאַנצן געווען צוגעפאַלן. נאָר דאָ און דאָרט האָבן געפלאַקערט רויטע פּיִקעלס, אָדער עס האָבן געפינקלט לאַמטערנדלעך, וועלכע האָבן געוואָרפן אַ שײַנע שיין אויף גרופּעס זעלנער, רייטער און פוסגייער פון פאַרשידענע פּולקן. דער גאַנצער הויף איז געווען געפּאַקט מיט מיליטער. מ׳האָט זיך אַ פּנים געגרייט צום מאַרש, ווייל אומעטום איז קענטיק געווען אַ גרויסע באַוועגונג. דאָ און דאָרט האָבן אין דער פינסטערניש אַ בלענדנדע שפּיזן און רוירן פון ביקסן, פערדישע קאָפּיטעס האָבן געקלונגען איבערן ברוק; איינצלנע רייטער זענען דורכגעלאָפן צווישן די פּולקן; דאָס זענען מסתמא געווען אָפיצירן, וועלכע האָבן פאַנאַנדערגעפירט באַפעלן.

קאָוואַלסקי האָט פאַרהאַלטן די באַגלייטונג און די אַרעסטאַנטן פאַר אַ גרויסן לייטער-וואָגן, איינגעשפּאַנט אין פיר פערד.

— זעצט זיך אַריין, גנעדיקע הערן! — האָט ער געזאָגט.

— דאָ זיצט שוין עמעצער — האָט זאַגלאָבאַ אַרויפקלעטערנדיק געזאָגט. — און ווו איז אונדזער דעק?

— די דעק איז אונטערן שטרוי — האָט קאָוואַלסקי געענטפערט — גיכער! גיכער!

— און ווער זיצט דאָ? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט, איינ-

קוקנדיק זיך אין די טונקעלע געשטאַלטן, וואָס זענען געלעגן אויסגעצויגן אויפן שטרוי.

— מירסקי, סטאַנקעוויטש, אָסקערקאַ! — האָבן זיך שוין מען אָנגערופן.

— וואָלאָדזיאָחסקי, יאַן סקשעטוסקי, סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי, זאַגלאָבאַ! — האָבן אונדזערע ריטערס געענטפערט.

— מיר פאַרבייגן זיך, מיר פאַרבייגן זיך!

— מיר פאַרבייגן זיך! אין אַ פייגער חברותא וועלן מיר פאָרן. און וווהין פירט מען אונדז, ווייסט איר נישט, גנעדיקע הערן?

— איר פאָרט, גנעדיקע הערן, קיין בירזשע! — האָט קאַוואַלסקי זיך אָנגערופן.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער געגעבן אַ באַפעל. אַ וואַך פון פופציק דראַגונער האָט אַרומגערינגלט דעם וואָגן און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

די אַרעסטאַנטן האָבן גענומען שמועסן אין דער שטיל.

— אין די הענט פון די שוועדן גיט מען אונדז איבער! — האָט מירסקי געזאָגט — איך האָב זיך דערויף געריכט.

— כ׳וויל בעסער זיצן צווישן שונאים, איידער צווישן בוגדים! — האָט סטאַנקעוויטש געענטפערט.

— און איך וואָלט וועלן אַ קויל אין קאָפּ אַריין! — האָט וואָלאָדזיאָווסקי אויסגערופן — איידער זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, בשעת אַזאַ אומגליקלעכער מלחמה.

— זינדיקט נישט, הער מיכאַל — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — ווייל פון וואָגן, אַבי עס זאָל נאָר זיין אַ שעת־הכושר, קענט איר מאַכן פּליטה, פון בירזשע אויך, אָבער מיט אַ קויל אין קאָפּ איז שווער צו אַנטלויפן. און איך האָב פריער געוווסט, אַז דערדאָזיקער בוגד וועט זיך נישט דערוועגן אויף אומצוברענגען.

— ראַדזיוויל וועט זיך פאַר עפּעס אָפּשרעקן! — האָט מירסקי געזאָגט — משמעות, איר קומט פון מרחקים און קענט אים נישט. קוים האָט ער עמעצן בקמה צוגעשווירן, האָט שוין יענער זיך געמעגט אַ קבר אויסגראָבן. און איך געדענק נישט

אַזאַ פאַל, אַז ער זאָל עמעצן האָבן די מינדסטע עבֿרה מוחל געווען.

— אין דאָך האָט ער נישט געהאַט די עצה אויף מיר די האַנט אויפצוהייבן! — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — ווער ווייסט, צי איר האָט נישט מיר צו פאַרדאַנקען אייער לעבן.

— פאַרוואָס עפעס?

— ווייל דער קרימער כאַן האָט מיך שטאַרק ליב דערפאַר, וואָס איך האָב אַ פאַרשווערונג אויף זיין לעבן אויפגעדעקט, ווען איך בין אין קרים אין געפאַנגענשאַפט געזעסן. און אויך אונדזער גנעדיקער האַר יאַן קאַזימיעזש איז אין מיר איינגעליבט. ער האָט נישט געוואָלט, דער רשע ראַדזיוויל, מיט צוויי מאַכט־האָבער איינרייסן, ווייל זייער האַנט וואָלט צו אים אויך אין ליטע דערגרייכט.

— וואָס רעדט איר! ער האָט פיינט דעם קעניג, ווי אַ שד ווייווייך, און ער וואָלט אויף אייך געווען נאָך מער פאַרביסן, ווען ער וואָלט געוווסט, אַז איר זענט דעם קעניגס אַ מקורב — האָט סטאַנקעוויטש געענטפערט.

— און איך מיין — האָט אָסקערקאַ זיך אָנגערופן — אַז דער העטמאַן אַליין האָט זיך נישט געוואָלט איינשמירן מיט אונדזער בלוט, כדי ער זאָל צו זיך קיין שׂנאה נישט אַרויסרופן, אָבער כ׳וואָלט געשווירן, אַז דערדאָזיקער אָפיציר פירט אַ באַפעל צו די שוועדן אין בירזשע, אַז מען זאָל אונדז תּיכּף־ומיד דערשיסן.

— אוי! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן.

זיי זענען אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן; דערווייל האָט דער וואָגן זיך אַרייַנגעקאַטשעט אין קיידאַנער מאַרק. די שטאָט איז געשלאָפן, אין די פענסטער איז נישט געווען קיין ליכט, נאָר די הינט פאַר די הייזער האָבן בייז געהיילט אויף די פאַרבייפאָרנדיקע מחנה.

— אַלצאיינס — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — יעדנפאַלס האָבן מיר געוווּנען צייט, עס קען זיך מאַכן עפעס אַ צופאַל און עס קען אויך עפעס אַ המצאה קומען אין קאָפּ אַרײַן.

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו די אַלטע פּולקאָווני־קעס :

— איר, גנעדיקע הערן, קענט מיך ווייניק, אָבער פֿרעגט מיינע חברים, אין וואָס פֿאַר אַ קלעם איך בין שוין געווען, אָבער איך האָב מיך תמיד אַרויסגעדרייט. זאָגט מיר נאָר, וואָס פֿאַר איינער איז דאָס דער אָפֿיציר, וועלכער האָט די קאָמאַנדע איבער דער חאַך ? אפֿשר קען מען אים איבעררעדן, אַז ער זאָל פֿאַר־לאָזן דעם בוגד, זיך שטעלן אויף דער זייט פֿון פֿאָטערלאַנד און מיט אונדז זיך פֿאַרייניקן ?

— דאָס איז ראַך קאָוואַלסקי פֿון די קאָראַב קאָוואַלסקיס — האָט אָסקערקאַ געענטפֿערט — איך קען אים טענהן מיט אים איז אַלציינס ווי טענהן מיט זיין פֿערד, ווייל באמונות, כ'ווייס נישט, וועד פֿון זיי איז אַ גרעסערער טיפּש.

— און מ'האָט אים פֿונדעסטוועגן געמאַכט פֿאַר אַן אָפֿי־ציר ?

— ער טראָגט די פֿאָן אין מיעלעשקאָס דראַגונער־פּאָלק, דערצו דאַרף מען נישט האָבן קיין שכל. און פֿאַר אַן אָפֿיציר האָט מען אים געמאַכט, ווייל ער האָט באַם פּירשט מיט זיין גבורה נושא־חן געווען, ווארים ער ברעכט פּאָדקאָוועס און ראַנגלט זיך מיט אויפֿגעצויגענע בערן, און ס'איז נאָך נישט געבוירן גע־וואָרן אַזאַ איינער, וועלכן ער זאָל נישט לייגן.

— אַזאַ בעל־כּוח איז דאָס ?

— יאָ, אַזאַ בעל־כּוח איז דאָס, און דערביי, זאָל אים אַן עלטסטער זאָגן : צעלייג מיטן קאָפּ די וואַנט — וועט ער קיין איין רגע נישט טראַכטנדיק זיך באַלד נעמען אין איר מיטן קאָפּ האַקן. מ'האָט אים באַפֿוילן אונדז קיין בירזשע אַוועקצופֿירן, וועט ער אַוועקפֿירן, ווען אפֿילו די ערד זאָל זיך שפּאַלטן.

— אַזוי ! — האָט געזאָגט זאַגלאָבאַ, וועלכער האָט מיט גרויסער אויפֿמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צום דאָזיקן שמועס — מוז ער דאָך יאָ זיין אַ יונג אַ גבור.

— ווייל די גבורה זיינע שטאַמט אייגנטלעך פֿון זיין טפּשות. איבעריקנס, אַז ער האָט צייט, און עסט נישט, שלאָפֿט ער. איר

װעט נישט גלייבן, אַז איך װעל אײַך דערצײלן: ער איז דאָך אַמאָל אין װאָפן־מאַגאַזין געשלאָפן גאַנצע אַכט אָן פֿערציק שעה און נאָך געגענעצט, װען מען האָט אים פֿון טאַפּטשאַן אַראָפּגע־צויגן.

— דערדאָזיקער אָפֿיציר געפֿעלט מיר זייער שטאַ״ק — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — װייל כ׳האָב שטענדיק ליב צו װיסן, מיט װעמען כ׳האָב צו טון.

באַ דידאָזיקע װערטער האָט ער זיך געװענדט צו קאָ־װאַלסקין.

— קומט נאָר דאָ אַהער! — האָט ער אים גערופֿן מיט אַ טאָן פֿון אַ היימישן.

— װאָס איז? — האָט קאָװאַלסקי געפֿרעגט, אויסדרייענ־דיק דאָס פֿערד.

— האָט איר נישט אַמאָל בראָנפֿען?

— כ׳האָב.

— גיט אַהער.

— װאָס הייסט: גיט אַהער?

— זעט איר, גנעדיקער הער קאָװאַלסקי, װען מען װאָלט דאָס נישט געטאָרט, װאָלט איר געהאַט אַ באַפֿעל נישט צו געבן, און אַזוי װי איר האָט נישט אַזאַ באַפֿעל, מעגט איר געבן.

— הע! — האָט דער פֿאַרחידושטער הער ראָך געזאָגט — טאַקע אמת! אָבער איך מוז דען?

— מוזן מוזט איר טאַקע נישט, אָבער איר מעגט, און ס׳איז אַ מצווה צו טון אַ טובה אַ קרוב און אַן עלטערן מ״בטש, װאָס װען ער װאָלט געװען חתונה האָבן מיט אייער מאַמע, װאָלט ער װי גאָרנישט געקענט זיין אייער טאַטע.

— װאָס פֿאַר אַ קרוב זענט איר מיר דאָרט!

— עס זענען פֿאַראַן צװייערליי קאָװאַלסקיס. די אײנע חתמענען זיך װיערושאַװאַ און אויף זייער הערב איז אויסגעמאָלט אַ ציגנבאָק מיט אַן אונטערגעהויבענעם הינטערשטן פֿוס, און די צװייטע קאָװאַלסקיס האָבן אויף זייער הערב אַ שיף, אויף װעל־כער זייער עלטער זיידע קאָװאַלסקי איז דורכן ים קיין פּוילן

געקומען, און די דאָזיקע קאָוואַלסקיס זענען מיינע קרובים פון
דער גאָבעס צד און דערפאַר טאַקע חתמע איך זיך אויף קאָראַב*).

— באַ גאָט! אויב אַזוי זענט איר דאָך אייך אַן אמת[illegible]
נער אַ קרוב

— זענט איר דען פון די קאָראַבס.

— פון די קאָראַבס.

— מיין בלוט, ווי גאָט איז מיר ליב! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן — גוט, וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט, ווייל איך האָב גענומען בין איך דאָך קיין ליטע געקומען צו די קאָוואַלסקיס, און הגם איך בין אויף צרות, און דו ביסט אויפן פערד און אויף דער פריי, וואָלט איך דיך גערן אַרומגענומען, ווייל אַן אייגענער איז פאָרט אַן אייגענער.

— וואָס קען איך אייך העלפן? מ׳האָט אייך געהייסן אַוועקפירן קיין בירזשע, וועל איך אַוועקפירן... טאַקע אייגן בלוט, אָבער די דינסט פאָדערט אַזוי.

— רוף מיך: פעטער! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— נאָט אייך, פעטער, בראָנפן — האָט ראָך געזאָגט — דאָס מעג מען.

זאַגלאָבאַ האָט גערן צוגענומען די פעלד-פלאַש און זיך גוט אָנגעטרונקען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַ ליבע וואַרעמקייט זיך צעגאָסן איבער אַלע זיינע אבֿרים, אין קאָפּ איז אים געוואָרן קלאָר, און אויך אין די געדאַנקען איז אים קלאָר געוואָרן.

— קריך נאָר אַראָפּ פון פערד — האָט ער געזאָגט צו ראָכן — און זעץ דיך אַ ביסל צו אויפן וואָגן, מיר וועלן זיך דורכשמועסן, ווייל כ׳וואָלט וועלן, אַז דו זאָלסט מיר עפּעס דערציילן וועגן די קרובים. איך שוין די דינסט, אָבער דאָס מעג מען דאָך.

קאָוואַלסקי האָט אַ ווײַלע נישט געענטפערט.

---

*) Korab — אַ שיף.

— מ'האָט עס נישט געאסרט — האָט ער צום סוף זיך אָנגערופן.

און באַלד דערויף איז ער שוין געזעסן אויפן וואָגן לעבן הער זאַגלאָבאַן, אָדער בעסער געזאָגט, זיך אויסגעצויגן אויפן שטרוי, מיט וועלכן דער וואָגן איז געווען פול אָנגעפּאַקט.

הער זאַגלאָבאַ האָט אים הערצלעך אַרומגענומען.

— און וואָס מאַכט דיין אַלטער?... צום טייוול!... כ'האָב פאַרגעסן, ווי ער הייסט.

— אויך ראָך.

— ריכטיק, ריכטיק. ראָך האָט באַשאַפן ראָכן... ווי גאָט האָט געבאָטן. דו דאַרפסט דיין זון אויך אַ נאָמען געבן ראָך און זאָלן זיך די שוטים פּרוכפּערן און מערן אויף דער וועלט. און באַווייבט ביסטו?

— אוודאי בין איך באַווייבט! איך בין קאָוואַלסקי, און דאָס איז מאַדאַם קאָוואַלסקאַ, קיין אַנדערע וויל איך נישט.

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט דער יונגער אָפיציר אונטערגעטראָגן צו הער זאַגלאָבאַס אויגן די קלינג פון אַ שווערער דראַגונער-שווערט און איבערגעחזרט:

— קיין אַנדערע וויל איך נישט!

— ריכטיק! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — דו געפעלסט מיר זייער שטאַרק ראָך בן ראָך. דעם גרעסטן נחת האָט אַ זעלנער, ווען ער האָט נאָר אַזאַ ווייב; און נאָך דאָס וועל איך דיר זאָגן, אַז גיכער וועט זי נאָך דיר בלייבן אַן אלמנה, ווי דו נאָך איר אַן אלמן. אַ שאָד נאָר, וואָס דו וועסט מיט איר קיין יונגע ראָכס נישט האָבן, ווייל ווי איך זע ביסטו אַ פלינקער רייטער און עס וואָלט געווען אַ שאָד, אַז אַזאַ שטאַם זאָל פאַרלוירן גיין.

— אָווואַ! — האָט קאָוואַלסקי געזאָגט — מיר זענען זעקס ברידער.

— און אַלע זענען ראָכס.

— ווי דער פעטער וואָלט געוווסט, אַז יעדער פון זיי האָט זיין קינד, אויב נישט דעם ערשטן איז דעם צווייטן, אַ נאָ-

מען געגעבן ראָך, ווייל דאָס איז אונדזער באַליבטסטער פּאַט-ראָן.

— לאָמיר נאָכאַמאָל טרינקען!

— גוט.

זאַגלאָבאַ האָט ווידער גענומען זיך צו דער פעלד-פלאַש, אָבער זי נישט אויסגעליידיקט, נאָר זי אָפּגעגעבן דעם אָפיציר און געזאָגט:

— ביז צום באָדעם! ביז צום באָדעם!

— אַ שאָד, וואָס כ'קען דיך נישט זען! — האָט ער גע-זאָגט — די נאַכט איז אַזאַ פינסטערע, כאָטש נעם און דערלאַנג אין פּיסק אַריין. די אייגענע פינגער נישט צו דערקענען. הער נאָר, גנעדיקער הער ראָך, וווהין האָט עס געזאָלט גיין דאָס מי-ליטער פון קיידאַני, ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן?

— אַקעגן די מורדים.

— איין גאָט ווייסט, ווער עס איז דאָ אַ מורד: דו, אָדער זיי?

— איך בין אַ מורד? ווי אַזוי דען? וואָס מיין העטמאַן הייסט, דאָס טו איך.

— אָבער דער העטמאַן טוט נישט, וואָס דער הער קעניג הייסט אים, ווייל ער האָט דאָך אוודאי אים נישט געהייסן מאַכן יד-אחת מיט די שוועדן. וואָלסטו נישט בעסער וועלן די שוועדן שלאָגן, איידער מיך, אַן אייגענעם, אין זייערע הענט איבער-געבן?

— כ'וואָלט אפשר טאַקע וועלן, אָבער אויף אַ באַפעל קען מען נישט עובר זיין!

— און מאַדאַם קאָוואַלסקאַ וואָלט אויך אַזוי געוואָלט. איך קען זי. צווישן אונדז גערעדט: דער העטמאַן האָט זיך קעגן קעניג און פאָטערלאַנד צעבונטעוועט. זאָלסט דאָס קיינעם נישט אויסזאָגן, אָבער אַזוי איז עס. און איר, וואָס דינט אים, דאַרפסט זיך אויך בונטעווען.

— דאָס דאַרף איך נישט פאָלגן. דער העטמאַן האָט זיינ-עלטסטע, און איך האָב מיינע, טאַקע דעם העטמאַן, און גאָט

װאָלט מיך באַשטראָפט, װען איך װאָלט אין אים מורד געװען. דאָס איז אַן אומדערהערטע זאַך!

— דו רעדסט װי אַ בר־דעת... אָבער באַטראַכט נאָר, ראַך: װען דו װאָלסט אַזױ אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון יענע מורדים, װאָלט איך דאָך פרײַ געװען און דו װאָלסט נישט געװען דער חײב, װײל אַ גרױסער מחנה מוז אפילו דער גרעסטער גבור זיך אונטערגעבן!... איך װײס נישט, װי יענע פולקן געפינען זיך ערגעץ, אָבער דו מוזסט דאָס װיסן... און זעסטו, מיר װאָלטן געקענט אַ ביסל צו זײ פאַרקירעװען.

— װאָס הײסט?

— און אַז דו װאָלסט אַזױ מיט אַ כּיװן צו זײ צוגעפאָרן? ס'װאָלט דאָך נישט געװען דײַן שולד, װען זײ װאָלטן אונדז אָפּגעשלאָגן. דו װאָלסט מיך נישט געהאַט אײפן געװיסן... און האָבן אַן אײגענעם אױפן געװיסן, גלײב מיר, דאָס איז אַ שרעקלעכע לאַסט!

— אָבער װאָס רעדט דער פעטער? בנאמנות, כ'װעל אַראָפּקריכן פון װאָגן און זיך אױפן פערד אַרױפזעצן. נישט איך װעל האָבן דעם פעטער אױפן געװיסן, נאָר דער העטמאַן. כּל־זמן איך לעב, װעט פון דעם גאָרנישט װערן!

— גאָרנישט, איז גאָרנישט! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — עס געפעלט מיר, װאָס דו רעדסט אמתדיק, הגם איך בין פריער געװען דײַן פעטער, אײדער ראַדזיװיל דײַן העטמאַן. און װײסטו, ראַך, װאָס דאָס איז אַזױנס אַ פעטער?

— אַ פעטער איז אַ פעטער.

— האָסט דאָס זײער קלוג באַרעכנט, אָבער די הײליקע שריפט זאָגט דאָך, אַז דאָרט, װו קײן טאַטע איז נישטאָ, מוז מען פאָלגן דעם פעטער. דאָס איז װי אַ פאָטערלעכע מאַכט, װעלכער ס'איז אַ זינד זיך אַקעגנצושטעלן, ראַך... װאָרים דו מוזסט אױך דאָס באַטראַכטן, אַז װער עס האָט חתונה, דער קען לײכט װערן אַ טאַטע; אָבער אין אַ פעטער פליסט דאָסזעלבע בלוט, װאָס אין אַ מאַמע. איך בין אמת נישט קײן ברודער פון דײַן מאַמע, אָבער מײַן באָבע האָט געמוזט זײַן אַ מומע פון דײַן באָ-

בע; נעם דיר דעריבער אין זין אריין, אז איך טראג אין זיך דעם אנזען פון א פאר דורות, וואָרים אזוי ווי מיר אלע אויף דער וועלט זענען נאָר שטערבלעכע בשר-ודמס, גייט די מאַכט איבער פון איין דור אויפן צווייטן, און סיי די העטמאַנישע און סיי די קעניגלעכע מאַכט קענען זי נישט פאַרלייקענען און אויך קיינעם נישט נייטן, אז ער זאָל זיך איר אקעגנשטעלן. וואָס איז אמת, איז הייליק! האָט דען דער גרויס-העטמאַן, אָדער, א שטיי-גער, דער וויצע-העטמאַן דאָס רעכט גוזר צו זיין, איך רעד שוין נישט וועגן א שליאַכטשיק אָדער אַן אָפיציר, נאָר אפילו אויף דעם מינדסטן קנעכט, אז ער זאָל באַפאַלן אַן אייגענעם טאַטע, א מאַמע, אַ זיידע, אָדער אַן אלטע, בלינדע באָבע? ענטפער מיר דערויף, ראָך! האָט ער דאָס רעכט?

— הע? — האָט קאָוואַלסקי געפרעגט מיט אַ שלעפעריקער שטים.

— אויף אַן אַלטע, בלינדע באָבע! — האָט הער זאַגלאָ-באַ איבערגעחזרט — ווער וואָלט דאַמאָלס געוואָלט חתונה-האָבן און קינדער געבוירן, אָדער אויף אייניקלעך זיך דערוואַרטן?...

ענטפער מיר אויך אויף דעם, ראָך!

— איך בין קאָוואַלסקי, און דאָס איז מאַדאַם קאָוואַלסקאַ — האָט דער אָפיציר וואָס אַמאָל שלעפעריקער געזאָגט.

— אַז דו ווילסט, זאָל זיין אַזוי! — האָט זאַגלאָבאַ גע-ענטפערט — ס'איז אפילו בעסער, וואָס דו וועסט קיין קינדער נישט האָבן, וועלן ווייניקער בטלנים זיין אויף דער וועלט. נישט אמת, ראָך?

זאַגלאָבאַ האָט אָנגעשטעלט דאָס אויער, אָבער ער האָט שוין נישט דערהערט קיין שום תשובה.

— ראָך! ראָך! — האָט ער שטיל גערופן.

הער ראָך איז געשלאָפן, ווי אַ געהרגעטער.

— שלאָפסט?... — האָט זאַגלאָבאַ אַ ברום געטון — וואַרט צו... כ'וועל דיר דאָסדאָזיקע אייזערנע טעפל פון קאָפּ אַראָפּנעמען, ווייל ס'איז דיר נישט באַקוועם. דער רעגן-מאַנטל שטיקט דיך באַם האַלדז, דאָס בלוט קען דיר נאָך קומען אין קאָפּ

אַריין. וואָס פאַר אַ קרוב וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט דיך נישט מציל געווען.

דאָ האָבן הער זאַגלאָבאַס הענט גענומען לייכט נישערן לען קאָוואַלסקיס קאָפּ און האַלדז. אויפן וואָגן זענען אַלע געשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף; די זעלבנער האָבן זיך אויך געשאָקלט אויף די זאָטלען, און די, וואָס זענען געפאָרן פאָרנט, האָבן אין דער שטיל זונטערגעזונגען, און אַגב גוט אויסגעקוקט דעם וועג, ווייל הגם די נאַכט איז נישט געווען קיין רעגנדיקע, איז דאָך געווען זייער פינסטער.

פונדעסטוועגן, אין אַ געוויסער צייט אַרום, האָט דער זעלבנער, וואָס האָט האַרט הינטערן וואָגן געפירט דאָס פערד, דערזען אין דער פינסטערניש דעם מאַנטל און העלם פון זיין אָפיציר. נישט פאַרהאַלטנדיק דעם וואָגן האָט קאָוואַלסקי זיך פון אים אַראָפּגעלאָזט און אַ ווונק געטון, אַז מען זאָל אים דאָס פערד דערלאַנגען.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין אויף אים געזעסן.

— הער קאָמענדאַנט, און וווּ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף נאַכט? — האָט דער וואַכמייסטער, דערנענטערנדיק זיך צו אים, געפרעגט.

הער ראָן האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט און זיך געלאָזט רייטן פאָרויס, האָט אייַנציקווייז געמיטן די זעלבנער, וואָס זענען געפאָרן פון פאָרנט, און איז באַלד געוואָרן אין דער פינסטערניש.

באַלד האָט צו די אויערן פון די דראַגונער זיך דערטראָגן דער אָפּהילך פון דעם פערדס גיכן לויף.

— דער קאָמענדאַנט האָט זיך געלאָזט גאַלאָפּ! — האָבן די צווישן זיך געזאָגט — ער וויל אוודאי זיך אומקוקן, צי עס איז ערגעץ אין דער נאָענט נישט פאַראַן עפּעס אַ קרעטשמע. ס'וואָלט שוין צייט געווען די פערד צו פאַשן, די העכסטע צייט!

דערווייל איז אַריבער אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צוויי און ... קאָוואַלסקי איז משמעות גאָר אַלץ געפאָרן ווייטער, ווייל

מ'האָט אים עפּעס נישט געזען. די פערד זענען שוין פאַרמאַטערט געווען, באַזונדערס באַם טאָג, און זיי האָבן גענומען פאַמעלעך זיך שלעפּן. די שטערן זענען פאַרשוואונדן פון הימל.

— זאָל נאָר עמעצער אַ שפּרינג טון צום קאָמענדאַנט — האָט דער וואַכמײַסטער זיך אָנגערופן — זאָג אים, אַז די שקאַפּעס קענען שוין קוים די פיס נאָכשלעפּן, און די פערד באַם וואָגן זענען אָפּגעשטאַנען.

איינער פון די זעלנער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, אָבער אין אַ שעה אַרום איז ער צוריקגעקומען איינער אַליין.

— פון קאָמענדאַנט איז קיין זכר און קיין שפּור נישטאָ — האָט ער געזאָגט — ער האָט געמוזט אויף אַ מײַל וועג זיך דערווייטערן.

די זעלנער האָבן גענומען וואָרטשען פון אומצופרידנהייט.

— אים איז גוט, ווײַל ער האָט באַטאָג זיך אויסגעשלאָפן און אויך איצט אויפן וואָגן, און דו, אומגליקלעכער, שלעפּ דיך באַנאַכט און צי אַרויס דעם לעצטן אָטעם פון דיר און פון פערד.

— דאָ נישט ווײַט איז אַ קרעטשמע פאַרהאַן — האָט געזאָגט דערזעלבער זעלנער, וואָס איז געריטן פאַרויס — האָב איך געמיינט, אַז כ'וועל אים דאָרט טרעפן, אָבער עס הייבט זיך נישט אָן! . . . כ'האָב זיך אײַנגעהאָרכט, צי כ'וועל דאָס פערד נישט דערהערן. . . מען הערט גאָרנישט. דער טײַוול ווייסט, ווו ער איז פאַרפאָרן.

— מיר וועלן סײַ ווי זיך דאָרט אָפּשטעלן — האָט דער וואַכמײַסטער געזאָגט — מ'דאַרף די פערד לאָזן אויסרוען.

זיי האָבן טאַקע פאַרהאַלטן דעם וואָגן פאַר דער קרעטשמע. די זעלנער זענען אַראָפּגעקראָכן פון די פערד. אַ טייל איז אַוועק אָנקלאַפּן אין דער טיר און אַ צווייטע טייל האָט אָפּגעבונדן די בינטלעך היי, וואָס זענען געהאָנגען הינטער די זאָטלען, כדי די פערד כאָטש פון די הענט אָנצוקאָרמען.

די געפאַנגענע אויפן וואָגן האָבן זיך אויפגעוועקט, ווען דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— און ווו זענען מ׳ר דאָס? — האָט דער אַלטער סטאַני־קעוויטש געפרעגט.

— באַנאַכט קען איך נישט דערקענען — האָט וואָלאָ־דזאָווסקי געענטפערט — בפרט, אַז מיר פאָרן נישט דורך אופּי־טאַ.

— אָבער פון קיידאַני קיין בירזשע פאָרט מען דאָך דורך אופּיטאַ? — האָט יאַן סקשעטוסקי געפרעגט.

— אמת. אָבער אין אופּיטאַ שטייט מיין פולק, פאַר וועלכן דער פירשט האָט אַפּנים מורא געהאַט, אַז ער זאָל זיך נישט אַקעגנשטעלן, דערפאַר האָט ער געהייסן דורך אַן אַנדערן וועג פאָרן. באַלד הינטער קיידאַני האָבן מיר זיך אַרויסגעדרייט אויפן וועג קיין זאַלנאַווו און קראָקי, פון דאָרט וועלן מיר מסתמא פאָרן איבער בייסאַגאָרע און שאַוולי. מיר וועלן מאַכן אַ שטיקל אומוועג, דערפאַר אָבער וועלן אופּיטאַ און פּאָניעוויעזש בלייבן אויף רעכטס. אויפן וועג זענען דאָרט נישטאָ קיין שום פולקן, ווייל די אַלע, וואָס זענען געווען, האָט מען אַראָפּגעבראַכט קיין קיידאַני, כדי זיי צו האָבן אונטער דער האַנט.

— און הער זאַגלאָבאַ — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי געזאָגט — שלאָפט געשמאַק און כראָפּעט, אַנשטאָט צו טראַכטן וועגן המצאות, ווי ער האָט זיך באַרימט.

— זאָל ער שלאָפן... ס׳האָט אים אַפּנים מיד געמאַכט דאָס געשפּרעך מיטן דאָזיקן באַרישן קאָמענדאַנט, וועלכן ער האָט איינגעשמועסט, אַז ער איז זיינער אַ קרוב. ער האָט אים, ווייזט אויס, גענוואַלט געווינען אויף זיין זייט, אָבער עס איז אַן אומזיסטע טרחא. ווער עס האָט צוליב דעם פּאַטערלאַנד ראַדזיווילן נישט פאַרלאָזט, דער וועט אים צוליב אַ ווייטן קרוב אוודאי נישט פאַרלאָזן.

— זענען זיי דען באמת קרובים? — האָט אָסקערקאַ גע־פרעגט.

— זיי? זיי זענען פּונקט אַזעלכע קרובים, ווי איך מיט

אייך — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — ווייל דאָס, וואָס ער זאַגלאָבאַ האָט געזאָגט וועגן בשותפותדיקן הערב, איז דאָך אויך נישט וואָר, ווייל מיר איז גוט באַקאַנט, אַז זיין הערב רופט זיך ווטשעלז.

— און וווּ איז דער קאָוואַלסקי?

— ער מוז זיין בײַ די מענטשן, אָדער אין דער קרעטשמע.

— כ'וואָלט אים וועלן בעטן, אַז ער זאָל מיר דערלויבן אויפן פערד פון אַ זעלנער זיך אַרויפצוזעצן — האָט מירסקי געזאָגט — ווייל אַלע אברים זענען מיר שטייף געוואָרן.

— ער וועט דערצו זיכער נישט מסכים זיין — האָט סטאַניקעוויטש געזאָגט — ווייל די נאַכט איז אַ פינסטערע; ס'וואָלט לייכט געווען נאָכצולאָזן דאָס פערד און צומאַכן פליטה. ווער וואָלט אָנגעיאָגט!

— כ'וועל אים געבן מיין ריטערלעך וואָרט, אַז איך וועל נישט פרוון צו אַנטלויפן, איבעריקנס, וועט מסתמא באַלד אויך אָנהייבן צו טאָגן.

— זעלנער! ווו איז ערגעץ דער קאָמענדאַנט? — האָט וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט אַ דערלעבן-שטייענדיקן דראַגונער.

— און ווער ווייסט?

— וואָס הייסט: ווער ווייסט? אַז כ'זאָג דיר, זאָלסט אים רופן, דאַרפסטו אים רופן.

— אַז מיר אַליין ווייסן נישט, דער פולקאָווניק, ווו ער איז — האָט דער דראַגונער געענטפערט — ווי ער איז אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן און אַוועקגעריטן, איז ער נאָך ביז איצט נישט צוריקגעקומען.

— אַז ער וועט צוריקקומען, זאָגט אים, אַז מיר ווילן מיט אים רעדן.

— לויטן באַפעל פון הער פולקאָווניק! — האָט דער זעלנער אָפּגעענטפערט.

די געפאַנגענע זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

נאָר פון צייט-צו-צייט האָט אַ הויך געגעצן זיך דערהערט

אויפן וואָגן; דערלעבן האָבן די פערד, קייענדיק דאָס היי, מיט די ציין געקנאַקט. די זעלבער האָבן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די זאָטלען, געדרעמלט לעבן וואָגן. אַנדערע האָבן געשמועסט אין דער שטיל אָדער געגעסן, וואָס איינער האָט געהאַט, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די קרעטשמע איז געווען פּוסט און אַז קיינער האָט אין איר נישט געוווינט.

די נאַכט האָט שוין אויך גענומען בלייך ווערן. אויף דער מזרח-זייט איז דער טונקעלער פאָן פון הימל אַ ביסל גרוי געוואָרן, די שטערן האָבן זיך ביסלעכווייז געלאָשן און געלויכטן מיט אַ פלאַטערנדיקער, אומזיכערער שיין. אין דערנאָך איז אויך דער דאַך פון דער קרעטשמע גרוי געוואָרן, די ביימער, וואָס זענען לעבן איר געוואַקסן, האָבן זיך גענומען מיט זילבער באַזוימען. די פערד און די מענטשן האָבן זיך ווי אַרויסגענורעט פון שאָטן. מיט אַ ווײַלע שפּעטער האָט מען שוין אויך די פנימער געקענט דערקענען און די געלע קאָליר פון די מאַנטלען. אין די הימלען האָט זיך דער פרימאָרגן-שימער אָפּגעשפּיגלט.

הער וואָלאָדיאָיאָוסקי האָט צעגומעט די הענט און זיך אויסגעצויגן, געגעצנדיק דערביי מיט אַ פולן מויל, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אויפן שלאָפנדיקן הער זאַגלאָבאַ; מיטאַמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ צי-צוריק און אויסגעשריגן:

— אַז די קוילן זאָלן אים טרעפן! באַ גאָט! גנעדיקע הערן! גיט נאָר אַ קוק!

— וואָס איז געשען? — האָבן די פּולקאָווניקעס געפרעגט, עפענענדיק די אויגן.

— גיט נאָר אַ קוק! גיט נאָר אַ קוק! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געשריגן, טייטנדיק מיטן פינגער אויף דעם שלאָפנדיקן געשטאַלט.

די געפאַנגענע האָבן גענומען קוקן אין די אָנגעוויזענע ריכטונג און אַ פאַרהידושטקייט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף אַלעמענס פנימער: אונטער הער זאַגלאָבאַס בורקע און אין זיין היטל איז זיך רויק און געשמאַק געשלאָפן הער ראָך קאָוואַלסקי, און זאַגלאָבאַ איז גאָרנישט געווען אויפן וואָגן.

— ער איז אַנטקומען, ווי גאָט איז מיר ליב! — האָט דער פאַרווּנדערטער מירסקי געזאָגט, אומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, גלייך ווי ער וואָלט די אייגענע אויגן נישט געגלייבט.

— דאָס איז אַ דורכגעטריבענער פוקס! אַז דער טייוול זאָל אים נעמען! — האָט סטאַנקעוויטש אויסגעשריגן.

— ער האָט אַראָפּגענומען דעם העלם און דעם מאַנטל פון דאָזיקן שוטה און איז אַנטקומען אויף זיין אייגענעם פערד!

— ווי אין וואַסער אַריין!

— ער האָט אָבער געזאָגט, אַז ער וועט דורך אַ שפּיצל זיך אַרויסקריגן.

— אַזוי פיל וועלן זיי אים זען!

— גנעדיקע הערן! -- האָט וואָלאָדיאָווסקי ווייטער געזאָגט — איר קענט נאָך נישט דעמדאָזיקן מענטש, און איך בין גרייט צו שווערן, אַז ער וועט נאָך אונדז אויך מציל זיין. כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי, ווו, אויף וואָס פאַר אַן אופן, אָבער איך וועל שווערן!

— באַ גאָט! עס ווילט זיך די אייגענע אויגן נישט גלייבן! — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי געזאָגט.

דאָ האָבן די זעלנער דערשפּירט, וואָס עס איז געשען. עס איז צווישן זיי געוואָרן אַ גערודער. איינע איבער די אַנדערע זענען זיי געלאָפן צום וואָגן און אויסגעגלאָצט די אויגן, דערזעענדיק, ווי זייער קאָמענדאַנט מיט דער האָריקער בורקע און פוטערנעם היטל ליגט פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

דער וואַכמייסטער האָט אים גענומען רייסן אָן צערעמאָניעס:

— הער קאָמענדאַנט! הער קאָמענדאַנט!

— איך בין קאָוואַלסקי... און דאָס איז מאַדאַם קאָוואַלסקאַ — האָט הער ראָך געברומט.

— הער קאָמענדאַנט! אַ געפאַנגענער איז אַנטלאָפן!

קאָוואַלסקי האָט זיך אויפגעזעצט אויפן וואָגן און געעפנט די אויגן.

— וואָס?...

— אַ געפאַנגענער איז אַנטלאָפן, דער דיקער שלאַכשטיץ, וועלכער האָט מיטן הער קאָמענדאַנט געשמיסט!

דער אָפיציר איז געקומען צו זיך.

— ס'קען נישט זיין! — האָט ער אַ דערשראָקענער אויסגעשריגן — וואָס הייסט?! וואָס איז געשען? ווי אַזוי איז ער אַנטלאָפן?

— אין הער קאָמענדאַנטס העלם און מאַנטל; די זעלנער האָבן אים נישט דערקענט, די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע.

— ווו איז מיין פערד? — האָט קאָוואַלסקי אַ געשריי געטון.

— נישטאָ דאָס פערד. יענער שלאַכטשיץ איז טאַקע אויף אים אַנטלאָפן.

— אויף מיין פערד?

— יאָ!

קאָוואַלסקי האָט זיך פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט.

— יעזוס פון נצרת! מלך פון די יידן!...

מיט אַ ווילע שפעטער האָט ער אַ געשריי געטון!

— גיט אַהער דעם כלב, דעם מנוול, וואָס האָט אים דאָס פערד דערלויבט!

— הער קאָמענדאַנט! דער זעלנער איז גאָרנישט שולדיק. די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע, כאָטש דערלאַנגט אין פּיסק אַריין, און ער האָט פון אייך אַראָפּגענומען דעם העלם און דאָס מאַנטל. ער איז פאַרבייגעפאָרן האַרט לעבן מיר און איך האָב אים אויך נישט דערקענט. ווען איר וואָלט זיך בישט אויפן וואָגן געזעצט, וואָלט ער דאָס נישט געקענט באַווייזן.

— שלאָגט מיך! שלאָגט מיך! — האָט דער אומגליקלעכער אָפיציר געשריגן.

— וואָס זאָלן מיר טון, גנעדיקער הער?

— שלאָגט אים, כאַפּט אים!

— דערפון וואָלט גאָרנישט אַרויסגעקומען. ער איז אויף אייער פערד, און דאָס איז דאָס בעסטע פערד. אונדזערע זענען

שרעקלעך פאַרמאַטערט, און ער איז אַנטקעגנגעקומען מיט אַ פּאָר שעה צוריק. מיר וועלן נישט דעריאָגן*!

— יאָג זיך נאָכן ווינט אין פעלד! — האָט סטאַנקעוויטש געזאָגט.

קאָוואַלסקי האָט זיך געווענדט צו די געפאַנגענע מיט אַ ווילדער רציחה:

— איר האָט אים געהאָלפן אַנטלויפן! איך וועל אייך!...

ער האָט צונויפגעביילט די פויסטן און גענומען צו זיי צוגיין.

דאָ האָט מירסקי בייז געזאָגט:

— שרייט נישט און געדענקט, אַז איר רעדט צו עלטערע פון זיך!

הער ראָך האָט אַ ציטער געטון און אומגערנווילליק זיך אויסגעגלייכט, ווייל אינדערהמתן איז דאָך זיין חשיבות לגבי אַזאַ מירסקין געווען אַ נישטיקע און יענע געפאַנגענע זענען געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אים לויט זייער אַרט און באַדייטונג.

סטאַנקעוויטש האָט צוגעגעבן:

— ווו מ'האָט אייך געהייסן אונדז פירן, פירט אונדז, אָבער די שטים זאָלט איר נישט אויפהייבן, ווייל מאָרגן קענט איר אַרונטערפאַלן אונטער די קאָמאַנדע פון יעדן פון אונדז.

הער ראָך האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און געשוויגן.

— נישטאָ וואָס צו רעדן, הער ראָך, איר האָט זיך באַנאַרישט — האָט אָסקערקאַ זיך צוגערופן — דאָס, וואָס איר זאָגט, אַז מיר האָבן אים געהאָלפן, איז אַ נאַרישקייט ווייל ערשטנס זענען מיר געשלאָפן, פונקט ווי איר, און צווייטנס, וואָלט יעדער גיכער געהאָלפן זיך אַליין, איידער אַן אַנדערן. אָבער איר האָט זיך באַנאַרישט! קיינער איז דאָ גאָרנישט שולדיק, נאָר איר אַליין. דער ערשטער וואָלט איך געהייסן אייך דערפאַר דערשיסן, ווייל, אַז אַן אָפיציר זאָל זיך שלאָפן ווי אַ געהרגעטער אין אַ געפאַנגענעם לאָזן אַנטלויפן אין אייגענעם העלם און מאַנטל, יאָ, אפילו אויפן אייגענעם פערד, דאָס איז דאָך אַן אומדער-

הערטע זאַך, וואָס זייט די וועלט שטייט האָט עס נאָך נישט געטראָפן!

— אַן אַלטער פוקס האָט אַ יונגען געפירט אין באָד אַריין! — האָט מירסקי געזאָגט.

— יעזוס, מאַריאַ! — איך האָב דאָך די שווערט אויך נישט! — האָט קאָוואַלסקי אויסגעשריגן.

— וועט אים דען די שווערט נישט צוניצקומען? — האָט סטאַנקעוויטש שמייכלענדיק זיך אָנגערופן — הער אָסקערקאַ איז גערעכט: איר האָט זיך באַנאַרישט, יונגערמאַן. אַ פּיסטאָלעטל האָט איר אוודאי אויך געהאַט אין דער שייד?

— געהאַט טאַקע... — האָט קאָוואַלסקי ווי אַ באַוווסטלאָזער געזאָגט.

מיטאַמאָל האָט ער זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט:

— אויך אַ בריוו פון האַר פירשט צום בירזשער קאָמענדאַנט! וואָס וועל איך איצט אומגליקלעכער טון?!... כ'בין פאַרלוירן אויף אייביק!... אַז אַ קויל זאָל מיך טרעפן אין קאָפּ!...

— דאָס וועט אייך נישט מיידן! — האָט מירסקי ערנסט געזאָגט — ווי אַזוי וועט איר אונדז איצט פירן קיין בירזשע?... וואָס וועט זיין, אַז איר וועט זאָגן, דאָס איר ברענגט אונדז אַלס געפאַנגענע, און מיר, די העכערע לייטן אַמט, וועלן זאָגן, אַז דאָס דאַרפט איר גאָר אַריינגעוואָרפן ווערן אין תפיסה! וועמען, מיינט איר, וועט מען גלייבן?... קלערט איר דען, אַז דער שוועדישער קאָמענדאַנט וועט אונדז פאַרהאַלטן נאָר דערפאַר, ווייל דער הער קאָוואַלסקי וועט אים וועגן דעם בעטן? גיכער וועט ער אונדז גלייבן און אייך אין קעלער פאַרשפּאַרן.

— כ'בין פאַרלוירן! פאַרלוירן! — האָט קאָוואַלסקי געקרעכצט.

— שטותים! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

— וואָס דאַרף מען טון, הער קאָמענדאַנט? — האָט דער וואַכמייסטער געפרעגט.

— גיי צו אַלדי רוחות — האָט קאָוואַלסקי אַ געשריי געטאָן — ווייס איך, וואָס מען דאַרף טון?... ווו פאָרן?... אַז אַ דונער זאָל דיך טויט-שלאָגן!

— פאָר, פאָר קיין בירזשע!... וועסט זען!... — האָט מירסקי זיך אָנגערופן.

— אימקערן זיך קיין קיידאַני!... — האָט קאָוואַלסקי אַ געשריי געטאָן.

— אויב מ׳וועט דיך דאָרט באַ דער וואַנט נישט אַוועקשטעלן און נישט דערשיסן, זאָלן מיר חזיר-האָר אַרויסוואַקסן! — האָט אָסקערקאַ געזאָגט — ווי אַזוי וועסטו זיך ווייזן פאַרן העטמאַן? טפו! חרפות און בושות וואַרטן אויף דיר און אַ קויל אין קאָפּ, נישט מער!

— ווייל כ׳בין מער נישט ווערט! — האָט דער אומגליקלעכער יונגערמאַן אויסגעשריגן.

— נאַרישקייטן, הער ראָך! נאָר מיר קענען דיך ראַטעווען — האָט אָסקערקאַ געזאָגט — דו ווייסט, אַז מיר זענען גרייט געווען צו גיין מיטן העטמאַן אין עק וועלט און אומצוקומען. מיר האָבן געהאַט מער פאַרדינסטן, גרעסערע אַמטן פון דיר. מיר האָבן נישט איינמאָל פאַרגאָסן בלוט פאַרן פאָטערלאַנד און וועלן עס שטענדיק גערן פאַרגיסן; אָבער דער העטמאַן האָט דאָס פאָטערלאַנד פאַראַטן, האָט דאָסראָזיקע לאַנד איבערגעענטפערט אין די הענט פון די שונאים, האָט געמאַכט מיט זיי יד-אחת קעגן אונדזער גנעדיקן הער קעניג, וועלכן מיר האָבן טריישאַפט צוגעשווירן. מיינסטו, אַז אַזעלכע זעלנער, ווי מיר, איז לייכט אָנגעקומען מורד צו זיין אין די איבער-מאַכט, צו ברעכן די דיסציפלין, דעם אייגענעם העטמאַן זיך אַקעגנצושטעלן? אָבער ווער עס איז היינט מיטן העטמאַן, דער איז קעגן פאָטערלאַנד! ווער עס איז היינט מיטן העטמאַן, דער איז קעגן מאַיעסטעט! ווער עס איז היינט מיטן העטמאַן, דער באַגייט אַ בגידה לגבי דעם קעניג און דער רעפּובליק!... דערפאַר טאַקע האָבן מיר געוואָרפן די שטאַבן צו די פיס פון העטמאַן, ווייל די ערלעכקייט אין די טריישאַפט און דער כבוד האָבן אַזוי געבאָטן. און ווער

האָט דאָס געטױן, צי נאָר איך אַלײן? ניין! אויך הער מירסקי און הער סטאַקעוויטש, די בעסטע זעלנער, די אויסגעצייכנטע מענטשן!... און ווער איז בײַ אים געבליבן?... רשעים!... און פאַרוואָס גייסטו אויך נישט אויפן וועג פון די, וואָס זענען בעסער און קלוגער און עלטער פון דיר? ווילסטו, אַז דיין נאָמען זאָל ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט? אַז מען זאָל דיך נאָר אַ ביגד אויסרופן?... מאַך אַ חשבון-הנפש, פרעג אָן דאָס געוויסן, וואָס דו זאָלסט טון: צי בײַ ראַדזיווילן דעם בוגד — אַ ביגד פאַרבלײַבן, אָדער גיין מיט אונדז, מיט די, וואָס ווילן זייער לעצטן הויך פאַרן פאָטערלאַנד אַרויסלאָזן, דעם לעצטן טראָפּן בלוט פאַר אים פאַרגיסן?... הלוואי וואָלט אונדז די ערד פריִער איינגעשלונגען, איידער מיר האָבן אין העטמאַן מורד געווען... אָבער בעסער וואָלטן מיר קיינמאָל פון גיהנום נישט אַרויסגעקומען, אויב מיר האָבן געזאָלט דעם קעניג און דאָס פאָטערלאַנד צוליב ראַדזיווילס פערזענלעכע פניות פאַראַטן!...

דידאַזיקע דרשה האָט געשיינט צו מאַכן אַ רושם אויפן הער רעך. ער האָט די אויגן אויסגעגלאָצט, דאָס מויל אויפגעמאַכט און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— וואָס ווילט איר, גנעדיקע הערן, פון מיר?

— אַז דו זאָלסט צוזאַמען מיט אונדז אַוועק צום וויטעבסקער וואָיעוואָדע, וועלכער וועט דאָס פאָטערלאַנד פאַרטיידיקן.

— איך האָב דאָך אָבער אַ באַפעל אײַך קיין בירזשע אַוועקצופירן.

— גיי, טענה מיט אים! — האָט מירסקי זיך אָנגערופן.

— דאָס ווילן מיר דאָך טאַקע. אַז דו זאָלסט דעם באַפעל נישט פאָלגן!... אַז דו זאָלסט פאַרלאָזן דעם העטמאַן און גיין מיט אונדז, פאַרשטייסט! — האָט געזאָגט אָסקערקאַ, וועלכער איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון געדולד.

— רעדט זיך, גנעדיקע הערן, וואָס איר ווילט, עס וועט דערפון גאָרנישט ווערן... איך בין אַ זעלנער! וואָס וואָלט איך ווערט געווען, ווען איך וואָלט דעם העטמאַן פאַרלאָזט. ס'איז נישט מיין מוח נאָר זיינער; נישט מיין ווילן, נאָר זיינער; אויב ער

וועט זינדיקן, וועט ער טראָגן די אחריות פאַר מיר און פאַר זיך, און מײַן הינטישער חוב איז אים צו פאָלגן!... איך בין אַ פּראָסטער מענטש, וואָס איך וועל מיט דער האַנט נישט מאַכן, וועל איך מיטן קאָפּ אויך נישט מאַכן... אָבער דאָס ווייס איך, אַז איך דאַרף פאָלגן און ווייטער גאָרנישט.

— אויב אַזוי, מאַך וואָס דו ווילסט! — האָט מירסקי אויסגעשריגן.

— איך האָב געזינדיקט שוין דערמיט — האָט הער ראַך ווייטער געזאָגט — וואָס איך האָב געהייסן קיין קיידאַני, זיך אומקערן, בשעת מ'האָט מיך געהייסן קיין בירזשע פאָרן... איך בין אָבער פאַרחושט געוואָרן דורך דעם דאָזיקן שליאַכטשיץ, וואָס הגם ער איז מײַן קרוב, האָט ער מיר אָפּגעטון אַזאַ זאַך, וואָס אַ פרעמדער אַפילו וואָלט עס מיר נישט געטון... וואָלט ער כאָטש נישט געווען קיין קרוב! ער האָט קיין גאָט אין האַרץ נישט געהאַט, אויב ער האָט מיר אי די שקאַפּע צוגענומען, אי דעם פירשטס גנאָד פון מיר אָפּגעטון און אי אויף אַ שטראָף מיך אויסגעשטעלט... אַזאַ קרוב איז דאָס! און איר וועט פאָרן קיין בירזשע, זאָל דערנאָך זיין, וואָס עס וויל!

— אַ שאָד די צייט, הער אָסקערקאַ — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

— אומקערן זיך קיין בירזשע, כלבים! — האָט קאָוואַלסקי אַ געשריי געטון אויף די דראַגונער.

און זיי האָבן זיך צוריק אויסגעדרייט קיין בירזשע. הער ראַך האָט איינעם פון די דראַגונער געהייסן זיך זעצן אויפן וואָגן און אַליין האָט ער זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד און געריטן לעבן די געפאַנגענע, איבערחזרנדיק אַ געוויסע צייט.

— אַן אייגענער זאָל דאָס אַזאַ זאַך אָפּטון!

הערנדיק דאָס, האָבן די אַרעסטאַנטען, הגם זיי זענען געווען נישט זיכער אין זייער גורל און שטאַרק באַזאָרגט, זיך דאָך נישט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן, און הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך צום סוף אָנגערופן.

— טרייסט זיך, הער קאָוואַלסקי, וואָס איר זענט נ ש[illegible]

קיין יחיד, ווייל גרעסערע פון אייך האָט יענער מאַן אויף סכּנות אויסגעשטעלט. . . כמיעלניצקין גופא איז ער מיט זיין כיטרעקייט איבערגעשטיגן און וואָס שייך קונציקע איינפאַלן, האָט ער צו זיך קיין גלייכן נישט.

קאָוואַלסקי האָט גאָרנישט געענטפערט, ער איז נאָר אַביסל אַוועקגעפאָרן פון וואָגן, מורא־האָבנדיק, אַז מ׳זאָל פון אים נישט חוזק־מאַכן. אגב, האָט ער זיך געשעמט אי פאַר די אַרעסטאַנטען און אי פאַר די אייגענע זעלנער און איז געווען, אַזוי באַטריבט אַז ס׳איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף אים.

דערווייל האָבן די פּאָקאָוויקעס גערעדט וועגן הער זאַגלאָבאַ און זיין וווּנדערלעכן אַנטלויפן.

— ס׳איז באמת אַ פּלאַדיקע זאַך — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — וואָס עס זענען גאָר אויף דער וועלט נישטאָ אַזעלכע סכּנות, פון וועלכע דערדאָזיקער מענטש זאָל נישט באַווייזן זיך מציל צו זיין. דאָרט, וווּ ער קען זיך מיט קיין גבֿורה און כּוח נישט העלפֿן, דרייט ער זיך אַרויס מיט אַ שפּיצל. אַנדערע פאַרלירן דעם מוט, ווען דער טויט שוועבט איבער זייער קאָפּ, און זיי גיבן זיך איבער אויף גאָטס בראָט, וואַרטנדיק, וואָס עס וועט זיין; ער אָבער הייבט באַלד אָן מיטן מוח צו אַרבעטן און טראַכט תּמיד עפּעס אויס. העלדיש איז ער אין אַ נויט ווי אַכילעס, אָבער ער וויל בעסער גיין אין אוליסעס דרכים.

— איך וואָלט אים נישט וועלן היטן ווען אפילו מ׳וואָלט אים מיט קייטן געבונדן — האָט סטאַנקעוויטש געזאָגט — וואָרים לאַ־די, וואָס ער אַנטלויפט, שטעלט ער נאָך אויס אויף לייטישן געלעכטער און אויף בזיונות.

— אוודאי! — האָט הער מיכאַל זיך אָנגערופן — ער וועט איצט קאָוואַלסקין זיין גאַנץ לעבן אויסלאַכן, און זאָל גאָט אָפּהיטן אַריינצופאַלן אין זיין מויל אַריין, ווייל קיין שאַרפערע צונג איז אין דער גאַנצער רעפּובליק נישטאָ. . . און אַז ער הייבט נאָך אָן אויף זיין שטייגער זיין זאַך אָפּצומשלען, קען מען דאָס מאָל פּלאַצן פון געלעכטער. . .

— אָבער אין אַ נויט, זאָגט איר, באַווייזט ער אויך מיט

דער שווערט זיך צו פאַרטיידיקן? — האָט סטאַנקעוויטש געפרעגט.

— אוודאי! דאָס האָט ער דאָך באַ זבאַראַזש בורלאַין צעהאַקט פאַר די אויגן פון גאַנצן חייל.

— ניין! באמונות! — האָט סטאַנקעוויטש אויסגעשריגן — אַזעלכן האָב איך נאָך נישט געזען!

— אַ גרויסע טובה האָט ער אונדז שוין געטון מיט זיין אַנטלויפן — האָט אָסקערקאַ געזאָגט — ווייל ער האָט דעם העטמאַנס בריוו צוגענומען, און ווער ווייסט, וואָס אין זיי איז קעגן אונדז געווען געשריבן... איך גלייב נישט, אַז דער שוועדישער קאָמענדאַנט אין ביזשע וועט פאָלגן אונדז, און נישט קאָוואַלסקין. דאָס וועט נישט געשען, ווייל מיר וועלן אָנקומען ווי אַרעסטאַנטן, און ער אַלס אָנפירער פון דער וואַך... אָבער, אַז זיי וועלן דאַרט נישט וויסן, וואָס מיט אונדז צו טון, דאָס איז זיכער. יעדנפאַלס וועט מען אונדז די קעפּ נישט אַראָפּהאַקן, און דאָס איז דער עיקר.

— איך האָב אויך נאָר דאָס געזאָגט — האָט מירסקי געענטפערט — כדי קאָוואַלסקין נאָך מער צוצודריקן... אָבער דאָס. וואָס איר זאָגט, אַז מ'וועט איין די קעפּ נישט אַראָפּהאַקן איז גאָרנישט קיין גרויסע נחמה. אַלץ לייגט זיך צונויף אַזוי, אַז עס איז שוין בעסער נישט צו לעבן, ווייל עס איז שוין גאָר קיין ספק נישט, אַז איצט וועט נאָך איין מלחמה אויסברעכן, און דאָס אַ בירגער־מלחמה, און זי וועט שוין זיכער דערפירן צום אונטערגאַנג, צו וואָס זאָל איך אויף מיינע אַלטע יאָרן דאָס דערלעבן?

— אָדער איך, וואָס געדענק גאַנץ אַנדערע צייטן! — האָט סטאַנקעוויטש געזאָגט.

— איר דאַרפט אַזוי נישט רעדן, גנעדיקע הערן, ווייל גאָטס רחמנות איז גרעסער פון דער מענטשלעכער רשעות, און זיין אַלמעכטיקע האַנט איז בכוח אונדז אַרויסצוראַטעווען פון תהום גראָד דאַמאָלס, ווען מיר וועלן צום ווייניקסטן זיך דערויף ריכטן.

— אלץ וואָס איר זאָגט, איז קודש־קדשים — האָט יאַן סקשעטוסקי זיך אָנגערופן — אויך אונדז, די מענטשן פון פאַרשטאָרבענעם פירשט יערעמיס חיל, איז שווער איצט צו לעבן, ווייל מיר זענען צו נצחונות צוגעוווינט געוואָרן, אָבער עס ווילט זיך דאָך נאָך דעם פאָטערלאַנד דינען, זאָל נאָר גאָט צושיקן אַ פירער נישט קיין בוגע, נאָר אַזעלכן, וואָס דער מענטש זאָל זיך קענען אים אָנפאַרטרויען בלב ונפש.

— אוי, אמת, אמת! — האָט הער וואָלאָדיאָיוסקי געזאָגט — דער מענטש וואָלט זיך געשלאָגן באַטאָג און באַנאַכט.

— און איך זאָג אייך, אַז דאָס קען צו דער גרעסטער פאַרצווייפלונג דערפירן — האָט מירסקי געזאָגט — ווייל דורך דעם טאַפּט דער מענטש אין דער פינסטער און פרעגט זיך אַליין: וואָס טון?... און די אומזיכערקייט שטיקט אים, ווי די שווערסטע משא. כ'ווייס נישט ווי אייך, אָבער אַן אומרויקייט מאַטערט אויך מיין נשמה... און ווען איך דערמאָן זיך, אַז דאָס האָב איך דעם העטמאַן געוואָרפן דעם שטאָב צו די פיס, אַז איך האָב גורם געווען דעם ווידערשטאַנד אין די מרידה שטעלן זיך מיר פון שרעק דאָס רעשט ביסל גרויע האָר אויפן קאָפּ קאַפּויר. יאָ!... אָבער וואָס דען האָט מען געזאָלט טון לגבי אַ באַשייפערלעכער בגידה? וויל איז די, וואָס האָבן נישט געדאַרפט זיך שטעלן אַזעלכע קשיות און זוכן אויף זיי אַ תירוץ אין דער נשמה!

— אַ פירער, אַ פירער גיב אונדז, דערבאַרעמדיקער גאָט! — האָט סטאַנקעוויטש געזאָגט, אויפהייבנדיק די אויגן צום הימל.

— מ'זאָגט, אַז דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע איז אַ זייער איידעלער שררה? — האָט הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי געפרעגט.

— יאָ! — האָט מירסקי געענטפערט — אָבער ער איז נישט קיין גרויס־העטמאַן, און נישט קיין וויצע־העטמאַן און כל־זמן דער האַר קעניג וועט אים מיטן העטמאַן־אַמט נישט מזכה זיין, קען ער נאָר אויף אייגענער האַנט זיך שלאָגן. ער ווע

נישט גיין צו די שוועדן און אויך נישט אַנדערש-ווו, דאָס איז זיכער!

— הער גאָשיעווסקי, דער וויצע-העטמאַן, איז אין געפאַנגענשאַפט בײַ ראַדזיווילן.

— ווייל ער איז אויך אַן איידעלער מענטש — האָט אָזסערקאַ געענטפערט — ווען איך האָב זיך וועגן דעם געהאַט דערוווּסט, איז מיר אַזש דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן און איך האָב תיכף אין דעם דערזען אַן אָנזאָג פון עפּעס אַ צרה.

הער מיכאַל האָט זיך פאַרטראַכט און אין אַ ווײלע אַרום געזאָגט:

— כ'בין אַמאָל געווען אין וואַרשע און געגאַנגען אין די קעניגלעכע שטובן, און אונדזער גנעדיקער האַר קעניג, וואָס איז איינגעליבט אין די זעלנער און האָט מיך געהאַט געליבט נאָך דער שלאַכט בײַ בערעסטעטשקאָ, האָט מיך דאָס מאָל באַלד דערקענט און געהייסן קומען צום מיטאָג. אויף יענעם מיטאָג האָב איך אויך געזען דעם הער טשאַרניעצקי, ווייל דער מיטאָג איז אייגנטלעך געווען לכבוד אים. דער האַר קעניג איז דעריבער געווען אויפגערוימט און גענומען דעם הער טשאַרנעצקי פאַרן קאָפּ דריקן און צום סוף האָט ער געזאָגט: „ווען עס זאָלן אַפילו קומען אַזעלכע צייטן, וואָס אַלע וועלן מיך פאַרלאָזן, וועסטו מיר געטריי בלייבן!" מיט די אייגענע אויערן האָב איך געהערט די דאָזיקע נביאישע ווערטער. הער טשאַרניעצקי איז געווען אַזוי גערירט, אַז ער האָט כמעט נישט געקענט רעדן, ער האָט נאָר איבערגעחזרט: „ביזן לעצטן אָטעם! ביזן לעצטן אָטעם!" און דאַמאָלס האָט דער האַר קעניג זיך צעוויינט...

— ווער ווייסט, צי דאָס זענען נישט געווען קיין נביאישע ווערטער, ווייל די צייט פון מפלות איז שוין געקומען! — האָט מירסקי געזאָגט.

— הער טשאַרניעצקי איז אַ גרויסער זעלנער! — האָט סטאַנקעוויטש זיך אָנגערופן — נישטאָ שוין אַזאַ מויל אין דער רעפּובליק, וואָס זאָל זיין נאָמען נישט האָבן דערמאַנט.

— מ'זאָגט — האָט סקשעטוסקי זיך אָנגערופן — אַז די

טאָטערן, וואָס שטיצן דעם הער רעוועראַ פּאַזאָצקי אַקעגן כמיעלניצקין, זענען אַזוי איינגעליבט אין הער טשאַרניעצקין, אַז זיי ווילן נישט גיין דאָרט, וווּ ער איז נישטאָ.

— דאָס איז אמת — האָט אָסקערקאַ געזאָגט — כ'האָב געהערט, ווי מ'האָט דאָס דערציילט אין קיידאַני פֿאַרן פֿירשט העטמאַן אין די אויגן; מיר האָבן אַלע דאַמאָלס דעם הער טשאַרניעצקי שטאַרק גערימט, און דעם פֿירשט האָט דאָס נישט געשמעקט, ווייל ער האָט געמאַכט אַ בייזע מינע און געזאָגט: ער איז קרוין-לאַגער-מייסטער, אָבער פּינקט אַזוי וואָלט ער בײַ מיר אין טיקאָטשין געקענט זיין אַ וויצע-סטאַראָסטע.

— דאָס האָט די קנאה משמעות פֿון אים אַרויסגערעדט.

— אַ באַקאַנטע זאַך, אַז אַ פֿאַרברעכער קען דאָס ליכט פֿון ערלעכקייט נישט פֿאַרטראָגן.

אַזוי האָבן די געפֿאַנגענע פּאָלקאָווניקעס צווישן זיך געשמועסט; דערנאָך האָבן זיי ווידער גענומען רעדן וועגן הער זאַגלאָבאַ. הער מיכאַל וואָלאָדיאָווסקי האָט גוט געזאָגט, אַז זיי קענען זיך ריכטן פֿון אים אויף הילף, ווייל דאָס איז נישט קיין מענטש, וואָס וועט זיינע פֿריינט אין אַ צרה פֿאַרלאָזן.

— כ'בין זיכער — האָט ער געזאָגט — אַז ער איז אַנטלאָפֿן קיין אופּיטאַ, וווּ ער וועט מיינע מענטשן געפֿינען, אויב מ'האָט זיי נאָך נישט צעקלאַפּט, אָדער קיין קיידאַני מיט געוואַלט נישט אַראָפּגעבענגט. ער וועט מיט זיי אַרויסמאַרשירן אונדז צו הילף, סיידן זיי זאָלן נישט וועלן גיין, אָבער איך גלייב דאָס אויף זיי נישט, ווייל דאָס רוב דינען אין פּולק לאַודער מענטשן און זיי האָבן מיך ליב.

— אָבער דאָס זענען דאָך אויך ראַדזיווילס אַלטע אָנהענגער? — האָט מירסקי באַמערקט.

— אמת, אָבער אַז זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז ליטע איז איבערגעגעבן געוואָרן די שוועדן, אַז דער וויצע-העטמאַן, ריטער יודיצקי, איר און איך זענען אַרעסטירט געוואָרן, וועלן זיי זיך באַלד פֿון ראַדזיווילן אָפּקערן. דאָס איז אַן ערלעכע שליאַכטע,

און הער זאַגלאַבאַ וועט שוין אַלץ טון, אַז דעם העטמאַנס פּנים זאָל אין זייערע אויגן גוט פֿאַרשוואַרצט ווערן, און ער וועט דאָס מאַכן בעסער, ווי יעדער פֿון אונדז.

— יאָ! — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי זיך אָנגערופֿן — מיר וועלן אָבער ביזן-לבֿיזן קיין בירזשע אָנקומען.

— דאָס קען נישט זיין, ווייל מיר מאַכן אומוועגן, כּדי אופּיטאַ אויסצומיידן, און פֿון אופּיטאַ איז דער וועג אַ גראָזער. ווען אפֿילו זיי זאָלן אַרויספֿאָרן מיט אַ טאָג, אָדער גאָר מיט צוויי טעג שפּעטער, וואָלטן זיי אויך נאָך געקענט זיין אין בירזשע פֿאַר אונדז און דעם וועג אונדז פֿאַרלויפֿן. מיר פֿאָרן דאָך איצט ערשט קיין שאַוולי און פֿון דאָרט וועלן מיר ערשט מיט אַ גראָדן וועג קיין בירזשע פֿאָרן, און איר דאַרפֿט וויסן, אַז פֿון אופּיטאַ קיין בירזשע איז נענטער, ווי פֿון שאַוולי.

— אוודאי, דער וועג איז אי נענטער און אי בעסער, ווייל דאָרט גייט אַ טראַקט! — האָט מירסקי זיך אָנגערופֿן.

— זעט איר. און מיר זענען נאָך נישט אין שאַוולי.

ערשט נאַרנאַכט האָבן זיי טאַקע דערזען דעם באַרג, וואָס הייסט סאַלטוועס-קאַלנאַס און אונטער וועלכן עס איז געלעגן די שטאָט שאַוולי. אויפֿן וועג האָבן זיי באַמערקט, אַז אַן אומרויִקייט האָט שוין געהערשט אין אַלע דערפֿער און שטעטלעך, וועלכע ס'איז זיי אויסגעקומען דורכצופֿאָרן. משמעות, אַז די ידיעה וועגן העטמאַנס איבערגיין צו די שוועדן האָט זיך שוין צעטראָגן איבער גאַנץ זשאַמוט. דאָ און דאָרט האָט מען אויסגעפֿרעגט די זעלנער, צי ס'איז אמת, אַז דאָס לאַנד זאָל פֿאַרנומען ווערן דורך די שוועדן; דאָ און דאָרט האָט מען געזען מאַסן פֿויערן, וועלכע האָבן פֿאַרלאָזט די דערפֿער מיט די ווייבער און קינדער און בהמות און אַריינגעלאָזט זיך טיף אין די וועלדער, מיט וועלכע דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען געדיכט באַדעקט. ערטערווייז איז די שטעלונג פֿון די פֿויערן שיעור נישט געווען אַ דראָענדיקע, ווייל מ'האָט די דראַגונער אַפּנים אָנגענומען פֿאַר שוועדן. אין די שלאַכעצקע דערפֿער האָט מען זיי פּשוט אויסגעפֿרעגט, ווער זיי זענען און

וווהין זיי פאָרן, און ווען קאָוואַלסקי האָט אָנשטאָט צו ענטפערן געהייסן פון וועג אָפּטרעטן, איז געקומען צו סקאַנדאַלן און געשרייען אַזוי ווייט, אַז ערשט מיט די ביקסן, אָנגעשטעלט צום שיסן, האָבן זיי זיך געקענט אַ וועג דורכברעכן.

דער גרויסער וועג, וואָס ציט זיך פון קאָוונאָ דורך שאַוולי קיין מיטאַווע, איז געווען באַדעקט מיט וועגנס און קאָטשן, אין וועלכע עס זענען געפאָרן די ווייבער און קינדער פון דער שליאַכטע, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַהאַלטן פאַר דער מלחמה אין די קורלענדישע גיטער. אין שאַוולי גופא, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קעניגלעך גוט, איז נישט געווען קיין איין העטמאַנישער פּריוואַטער פולק און אויך נישט קיין מלוכה-מיליטער; דערפאַר האָבן די אַרעסטירטע פּולקאָווניקעס צום ערשטן מאָל דאָ דערזען אַ שוועדישע אָפּטיילונג, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף און צוואַנציק רייטער און וועלכע איז אויף אויסשפּירונג פון בירזשע אַרויסגעפאָרן. אַ המון פון יידן און בירגער האָבן אויפן מאַרק מיט פּאַרח׳ וּשטע אויגן געקוקט אויף די אומבאַקאַנטע מענטשן, אָבער אויך די פּולקאָווניקעס האָבן מיט נייגעריקייט זיי אָנגעקוקט, און באַזונדערס הער וואָלאָדיאָוסקי, וועלכער האָט ביז איצט נאָך קיינמאָל קיין שוועדן נישט געזען; ער האָט זיי דעריבער אַרומגענומען מיט גיריקע און זשעדנע אויגן, מיט וועלכע עס קוקט אַ וואָלף אויף אַ סטאַדע שעפּסן, און דערביי מיט די וואָנסעלעך באַוויגן.

הער קאָוואַלסקי האָט זיך פאַרשטענדיקט מיטן אָפיציר, פאָרגעשטעלט זיך ווער ער איז, וווהין ער פאָרט, וועמען ער פירט און פאַרלאַנגט, אַז דער אָפיציר זאָל זיינע מענטשן צו זיינע דראַגונער צוגעבן, כדי צו פאַרגרעסערן די זיכערקייט אויפן וועג, אָבער דער אָפיציר האָט געענטפערט, אַז ער האָט אַ באַפעל וואָס ווייטער און טיפער אין לאַנד זיך אַריינצולאָזן, כדי זיך צו באַקענען מיט זיין מצב, און אַז דעריבער קען ער קיין בירזשע נישט צוריקקערן; דערפאַר האָט ער פאַרזיכערט, אַז דער וועג איז אומעטום פריי פון סכנות, ווייל די קליינע אָפּטיילונגען, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון בירזשע, לויפן דורך דאָס לאַנ־

אין אַלע ריכטונגען, און אייניקע זענען אפילו אַזש קיין קיידאַני עקספּעדירט געוואָרן. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגערוט אַזש ביז האַלבער נאַכט און די שטאַרק פאַרמאַטערטע פערד אָנגעפּאַשעט, האָט הער ראָך צוזאַמען מיט זיינע געפאַנגענע זיך גענומען אין ווייטערדיקן וועג אַריין, פאַרקירעווענדיק פון שאַוולי אויף מזרח דורך יאַהאַנישקעלע און פּאָסוווט קיין בירזשע, כדי צוצוקומען צום טראַקט, וואָס פירט גלייך אַהין פון אופּיטאַ און פּאָניעוויעזש.

— אויב הער זאַגלאָבאַ וועט אונדז קומען צו הילף — האָט וואָלאָדיאָווסקי פאַרטאָגס געזאָגט — וועט אויפן דאָזיקן טראַקט אים צום לייכטסטן אָנקומען אונדז דעם וועג צו פאַרלויפן, ווייל פון אופּיטאַ האָט ער שוין געקענט זיין אָנגעקומען.

— אפשר לויערט ער דאָרט ערגעץ! — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי געזאָגט.

— כל־זמן איך האָב די שוועדן נישט געזען, האָב איך נאָך געהאָפט — האָט סאַנקעוויטש געענטפערט — אָבער, דאַכט זיך מיר, אַז עס איז פאַר אונדז שוין קיין רעטונג נישטאָ...

— זאַגלאָבאַס דאגה וועט דאָס שוין זיין זיי אויסצומיידן, אָדער צו באַשווינדלען, און ער וועט דאָס באַווייזן.

— אָבער ער קען דאָך דאָס לאַנד נישט.

— דערפאַר קענען עס אָבער די לאַודער מענטשן, וועלכע אַזש קיין ריגע פירן זיי פלאַקס און געהילץ און סאַלע, און אין מיין פולק פעלן אַזעלכע נישט.

— די שוועדן מוזן שוין אַלע שטעטלעך אַרום בירזשע פאַרנעמען.

— שיינע זעלנער זענען די, וואָס מיר האָבן אין שאַוולי געזען, מען מוז דאָס מודה זיין — האָט דער לייבער ריטער געזאָגט — איינס און איינס מיט אַלע מעלות!... איר האָט דערביי געזען, ווי אויסגעפּאַשעט זייערע פערד זענען?

— דאָס זענען ליפלענדישע פערד, זייער שטאַרקע — האָט מירסקי געזאָגט — אויך אונדזערע הוזאַרן און פּאַנצער־פולקן

זיבן פערד אין ליפלאַנד, ווייל ביי אונדז זענען די שקאַפּעס דאַר און שוואַך.

— רעדט בעסער וועגן די שוועדישע פוס-גייער! — האָט סטאַנקעוויטש זיך אַריינגעמישט — די רייטער, הגם זייער אויסזען איז פּרעכטיק, איז אָבער זייער גבורה נישט אַזוי גרויס. עס פלעגט טרעפן, אַז ווען אונדזערס אַ פּולק, און באַזונדערס פון די באַרימטע, האָט זיך אַ לאָז-געטון אויף דידאָזיקע רייטער, האָבן זיי אָן לאַנגע שהיות זיך באַלד געמוזט אונטערגעבן.

— איר האָט זייער טעם שוין פאַרזוכט אין די אַלטע צייטן — האָט דער קליינער ריטער זיך אָנגערופן — און איך מוז נאָר דאָס שפּייעכץ שלינגען. איך זאָג אייך, גנעדיקע הערן, ווען איך האָב איצט אין שאַוולי דערזען זיי און זייערע געלע בערד, האָט מיך אַזש אין די פינגער גענומען בייסן. עך, עס רייסט זיך די נשמה אין גן-עדן אַריין, און דאָ זיץ אויפן וואָגן און גיי-אויס פון בענקעניש!...

די פּולקאָווניקעס זענען אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער אַ פּנים אַז נישט בלויז הער וואָלאָדיאָווסקי אַליין האָט געברענט מיט אַזעלכע פריינטשאַפטלעכע געפילן פאַר די שוועדן, ווייל אינגיכן האָט צו די אויערן פון די געפאַנגענע זיך דערטראָגן דער פאָלגנדיקער שמועס פון די דראַגונער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם וואָגן:

— איר האָט געזען דידאָזיקע געצנדינערישע כּלבים — האָט איין זעלנער געזאָגט — מיר האָבן זיך מיט זיי געזאָלט שלאָגן, און איצט וועלן מיר זיי די פערד פּוצן...

— אַז דער טייוול זאָל דאָס נעמען! — האָט אַ צווייטער דראַגונער אַ ברום-געטון.

— זיי שטיל, דער שוועד וועט דיך אין שטאַל לערנען דרך-ארץ מיט אַ בעזעם איבערן קאָפּ!

— אָדער איך אים.

— שוטה! וויכטיקערע פון דיר האָבן געוואָלט זיך זיי אַקעגנשטעלן און אָט מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט!

— די גרעסטע ריטערס פירן מיר אַוועק צו זיי, דעם הונט

גלייך אין פיסק אַריין. זיי וועלן זיך איבער זיי לוסטיק מאַכן, די מנוולים.

— אָן אַ ייִד וועסטו זיך מיט אַזאַ חזיר נישט צונויפרעדן. האָט דאָך אפילו דער קאָמענדאַנט געמוזט אין שאַולי באַלד נאָך אַ ייִד שיקן.

— אַז אַ מגפה זאָל אויף זיי קומען!

דאָ האָט דער ערשטער זעלנער אַביסל שטילער געפרעגט:

— מ'זאָגט, אַז אַלע בעסערע זעלנער ווילן נישט מיט זיי קעגן דעם אייגענעם האר דינען?

— אוודאי! האָסט דען נישט געזען די אונגאַרן, אָדער האָט דען. דער הער העטמאַן זיך נישט אַ לאַז געטון מיט מיליטער אויף די ווידערשפעניקע? מ'ווייסט נאָך נישט וואָס עס וועט זיין. האָבן דאָך אויך אַ סך פון אונדזערע דראַגונער זיך פאַר די אונגאַרן אָנגענומען, און אַ סברה, אַז מ'וועט זיי אַלע דערשיסן.

— דאָס וועט זיין דער שכר פאַר זייער געטרייער דינסט!

— צום טייוול אַזאַ אַרבעט!

— ייִדישע דינסט!...

— שטיי! — האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט די שטים פון הער ראָך, וואָס איז געפאָרן דער ערשטער.

— אַז אַ קויל זאָל זיך דיר שטעלן אין פיסק! — האָט אַ שטים באַם וואָגן אַ ברום געטון.

— וואָס איז דאָרט? — האָבן די זעלנער געפרעגט איינער באַם צווייטן.

— שטיי! — האָט אַ קאָמאַנדע אויפסניי אַ הילך געטון.

דער וואָגן האָט זיך צעגעשטעלט. די זעלנער האָבן די פערד איינגעהאַלטן. דער טאָג איז געווען אַ לויטערער, אַ ליכטיקער. די זון איז שוין געווען אויפגעגאַנגען — און באַ איר שיין האָט מען פאָרנט, אויפן טראַקט, געזען אויפגייענדיקע שטויבוואָלקנס, גלייך ווי סטאַדעס, אָדער חיילות וואָלטן אַקעגנגעגאַנגען.

ב... ט אין שטויב געזוימען בלענדן, גלייך ווי עמעצער

וואַלט אין די וואָלקנס פונאַנדערגעשאָטן — און די ליכטלעך האָבן געפינקלט וואָס אַמאָל דייטלעכער, ווי ברענענדיקע, מיט רויך אַרומגערינגלטע ליכט.

— דאָס גלאַנצן שפּיזן! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אויסגערופן.

— מיליטער גייט.

— מסתמא עפּעס אַ שוועדישע אָפּטיילונג.

— באַ זיי האָבן נאָר די פוסגייער שפּיזן, און דאָרט באַוועגט זיך דער שטויב זייער גיך. דאָס זענען רייטער, דאָס זענען אונדזערע!

— אונדזערע, אונדזערע! האָבן די דראַגונער איבערגעחזרט.

— אויסשטעלן זיך! — האָט הער ראָכס שטים אַ הילך געטון.

די דראַגונער האָבן דעם וואָגן אין אַן עיגול אַרומגערינגלט. הער וואָלאָדיאָווסקין האָבן זיך די אויגן צעפלאַמט.

— דאָס זענען מיינע לאַודער מענטשן מיט זאַגלאָבאַן! עס קען אַנדערש נישט זיין!

נאָך אַ קליינער מרחק האָט שוין די אַנקומענדיקע אָפּגעטיילט פון וואָגן און דער צווישנשייד איז קלענער געוואָרן מיט יעדער רגע, ווייל די קעגנאיבערדיקע מחנה איז אָנגעקומען מיט אייליקע שריט. צום סוף האָט זיך פון שטויב אַרויסגערוקט אַ מעכטיקע אָפּטיילונג פון מיליטער, וואָס איז געגאַנגען אין גוטער אָרדנונג, ווי צו דער אַטאַקע. מיט אַ ווײַלע שפּעטער זענען זיי געווען נאָך נענטער. אין דער ערשטער שורה, אַ ביסל פון דער רעכטער זייט, האָט זיך געדרייט אונטער אַ פערדישן עק עפּעס אַ מעכטיקער פּאַרשוין מיט אַ שטאַב אין דער האַנט. קוים האָט וואָלאָדיאָווסקי אויף אים געוואָרפן אַ בליק, ווי ער האָט אויסגעשריגן:

— דאָס איז הער זאַגלאָבאַ! ווי גאָט איז מיר ליב! הער זאַגלאָבאַ!

אַ שמייכל האָט אויסגעלייטערט יאַן סקשעטוסקיס פּנים.

— ער! נישט קיין אַנדערער! — האָט ער געזאָגט — און אונטער אַ פערדישן עק! ער האָט זיך שוין פּאַר אַ העטמאַן באַשטימט. לויט דערדאַזיקער איינבילדונג אַליין האָלט איך אים אויסמעטום דערקענט... דערדאַזיקער מענטש וועט שטאַרבן אַזוי, ווי ער איז געבוירן געוואָרן.

— זאָל אים גאָט געבן געזונט! — האָט אָסקערקאַ זיך אָנגערופן.

דערנאָך האָט ער די הענט באַם מויל צונויפגעלייגט און גענומען שרייען:

— הער קאָוואַלסקי! דאָס קומט אייער קרוב אייך באַזוכן!

אָבער הער ראַך האָט נישט געהערט, ווייל ער איז גראָד אַרומגעלאָפן צווישן זיינע דראַגונער. און מען מוז אים דעם שבח נאָכזאָגן, אַז הגם ער האָט געהאַט אַ הייפל מענטשן, און דאָרט איז אַ גאַנצער פּולק אייף אים אָנגעלאָפן, איז ער פונדעסטוועגן נישט צעטומלט געוואָרן און האָט אויך דעם מוט נישט פאַרלוירן. ער האָט די דראַגונער אין צוויי שורות אַרויסגערוקט פאַרן וואָגן, און יענע האָבן זיך דערווייל אויסגעצויגן און גענומען אים אַקעגנרייטן אויפן טאַטערישן שטייגער, אין אַ האַלב-עיגול, פון ביידע זייטן פעלד. זיי האָבן אָבער משמעות געוואָלט צוערשט אונטערהאַנדלען, ווייל זיי האָבן גענומען פאָכן מיט דער פאָן און שרייען:

— שטיי! שטיי!

— פּאָרויס! מיט קליינע טריט! — האָט הער ראַך אַ געשריי געטון.

— גיב זיך אונטער? — האָט מען פון וועג אויסגערופן.

— פייער! — האָט קאָוואַלסקי אָפּגעענטפערט.

עס האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט: קיין איין דראַגונער האָט נישט אויסגעשאָסן.

הער ראַך איז אויך אויף אַ ווײַלע שטום געוואָרן; דערנאָך

האָט ער זיך מיט אַ ווילדער רציחה געוואָרפֿן אויף די אייגענע דראַגונער.

— פֿייער, כּלבֿים! — האָט ער אַ רעווע געטאָן מיט אַ מוראַדיקער שטים און מיט איין מאַך מיט דער פֿויסט האָט ער דעם באַנטסטן זעלנער פֿון פֿערד אַראָפּגעשליידערט.

די איבעריקע האָבן זיך גענומען צוריקציִען פֿאַר דער רציחה פֿון קאָמענדאַנט, אָבער קיינער האָט די קאָמאַנדע נישט געפֿאָלגט. דערנאָך האָבן זיי זיך כּהרף־עין צעשאָטן, ווי אַ סטאַדע איבערגעשראָקענע קוראָפּאַטוועס.

— דידאָזיקע זעלנער וואָלט איך פֿונדעסטוועגן געהייסן דערשיסן! — האָט מיראָסקי אַ ברום געטאָן.

זעענדיק, אַז די אייגענע מענטשן פֿאַרלאָזן אים, האָט קאָוואַלסקי דערוויל זיך אַ קער געטאָן מיטן פֿערד צו די אַטאַקירנדיקע רייען.

— דאָרט וועט זיין מיין טויט! — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ ווילדע שטים.

און ער האָט אַ שפּרונג געטאָן צו זיי, ווי אַ רוח.

אָבער ער האָט נאָך נישט באַוויזן דורכצולויפֿן העלפֿט וועג, ווי אין זאַגלאָבאַס רייען האָט אַ קנאַל געטאָן אַ שאָס פֿון אַ פּיסטאָליעט; הער ראָכס פֿערד האָט זיך מיט די נאָזלעכער אין שטויב איינגעבויגן און איז אומגעפֿאַלן, צודריקנדיק דעם רייטער.

אין דער זעלבער רגע האָט עפּעס אַ זעלבער פֿון וואָלאָדיאָווסקיס פֿולק זיך בליץ־שנעל אַרויסגערוקט פֿאָרויס און אַ כאַפּ־געטאָן פֿאַרן קאַרק דעם אָפֿיציר, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד.

— דאָס איז יוזוואַ בוטרים! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אויסגערופֿן — יוזוואַ אָן פֿיס!

הער ראָך האָט אויך יוזוואַן אָנגעכאַפּט בײַ דער פּאָלע און די פּאָלע איז אים געבליבן אין דער האַנט; דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען אַרומפֿירן, ווי צוויי צונויפֿגעטשעפּעטע יאַסטרעבן, ווייל ביידע זענען געווען באַשאָנקען מיט אַ ריזיקן כּוח. בײַ בוטרימען האָט דער שפּאָרן געפּלאַצט און אַליין איז ער אַראָפּגעפֿלויגן פֿון

פערד און זיך איבערגעקערט, אָבער דעם. הער ראָך האָט ער נישט אָפּגעלאָזט און ביידע האָבן געבילדעט ווי איין קויל, וועלכע האָט זיך געקייקלט אויפן טראַקט.

עס זענען אָנגעלאָפן אַנדערע, אַ צוואַנציק הענט האָבן אָנגעכאַפּט דעם הער קאָוואַלסקי, וועלכער האָט זיך געריסן און געראַנגלט ווי אַ בער אין דער נעץ; ער האָט געוואָרפן מיט די מענטשן, ווי אַ ווילדער חזיר מיט הינט, האָט זיך כסדר אויפגעהויבן און נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן. ער האָט געוואָלט אומקומען, דערווייל האָט ער אָבער פון אַלע זייטן געהערט צענדליקער שטימען, וואָס האָבן איבערגעחזרט די ווערטער: „לעבעדיקערהייט! לעבעדיקערהייט“!

צום סוף האָבן אים די כוחות פאַרלאָזט — און ער איז געפאַלן אין חלשות.

בינו-לבינו איז הער זאַגלאָבאַ שוין געווען באַם וואָגן און גיכער אויפן וואָגן און אַרייגעכאַפּט אין די אָרעמס די סקשעטושסקיס, דעם קליינעם ריטער, דעם הער מירסקי, דעם הער סטאַנקעוויטש און אָסקערקאָן און דערביי האָט ער געשריגן מיט אַ פאַרקייכטער שטים:

— האַ! זאַגלאָבאַ איז צונויף געקומען. מיר וועלן איצט ראַדזיווילן אָנלערנען! גנבעדיקע הערן, מיר זענען פריי און מיר האָבן מענטשן! מיר וועלן זיך באַלד לאָזן אים די גיטער חרוב מאַכן! נו, וואָס! ס'האָט זיך איינגעגעבן דאָס שפּיצל?... אויב נישט אַזוי, וואָלט איך אויף אַן אַנדערן אופן אַרויסגעקריגן זיך און אייך אויך!... איך האָב זיך פאַרקייכט, אַז איך קען אַזש דעם אָטעם נישט כאַפּן! אין ראַדזיווילס גיטער, גנבעדיקע הערן, אין ראַדזיווילס גיטער! איר ווייסט נאָך ווייגן אים נישט אַלץ, וואָס איך ווייס!...

זאַגלאָבאַס ווייטערדיקע רייד זענען איבערגעריסן געוואָרן דורך די לאַודער מענטשן, וועלכע זענען געלאָפן איינער איבערן אַנדערן באַגריסן זייער פּולקאָווניק. די בוטרימס, גאָשטשעוויטשעס די רוויכיקע, די דאָמאַשעוויטשעס, סטאַקיאַנאָווס, גאַשטאָווטס האָבן

זיך געשטופט אַרום דעם וואָגן, און מעכטיקע גאָרגלען האָבן אָן אויפהער געריטשעט:

— ויוואַט! וויוואַט!

— גנעדיקע הערן! — האָט דער קליינער ריטער זיך אָנגערופן, ווען עס איז אַ ביסל שטיל געוואָרן — טייערסטע חברים! איך דאַנק אייך פאַר דער טריישאַפט... אַ שרעקלעכע זאַך איז דאָס, וואָס מיר מוזן זיך אָפּזאָגן דעם העטמאַן צו געהאָרכן און די האַנט אויף אים אויפהייבן, אָבער ווען די בגידה איז אַן אָפענע, קען עס אַנדערש נישט זיין. מיר וועלן נישט אָפּטריניק ווערן פון פאָטערלאַנד און פון אונדזער גנעדיקן קעניג... זאָל לעבן דער קעניג יאַן קאַזשימיעזש!...

— זאָל לעבן דער קעניג יאַן קאַזשימיעזש! — האָבן דריי הונדערט שטימען איבערגעחזרט.

— אין ראַדזיוווילס גיטער אַריינרייטן! — האָט זאַגלאָבאַ געשריגן — די שפּייכלערס און די קעלערס אים אויסליידיקן!

— פערד אונדז דערלאַנגען! — האָט דער קליינער ריטער אויסגערופן.

מען האָט אַ שפּרינג געטון נאָך פערד.

דערווייל האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט:

— הער מיכאַל! כ'האָב אָנגעפירט מיט דידאָזיקע מענטשן אויף אייער אָרט און איך זאָג זיי גערן נאָך דעם שבח, אַז זיי האָבן זיך העלדיש געהאַלטן... אָבער איצט, אַז איר זענט פריי, גיב איך איבער די מאַכט אין אייערע הענט.

— נעמט איר איבער די קאָמאַנדע, ווייל איר זענט לויטן אַמט דער עלטסטער — האָט הער מיכאַל זיך אָנגערופן, ווענדנדיק זיך צו מירסקין.

— עס פאַלט מיר גאָרנישט איין! ווי קום איך דערצו! — האָט דער אַלטער פּולקאָווניק געענטפערט.

— אפשר הער סטאַנקעוויטש?

— איך האָב מיין פּולק און קיין פרעמדן וועל איך נישט איבערנעמען! — בלייבט, גנעדיקער הער, בייַ דער קאָמאַנדע.

צוואָס די פּוסטע צצרעמאָניעס? איר קענט די מענטשן, די מענטשן קענען אייך און זיי וועלן אָמבעכטן אונטער אייער פירונג דינען.

— טו אַזוי, מיכאַל, טו, עס לוינט זיך וועגן דעם נישט צו שפּאָרן! — האָט יאַן סקשיטוסקי געזאָגט.

— זאָל־זשע אַזוי זיין.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט הער מיכאַל געוואונען דעם קאָמאַנדע־שטאַב פון זאַגלאָבאָס הענט, האָט אים איין רגע איבערגע־שטעלט דעם פּולק צום מאַרש און צוזאַמען מיט די חברים זיך אין זיין שפּיץ געלאָזט אין וועג אַריין.

— און וווּ וועלן מיר גיין? — האָט זאַגלאָבאַ גע־פרעגט.

— דעם אמת געזאָגט, ווייס איך אַליין נישט, ווייל איך האָב נאָך וועגן דעם נישט געטראַכט — האָט הער מיכאַל געענט־פערט.

— ס'איז כדאי זיך צו באַראַטן, וואָס מיר זאָלן טון — האָט מירסקי זיך אָנגערופן — און מיר דאַרפן תיכף־ומיד צו דער באַראַטונג צוטרעטן. אָבער פריער זאָל מיר דערלויבט זיין אין אַלעמענס נאָמען אָפּצוגעבן אַ דאַנק דעם גנעדיקן הער זאַ־גלאָבאַ דערפאַר, וואָס ער האָט אונדז אין אַן עת־צרה נישט פאַרגעסן און אַזוי געשיקט אונדז אַרויסגעראַטעוועט.

— און וואָס? — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט מיט שטאָלץ, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ און דרייענדיק די וואָנסעס — אָן מיר וואָלט איר געווען אין בירזשע!... על־פּי־יושר מוזט איר מודה זיין, אַז דאָס, וואָס קיינער וועט נישט אויסטראַכטן, וועט זאַגלאָ־באַ אויסטראַכטן... הער מיכאַל, מיר זענען שוין געווען אין גרע־סערע ענגענישן! איר געדענקט, ווי איך האָב אייך מציל געווען, ווען מיר זענען מיט העלענאַן פאַר די טאָטערן אַנטלאָפן, וואָס?

הער מיכאַל וואָלט געקענט ענטפערן, אַז דאַמאָלס האָט נישט זאַגלאָבאַ אים, נאָר ער האָט זאַגלאָבאַן מציל געווען, ער האָט

אָבער געשוויגן און גענומען נאָר מיט די וואָנסעלעך באַוועגן. און דער עלטער שליאַכטשיץ האָט ווייטער געזאָגט:

— מען דאַרף נישט דאַנקען, ווייל דאָס, וואָס האָט אייך הייבט געגעבן, קען מאָרגן מיך טרעפן און איר וועט מיך אוודאי אויך נישט פאַרלאָזן אין אַ נויט. עס פרייט מיך אַזוי, וואָס איך זע אייך אויף דער פריי, גלייך ווי איך וואָלט דעם גרעסטן נצחון אָפּגעהאַלטן. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז סיי דער קאָפּ און סיי די האַנט זענען נאָך נישט איבגאַנצן עבר־ובטל.

— האָט איר, הייסט עס, באַלד קיין אופּיטאַ געטראָפן? — האָט הער מיכאַל געפרעגט.

— און ווו דען האָב איך געזאָלט טרעפן? קיין קיידאַני? דעם וואָלף אין האַלדז אַריין קריכן? אוודאי קיין אופּיטאַ און איר מעגט מיר גלייבן, אַז איך האָב די שקאַפּע נישט געשוינט, און געווען איז עס אַ זייער גוטע בעסטיע! נעכטן אין דער פרי בין איך שוין געווען אין אופּיטאַ, און מיטאָג־צייט האָבן מיר זיך געלאָזט צו בירזשע־צו, אין יענער ריכטונג, אין וועלכער איך האָב זיך געריכט אייך צו טרעפן.

— און מיינע מענטשן האָבן אייך טאָקע באַלד געגלייבט? — האָט הער מיכאַל געזאָגט — זיי האָבן דאָך אייך נישט געקענט, אַחוץ צוויי אָדער דריי, וועלכע האָבן אייך בײַ מיר געזען!

— דעם אמת געזאָגט, האָב איך דערבײַ נישט געהאַט די מינדעסטע שוועריקייט, ווייל ערשטנס האָב איך געהאַט אייער רינג, הער מיכאַל, און צווייטנס האָבן די מענטשן גראָד באַר־וואָס זיך געהאַט דערוווסט וועגן אייער אַרעסט און וועגן דער בגידה פון העטמאַן. כ'האָב געטראָפן דעפּוטאַציעס פון הער מירסקיס און הער סטאַנקעוויטשס פּולקן צו זיי, אַז זיי זאָלן זיך צונויפּ־נעמען איינאיינעם קעגן העטמאַן, דעם בוגד. ווען איך האָב זיי מודיע געווען, אַז מען פירט אייך קיין בירזשע, איז ווי עמעצער וואָלט אַ שטעקן אין אַ בעמוויזעכץ אַרייגגעזעצט. די פערד זענען געווען אויפן גראָז, האָט מען באַלד געשיקט זיי אַראָפּברענגען און מיטאָג-צייט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

— און פונוואַנען האָט דער פאַטער אַ פערדישן עק גענו־

מען? — האָט סקשעטוסקי געפרעגט — פון דערווייטנס האָבן מיר געמיינט, אַז אַ העטמאַן פאָרט.

— וואָס? איך האָב אוודאי נישט ערגער אויסגעזען? פון וואַנען איך האָב דעם פערדישן עק גענומען? אַ פּונוואַנען: צוזאַמען מיט די דעפּוטאַציעס פון די ווידערשפּעניקע פּאָלקן איז אויך פון העטמאַן דער הער שטשיט אָנגעקומען מיט אַ באַפעל צו די לאַודער מענטשן, אַז זיי זאָלן גיין קיין קיידאַני, און געקומען איז ער מיט אַ פערדישן עק, כדי דעם באַפעל אַ גרעסערע חשיבות צוצוגעבן. כ'האָב אים תיכף געהייסן אַרעסטירן און דעם פערדישן עק איבער מיר טראָגן, כדי די שוועדן אין אַ נויטיקן פאַל אין אַ טעות אַריינצופירן.

— ווי קלוג ער האָט אַלץ באַקלערט! — האָט אָסקערקאַ זיך אָנגערופן.

— ווי שלמה המלך! — האָט סטאַנקעוויטש צוגעגעבן.

הער זאַגלאָבאַ איז געוואַקסן ווי אויף הייוון.

— לאָמיר זיך איצט משאל-עצה-זיין, וואָס מיר זאָלן טון? — האָט ער צום סוף געזאָגט — אויב איר וועט באַוויליקן מיך געדולדיק אויסצוהערן, וועל איך אייך זאָגן, וואָס איך האָב אויפן וועג אויסגעקלערט. מיט ראַדזיוויל ראָט איך נישט קיין מלחמה צו פאַרפירן, און דאָס צוליב צוויי טעמים, ערשטנס, איז ער, להבדיל, אַ העכט און מיר קליינע פישלעך. בעסער פאַר קליינע פישלעך קיינמאָל זיך מיטן קאָפּ צום העכט נישט אויסדרייען, ווייל ער קען לייכט איינשלינגען, נאָר מיטן עק, ווייל דאַמאָלס ווערן זיי דורך די שאַרפע גרעטן געשיצט. זאָל אים דאָרט דער טייוול וואָס גיכער אויף אַ בראָט-שפּיז אַרויפשטעקן און מיט סמאָלע באַגיסן, כדי ער זאָל זיך נישט צו שטאַרק אָנבריען.

— צווייטנס? — האָט מירסקי געפרעגט.

— צווייטנס — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — ווען מיר וואָלטן דורך עפּעס אַ סיבה אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט, וואָלט ער אונדז אַוודאי מקיים-פסק געווען, אַז אַלע טראַקעס אין ליטע וואָלטן געהאַט וועגן וואָס צו קראַקן... קוקט, גנעדיקע הער,

וואָס עס איז געשטאַנען אין בריוו, וועלכן קאָוואַלסקי האָט געפֿירט צום שוועדישן קאָמענדאַנט קיין בירזשע און איר וועט זיך באַקענען מיטן ווילנער וואָיעוואָדע, אויב איר האָט אים נאָך ביז איצט נישט געקענט!

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער אויפֿגעקנעפּלט דעם אויבער־ראָק און אַרויסנעמענדיק פֿון אונטערן בוזעם אַ בריוו האָט ער אים דערלאַנגט מירסקין.

— אָבער וואָס איז דאָס: דײַטש, אָדער שוועדיש? — האָט דער אַלטער פּולקאָווניק זיך אָנגערופֿן — ווער פֿון אײַך וועט דעם־דאָזיקן בריוו דורכלייענען?

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איין הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי האָט געקענט אַ ביסל דײַטש, ווײַל ער איז אָפֿט פֿון דער היים קיין טאָרון געפֿאָרן, אָבער דאָס געשריבענע האָט ער אויך נישט געקענט דורכלייענען.

— אויב אַזוי, וועל איך אײַך דעם תּוכן איבערגעבן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — ווען די זעלנער האָבן אין אופּיטאַ געשיקט נאָך די פֿערד אויף די לאָנקעס, האָב איך געהאַט אַ ביסל צײַט, איך האָב זיך דעריבער געהייסן ברענגען פֿאַר די פּאות אַ ייִד, וועלכן אַלע האָבן דאָרט געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן ייִדן און האָבנ־דיק אַ שווערט איבערן קאָרק, האָט ער אַרויסגעלייענט גענוי אַלץ, וואָס דאָרט שטייט, און מיר מסביר געווען. אין בריוו באַאויפֿטראָגט דער העטמאַן דעם בירזשער קאָמענדאַנט און הייסט אים פֿאַר דעם שוועדישן האַר קעניגס טובֿה וועגן, אַז נאָכדעם ווי ער וועט צו־ערשט משלח זײַן די באַגלייטונג, זאָל ער דערנאָך אַלע, נישט אויסשליסנדיק קיינעם, הייסן דערשיסן, נאָר אַזוי, אַז קיינער זאָל וועגן דעם נישט וויסן.

די פּולקאָווניקעס האָבן אַזש גענומען כּיט די הענט פּאַטשן, אַ חוץ איין מירסקין, וועלכער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— אויך מיר, וואָס איך קען אים, איז עס געווען קשה אין מײַן מוח האָט עס גאָרנישט געקענט באַנעמען, וואָס ער האָט אונדז לעבעדיקערהייט פֿון קיידאַני אַרויסגעלאָזט. עס האָבן אוודאי גע־

מוזט זיין עפּעס סבות, וועלכע מיר ווייסן נישט און צוליב וועלכע ער האָט אַליין נישט געקענט אונדז צום טויט פאַרמשפּטן.

— מסתמא האָט ער זיך גערעכנט מיט דער עפנטלעכער מיינונג?

— אפשר.

— אַ פּלאַ פונדעסטוועגן, ווי פאַרביסן דערדאַזיקער שרה איז! — האָט דער קליינער ריטער געזאָגט — נאַרים דאָס האָב איך דאָך, אומאויסגערעדט זאָל עס זיין, ערשט גאַרנישט לאַנג צוזאַמען מיט גאַנצהאָפן דאָס לעבן אים געראַטעוועט.

— און איך האָב באַ זיין פאָטער, און שפעטער באַ אים פינף און דרייסיק יאָר געדינט! — האָט סטאַנקעוויטש געזאָגט.

— אַ שרעקלעכער מענטש! — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי צוגעגעבן.

— אָט אַזאַ מענטש איז בעסער אין פּיסק אַריין נישט צוקריכן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — זאָל אים דער טייוול באַמען! לאָמיר אויסמיידן אַ שלאַכט מיט אים, דערפאַר אָבער לאָמיר זיינע גיטער, וואָס וועלן זיך אויפן וועג טרעפן, גוט אים אויסליידיקן. לאָמיר גיין צום וויטעבסקער וואָיעוואָדע, כדי צו האָבן, וועלכן עס איז שוץ, וועלכן עס איז האַר הינטער זיך, און אויפן וועג לאָמיר נעמען, וואָס עס וועט זיך לאָזן, פון די שפּיז-קאַמערס, פון די שטאַלן, שייערס, שפּייכלערס, קעלערס. די נשמה מיינע רייסט זיך אַזש דערצו! און איר קענט זיכער זיין, אַז איך וועל פון קיינעם נישט לאָזן דערביי זיך אַריבעריאָגן. וויפיל מיר וועלן קענען געלט נעמען איבער די ווירטשאַפטן, לאָמיר אויך נעמען. וואָס טויגלדיקע און וואָס מער פאַרזאָרגט מיט כל-טוב מיר וועלן אָנקומען צום וויטעבסקער וואָיעוואָדע, אַלץ שענער וועט ער אונדז אויפנעמען.

— ער וועט אונדז אַזוי אויך שיין אויפנעמען — האָט אָסקערקאַ זיך אָנגערופן — אָבער ס'איז אַ גוטע עצה, אַז מען זאָל גיין צו אים און קיין בעסערע וועט איצט קיינער נישט אויסקלערן.

— אַלע וועלן דערצו מסכּים זײַן — האָט סטאַנקעוויטש צו־געגעבן.

— יאָ — האָט הער מיכאַל געזאָגט — צום וויטעבסקער וואָיעוואָדע! זאָל ער זײַן יענער פּירער, וועגן וועלכן מיר האָבן באָט געבעטן.

— אמן! — האָבן די איבעריקע זיך אָנגערופן.

און זיי זענען געפאָרן אַ געוויסע צײַט שטילשווײַגנדיק, ביז הער מיכאַל האָט צום סוף זיך גענומען דרייען אויפן זאָטל.

— און אפשר ערגעץ אויפן וועג די שוועדן גלאַט אַזוי אַ ציפּ טון? — האָט ער געפרעגט, ווענדנדיק די אויגן אויף די חברים.

— מײַן עצה איז, אַז אויב עס וועט זיך מאַכן, פאַר־וואָס דען נישט? — האָט סטאַנקעוויטש געזאָגט — מסתּמא האָט ראַדזיוויל דאָרט פאַרזיכערט די שוועדן, אַז ער האָט גאַנץ ליטע אין דער האַנט און אַז אַלע וועלן יאַן קאַזשימיעזשן גערן פאַרלאָזן, זאָלן זשע זיך אַרויסווײַזן, אַז דאָס איז נישט וואָר.

— גערעכט! — האָט מירסקי געזאָגט — אויב עפּעס אַן אָפּטיילונג וועט אונדז קריכן אין וועג אַרײַן, וועלן מיר איבער אירע בייכער דורכפאָרן. איך בין אויך מסכּים, אַז מען זאָל אויפן פּירשט גופא זיך נישט וואַרפן, ווײַל מיר וועלן אים נישט בײַ־קומען. אַ מלחמה־מאַן איז דאָס אַ גרויסער! אָבער אויסמײַדנדיק אַ שלאַכט, וואָלט כּדאַי געווען זיך אַ פּאָר טעג צו דרייען אַרום קיידאַני.

— כּדי אים אַ תּל צו מאַכן פון די גיטער? — האָט זאַג־לאָבאַ געפרעגט.

— נישט דאָס! נאָר כּדי מער מענטשן צונויפצוקלויבן. מײַן און הער סטאַנקעוויטשס פאָלק וועלן צו אונדז צושטיין. און אויב זיי זענען שוין צעקלאַפּט, וואָס עס קען אויך זײַן, וועלן אויך די מענטשן יחידימווײַז זיך צו אונדז צושאַרן. ס'איז אויך נישט מעג־לעך, אַז עס זאָל אַ ביסל שליאַכטשיצעס נישט צוקומען. מיר וועלן דעם הער סאַפּיעהאַן אַראָפּברענגען אַ גרעסערע קראַפט, מיט וועלכע ער וועט לײַכט קענען עפּעס אונטערנעמען.

באמת, דידאָזיקע אויסרעכענונג איז געווען אַ גוטע, און אַלס ערשטער ביישפּיל האָבן געקענט דינען הער ראַכס דראַגונער, וועלכע זענען אַלע, אַ חוץ אים אַליין, אָן קווענקלעניש אַריבער צום הער מיכאַל. אַזעלכע האָט געקענט זיין אַ סך אין ראַדזיווילס רייען. מ׳האָט זיך דערביי געקענט משער זיין, אַז דער ערשטער אָנגריף אויף די שוועדן וועט אַרויסרופן אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין לאַנד.

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט בכן באַשלאָסן צו לאָזן זיך באַנאַכט אין דער ריכטונג פון פּאָניעוויעזש, אין דער סביבה פון אופּיטאַ, פאַרכאַפּן נאָך פון דער לאַודער שליאַכטע, וויפיל מ׳וועט קענען, און פון דאָרט זיך אַריינצולאָזן טיף אין די ראַגאָווער וועלדער, אין וועלכע עס האָבן זיך לויט זיין השערה געמוזט באַהאַלטן די צעקלאַפּטע ווידערשפּעניקע פּולקן. דערווייל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אָפּרו לעבן טייך לאַוועטש, כדי די מענטשן און די פערד צו קרעפטיקן.

דאָרט זענען זיי געשטאַנען ביז נאַכט, קוקנדיק פון די געדיכטענישן אויפן גרויסן וועג, איבער וועלכן עס האָבן זיך כסדר געצויגן מחנות פויערן, וואָס זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער פאַר דעם שוועדישן אָנלויף, אויף וועלכן מ׳האָט זיך געריכט.

די זעלבער, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפן וועג, האָבן פון צייט-צו-צייט געבראַכט איינצלנע פויערן, כדי צו דערוויסן זיך עפּעס וועגן די שוועדן, אָבער קיין סך האָט מען פון זיי נישט געקענט דערגיין.

די פויערן זענען געווען איבערגעשראָקן און יעדער באַזונדער האָט איבערגעחזרט, אַז די שוועדן זענען שוין דאָ, אָבער קיין גענויע אויפקלערונגען האָט קיינער נישט געקענט געבן.

ווען עס איז שוין אינגאַנצן פינסטער געוואָרן האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געהייסן די מענטשן זיך זעצן אויף די פערד, אָבער איידער זיי האָבן גערירט, האָט זיך צו אַלעמענס אויערן דערטראָגן אַ גענויג דייטלעכער אָפּקלאַנג פון גלעקער.

— וואָס איז דאָס? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט — צו די תפילות איזעס דאָך צו שפּעט?

הער וואָלאַדזיאָווסקי האָט אַ ווײַלע זיך גוט אײַנגעהערט.

— דאָס קלינגט מען אויף אַלאַרם! — האָט ער זיך אָנגערופן.

דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט אין די לענג פון דער ריי.

— און ווייסט נישט עמעצער פון אײַך — האָט ער געפרעגט — וואָס איז דאָס פאַר אַ דאָרף, אָדער שטעטל אין יענער זײַט?

— קלאַוואַני, הער פּאָלקאָווניק! — האָט איינער פון די גאַשטשעוויטשס געענטפערט — מיר פאָרן דאָרט אַרום מיט פּאַטאַש.

— איר הערט דאָס קלינגען?

— מיר הערן! דאָס איז אַן אומגעוויינלעכע זאַך!

הער מיכאַל האָט אַ ווינק געטון צום טראָמפּייטער און באַלד האָט צווישן די פינסטערע געדיכטעניש אָפּגעהילכט די שטילע שטים פון אַ טראָמפּייטל. דער פּולק האָט זיך אַ רוק געטון פאָרויס.

אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס האָט זיך אָנגעטראָגן וואָס אַמאָל אַ הילכיקער געקלאַנג; זיי האָבן טאַקע אומזיסט נישט געקוקט, ווייל אינגיכן האָט אויפן האָריזאָנט אַ בליץ געטון אַ רויט ליכט, וועלכעס איז גרעסער געוואָרן מיט יעדער רגע.

— פייער! — האָט מען געשעפּטשעט און די רייען.

הער מיכאַל האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו סקשעטוסקין.

— שוועדן! — האָט ער געזאָגט.

— מיר וועלן פאַרזוכן! — האָט הער יאַן געענטפערט.

— עס חידושט מיך נאָר, וואָס זיי צינדן אונטער.

— די שליאַכטע האָט געמוזט שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אָדער די פויערן האָבן זיך אויף זיי אַ לאָז געטון, אויב זיי האָבן געוואָלט אין דער קירך אַרײַנדרינגען.

— נו, מ׳וועט זען! — האָט הער מיכאַל געזאָגט.

און ער האָט אָפּגעעטעמט מיט צופרידנהייט.

דאַ איז הער זאַגלאַבאַ צו אים צוגעריטן.

— הער מיכאַל?

— וואָס איז?

— איך זע שוין, אַז איר האָט שוועדיש פלייש דערשנאַפּט.

עס וועט אוודאי זיין אַ שלאַכט, וואָס?

— אַז גאָט וועט צושיקן! אַז גאָט וועט צושיקן!

— און ווער וועט דעם געפאַנגענעם היטן?

— וואָס פאַר אַ געפאַנגענעם?

— אוודאי נישט מיך, נאָר קאָוואַלסקין. זעט איר, הער מי־כאַל, דאָס איז אַ זייער וויכטיקע זאַך, אַז ער זאָל נישט אַנטלויפן. געדענקט, אַז דער העטמאַן ווייסט גאָרנישט, וואָס עס איז געשען און וועט פון קיינעם נישט געוווּיר ווערן, אויב קאָוואַלסקי וועט אים נישט מודיע זיין. מ׳דאַרף אים איבערגעבן אין זיכערע הענט, ווייל בשעת אַ שלאַכט איז לייכט צו מאַכן פליטה, בפרט, אַז ער קען אויך מיט שפּיצלעך זיך באַנוצן.

— ער האָט אַזאַ סיגול צו שפּיצלעך, ווי דער וואָגן, איף וועלכן ער זיצט. אָבער איר זענט גערעכט, אַז מען דאַרף עמעצן באַ אים איבערלאָזן. ווילט איר אויף אים השגחה האָבן פאַר דער־דאָזיקער צייט?

— הם! אַ שאָד מיר די שלאַכט!... אמת, אַז אין דער נאַכט באַ פייער זע איך כמעט גאָרנישט. ווען מיר וואָלטן זיך אַזוי באַטאָג געדאַ־פט שלאָגן, וואָלט איר עס קיינמאָל באַ מיר נישט געפועלט... אָבער קוים פאָדערט דאָס דער טובת־הכּלל, זאָל שוין זיין אַזוי!

— גוט. איך וועל אייך איבערלאָזן אַ פינף מענטשן צו הילף, און אַז ער וועט וועלן אַנטלויפן, גיט אים אַ קויל אין קאָפּ אריין

— איך וועל אים אין די פינגער ווי וואַקס צעקוועטשן, האָט קיין מורא נישט!... אָבער דאָס פייער ווערט דאָרט וואָס אַמאָל גרעסער. ווי זאָל איך זיך אָפּשטעלן מיט קאָוואַלסקין?

— ווי איר ווילט. כ׳האָב איצט קיין צייט נישט! — האָט הער מיכאַל געזאָגט.

און איז אַרויסגעפאָרן פאָרויס.

די פלאַמען האָבן זיך פונאַנדערגעגאָסן וואָס אַמאָל ברייטער. דער ווינט האָט געבלאָזן פון דער זייט פון פייער און צוזאַמען מיטן געקלאַנג פון די גלעקער געבערענגט אַן אָפּהילך פון אַ שיסעריי.

— גאַלאָפּ! — האָט הער וואָלאָדיִאָווסקי אַ קאָמאַנדע געגעבן.

4. קאַפּיטל.

צופאָרנדיק נענטער צום דאָרף, האָבן זיי איינגעהאַלטן די טריט און דערזען אַ ברייטע גאַס, וואָס איז אַזוי שטאַרק געווען באַלויכטן פון פלאַמען, אַז מען וואָלט אויף איר שפּילקעס געקענט קלויבן, ווייל פון ביידע זייטן האָבן געברענט אַ פּאָר כאַלופּעס און די איבעריקע האָבן זיך ביסלעכווייז פון זיי אָנגעכאַפּט, ווייל דער ווינט איז געווען אַ גענוג שטאַרקער און האָט אויף די דערלעבנדיקע דעכער געטראָגן די פונקען אין גאַנצע סנאָפּעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ פּנים פון פייערדיקע פייגל. אויף דער גאַס האָבן די פלאַמען באַלויכטן גרעסערע און קלענערע הייפלעך מענטשן, וועלכע האָבן זיך גיך באַוועגן אין פאַרשידענע זייטן. מענטשלעכע קולות האָבן זיך אויסגעמישט מיטן אָפּקלאַנג פון די גלעקער פון דער צווישן ביימער באַהאַלטענער קירך, מיט דער ריטשעריי פון בהמות, מיטן געביל פון הינט און מיט די זעלטענע שאָסן פון הייסן כלי-זיין.

צוקומענדיק נאָך נענטער, האָבן הער וואָלאָדיִאָווסקיס זעלנער דערזען רייטער, אָנגעטאָן אין רונדיקע קאַפּעלושן, אָבער

זייער צאָל איז נישט געווען גרויס. מאַנכע האָבן זיך געראַנגלט מיט קופּעס פֿויערן, וועלכע זענען געווען באַוואָפֿנט מיט דרעש־אייזנס און ווידלעס, און געשאָסן אויף זיי פֿון פּיסטאָלעטן אין אַרויסגעשטופּט הינטער די כאַלופּעס, אויף די גערטנער; אַ צווייטער טייל האָט מיט די שווערטן אַרויסגעטריבן אויפֿן וועג די אָקסן, קי און שעפּסן. נאָך אַנדערע, וועלכע מ'האָט קוים אַרויסגעזען פֿון די געדיכטע קנוילן פֿעדערן, האָבן זיך באַהאַנגען מיט עופֿות, וועלכע האָבן נאָך געקלאַפּט מיט די פֿליגל אין גסיסה־געצאַפּל. אַ פּאָר האָבן געהאַלטן פֿערד, יעדער צו צוויי אָדער דריי, וועלכע האָבן געהערט צו די אָפֿיצירן, וואָס זענען אַפֿנים געווען פֿאַרנומען מיט ראַבירן די כאַלופּעס.

דער וועג צום דאָרף איז געגאַנגען אַ ביסל באַרג־אַראָפּ, דורך אַ וועלדל, אַזוי, אַז די לאַודער מענטשן זענען געווען רואים ואינם־נראים און דעריבער זיך רויִק געקענט צוקוקן צום איבערפֿאַל פֿון שונא, צו דער שׂרפֿה, וואָס באַ איר שיין האָט מען דייטלעך געקענט פֿונאַנדערשיידן די פֿרעמדע זעלנער, די דאָרף־לייט, די ווייבער, וואָס זענען געשלעפּט געוואָרן צווישן די רייטער, און די מענער, וואָס האָבן זיך פֿאַרטיידיקט אין נישט געאָרדנטע קופּעס. דאָס אַלץ האָט זיך האַסטיק באַוויגן, ווי די פּופּעס אין קריפּן־שפּיל, און דערביי האָבן זיך געהערט געשרייען, קולות, אַ געקלאַנג און אַ געיאָמער.

דאָס פֿייער האָט איבערן דאָרף געפֿלאַטערט מיט דער פֿלאַמיקער גזשיבע און געקנאַקט וואָס אַמאָל שרעקלעכער.

דערנענטערנדיק זיך מיטן פֿולק צום אויפֿגעפֿאַלטן טויער האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געהייסן איינהאַלטן די שריט. ער האָט געקענט אָנגרייפֿן און מיט איין קלאַפּ פּאַרטיליקן די אָנפֿאַלער, וועלכע האָבן זיך אויף גאָרנישט געריכט; דער קליינער ריטער האָט אָבער באַשלאָסן „צו פֿאַרזוכן די שווערדן" אין אַן אָפֿענער אמתער שלאַכט, ער האָט דעריבער בכיוון געמאַכט אַזוי, אַז מ'זאָל אים באַמערקן.

אַ פּאָר רייטער, וואָס זענען געשטאַנען באַם טויער, האָבן טאַקע די ערשטע באַמערקט דעם אָנקומענדיקן פֿולק. איינער פֿון

זיי האָט אַ שפּרונג געטון צום אָפיציר וועלכער איז אין מיטן וועג געשטאַנען מיט אַ הוילער פּעכט־שווערט צווישן אַ גרעסערער קופּע רייטער, און גענומען עפּעס רעדן צו זיי, אַנווייזנדיק מיט דער האַנט אין דער ריכטונג, פון וואַנען הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט זיינע מענטשן. דער אָפיציר האָט מיט דער האַנט פאַרשטעלט די אויגן און אַ ווײַלע געקוקט, דערנאָך האָט ער געגעבן אַ צייכן און באַלד האָט אַ דייטלעכער אָפּקלאַנג פון אַ טראָמפּייטל אָפּגעהילכט צווישן די פאַרשידענע מענטשלעכע און חיהשע קולות.

און דאָ האָבן אונדזערע רייטער געקענט באַוווּנדערן די פלינקייט פון שוועדישן זעלנער; וואָרים קוים האָבן זיך נאָר דערהערט די ערשטע טענער זענען שוין אַ טייל פון די רייטער אין גרעסטן איילעניש אַרויסגעפאַלן פון די כאַלופּעס, אַ צווייטער טייל האָט אַוועקגעוואָרפן די צוגעראַבירטע זאַכן, די אָקסן, שעפּסן, און געלאָפן צו די פערד.

כהרף־עין האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין געהעריקע רייען, וואָס אויף זייער אָנבליק איז דער קליינער רייטער אַזש נתפּעל געוואָרן, אַזוי צוגעקליבן זענען די זעלנער געווען. אַלע זענען זיי געווען געזונטקע און גענוגטע יונגען, אָנגעטון אין קאַפּטאַנעס מיט לעדערנע גאַרטלען אַ כן אַקסל, אין איינהייטלעכע שוואַרצע קאַפּעלושן מיט אַן אויפגעהויבענעם ראַנד פון דער לינקער זייט; אַלע האָבן זיי געהאַט עגאַליקע קאַשטאַן־ברוינע פערד און זיי זענען געשטאַנען ווי אַ מויער, מיט די פּעכט־שווערטן בײַ די אָרעמס, קוקנדיק שאַרף, אָבער רויק אין דער זייט פון וועג.

אָבער פון דער ריי האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אָפיציר מיט אַ טראָמפּייטער. ער האָט אָפּנים געוואָלט פרעגן, וואָס פאַר אַ מענטשן זענען דאָס די, וואָס דערנענטערן זיך אַזוי לאַנגזאַם.

ער האָט משמעות געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס ראַדזיווילס אַ פּולק, פון וועלכן ער האָט נישט דערוואַרט קיין אָנגריף. ער האָט דעריבער גענומען פאָרן מיט דער שווערט און מיטן קאַפּעלוש,

און דער טראָמפּייטער האָט כּסדר געטרומייטערט צום צייכן, אַז זיי ווילן זיך צונויפרעדן.

— זאָל נאָר עמעצער צו זיי אויסשיסן פון אַ פּיסטאָלעט — האָט דער קליינער ריטער זיך צוגערופן — כּדי זיי זאָלן וויסן, אויף וואָס זיי האָבן זיך פון אונדז צו ריכטן!

אַ שאָס האָט אַ קנאַל געטון, אָבער די קוילן זענען נישט דערגאַנגען, ווייל עס איז געווען צו ווייט. דער אָפיציר האָט אָפנים נאָך אַלץ געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ מיספאַרשטענדע־ניש, ווייל ער האָט גענומען נאָך שטאַרקער שרייען און פאָכן מיטן קאַפּעלוש.

— גיט זשע אים אַ צווייט מאָל! — האָט הער וואָלאָדיאָוו־סקי אויסגעשריגן.

נאָכן צווייטן שאָס האָט דער אָפיציר זיך אומגעדרייט און איז אַוועק, הגם נישט זייער איילניק, צו זיינע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויך צו אים דערנענטערט מיט קליינע טריט.

די ערשטע רייען פון די לאַודער מענטשן איז שוין אַרייַנגעפאָרן אין טויער.

דער שוועדישער אָפיציר האָט צופאָרנדיק אַ געשריי געטון אויף זיינע מענטשן; די פּעכט־שווערטן, וועלכע האָבן ביז איצט געשטאַרט באַ די אָרעמס פון די רייטערס, האָבן זיך אויסגעבויגן און געבליבן אַראָפּהענגען אויף די גאַרטלען — דערפאַר האָבן אַלע מיטאַמאָל אַרויסגענומען די פּיסטאָלעטן פון די שייטן און זיי אָנגעשפּאַרט אויף די שטרוי־בינטלעך פון די זאָטלען, האַלטנדיק די לופעס אינדערהייך.

— אַן אויסגעצייכנטער זעלנער! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אַ ברום געטון, זעענדיק די גיכקייט און די כּמעט מעכאַנישע איינ־ציטיקייט פון זייערע באַוועגונגען.

באַ די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אומגעקוקט אויף זיינע מענטשן, צי די רייען זענען אין אָרדנונג, האָט זיך אויסגעגלייכט אויפן זאָטל און אַ געשריי געטון:

— פאָרויס!

די לאַודער האָבן זיך אַראָפּגעבויגן צו זיי העלדזער פון די פערד און זיך אַ לאָז געטון פאָרויס, ווי אַ וויכער.

די שוועדן האָבן זיי צוגעלאָזט נאָענט און באַלד געשאָסן פון די פיסטאָלעטן, אָבער דער זאַלפּ האָט קיין סך נישט געשאַדט די לאַודער, וואָס זענען געווען באַהאַלטן הינטער די פערדישע קעפּ, קוים אַ פּאָר האָבן אַרויסגעלאָזט די צוימען פון די הענט און זיך אויסגעבויגן אויף הינטן, די איבעריקע זענען צוגעלאָפן און צונויפגעשטויסן זיך מיט די רייטער ברוסט צו ברוסט.

די לאַווישע לייכטע פולקן האָבן נאָך באַנוצט שפּיזן, וועלכע עס האָבן אין קרוין-חיל געברויכט נאָר די הוזאַרן, אָבער הער וואָלאָדיִאָווסקי, וועלכער האָט זיך געריכט אויף אַ שלאַכט אין ענגשאַפט, האָט נאָך פריִער אויפן וועג זיי געהייסן אַריינשטעקן, עס איז דעריבער באַלד געקומען צו אַ געראַנגל אויף שווערטן.

דער ערשטער אימפּעט האָט נישט באַוויזן דורכצורייסן די שוועדן, אָבער ער האָט זיי צוריקגעשטופּט אַזוי, אַז זיי האָבן גענומען זיך צוריקציִען, האַקנדיק און שטויסנדיק מיט די שווערטן, און די לאַודער האָבן זיי מיט אַ ווילדער רציחה צוריקגעשפּאַרט אין דער לענג פון דער גאַס. הרוגים זענען געפאַלן גאַנצע חרים. דאָס געדראַנג איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער; דאָס געקלימפּער פון די שווערטן האָט פאַריאָגט די איבערגעשראָקענע פויערן פון דער ברייטער גאַס, אין וועלכע עס איז פון די ברענענדיקע הייזער געווען הייס נישט צום אויסהאַלטן, הגם די הייזער זענען פון וועג און פון די פאַרצוימונגען געווען אָפּגעטיילט דורך גערטנער.

די שוועדן, וועלכע זענען געשטויסן געוואָרן מיט וואָס אַמאָל אַ גרעסערער קראַפט, האָבן זיך פּאַמעלעך צוריקגעצויגן, אָבער שטענדיק אין אַ גוטער אָרדנונג. ס'איז, איבעריקנס, זיי שווער געווען זיך פונאַנדערצושפּרייטן, ווייל שטאַרקער פלויטן האָבן דעם וועג פאַרשפּאַרט פון ביידע זייטן, ווײַלנווײַז האָבן זיי געפּרוּווט זיך פאַרהאַלטן, אָבער זיי האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן.

געווען איז דאָס אַן אויסטערלישע שלאַכט, אין וועלכע עס האָבן צוליב דעם לפי-ערך ענגן פלאַץ געקעמפט נאָר די ערשטע

רייען, די ווייטערדיקע האָבן נאָר געקעט שטופּן די, וואָס זענען געשטאַנען אין די פֿאָדערשטע שורות. אָבער טאַקע דערפֿאַר איז דער קאַמף פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווילדע שחיטה.

הער וואָלאָדיִאָווסקי, וועלכער האָט פֿריִער געהאַט געבעטן די אַלטע פּאָלקאָווניקעס און יאַן סקשעטוסקין, אַז זיי זאָלן בשעת דער אַטאַקע האָבן השגחה אויף די מענטשן, האָט זיך געלאָזט ווילגיין אין דער ערשטער ריי. יעדע ווײלע איז פֿאַר אים אין ענגשאַפֿט אַ שוועדישער קאַפּעלוש פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ווי ער וואָלט אין דער ערד איינגעזונקען; פֿון צייט צו צייט איז אַ שווערט אַרויסגעשליידערט געוואָרן פֿון אַ רייטערס האַנט און געפֿלויגן מיט אַ געפּייף איבער דער ריי און גלייכצייטיק האָט זיך דערהערט אַן אימהדיק מענטשלעך געשריי און ווידער איז אַ קאַפּעלוש פֿאַרפֿאַלן געוואָרן; עס האָט אים פֿאַרביטן אַ צווייטער, דעם צווייטן אַ דריטער. אָבער הער וואָלאָדיִאָווסקי האָט כּסדר זיך געדרוקט פֿאָרויס, זיינע קליינע אייגעלעך האָבן געלויכטן ווי צוויי בייזע פֿייערלעך און ער האָט זיך נישט פֿאַרגעסן און נישט פֿאַרלירן, נאָר געפּאָכעט מיט דער שווערט ווי מיט אַ סערפּ; ווײַלנווייז, ווען ער האָט אויף דער לענג פֿון דער שווערט נישט געהאַט קיינעם פֿאַר זיך, האָט ער אויסגעדרייט דאָס פּנים און די קלינג אַ ביסל אויף רעכטס אָדער אויף לינקס אין כּהרף־עין אַראָפּגעשליידערט אַ רייטער מיט אַ לפּנים אומבאַדייטנדיקער באַוועגונג, און מוראדיק איז ער געווען מיט זיינע דאָזיקע קליינע, אָבער בליציקע, כּמעט נישט מענטשלעכע באַוועגונגען.

פּונקט ווי אַ כּרוי, וואָס פֿליקט קאַנאָפּיעס, נורעט זיך איין אין זיי אַזוי, אַז זי ווערט פֿון זיי אינגאַנצן פֿאַרשטעלט, אָבער פֿון די בלויזן, וואָס אַנטשטייען, דערקענט מען לייכט איר וועג, אַזוי איז ער אויך ווײַלנווייז נעלם געוואָרן פֿון די אויגן אין המון פֿון די געוויקסיקע מענער, אָבער דאָרט, ווו זיי זענען געפֿאַלן ווי די זאַנגען אונטערן סערפּ פֿון שניטער, וואָס שניידט אונטער דאָס קאָרן פֿון אונטן, דאָרט איז ער טאַקע געווען. סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי און דער טריבער יוזוואַ בוטרים, אָדער, ווי מען רופֿט אים, אָן־פֿיס, זענען געגאַנגען האַרט הינטער אים.

צום סוף האָבן די שוועדישע הינטערשטע רייען גענומען זיך אַרויסרוקן פון די פֿאַרצוימונגען אויפֿן גרעסערן לוסט-גאָרטן פֿאַר דער קירך און גלאָקן-טורעם, און נאָך זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט אויך די פֿאָדערשטע שורות. ס'האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע פון אָפיציר, וועלכער האָט אַפנים געוואָלט אַלע מענטשן מיטאַמאָל אַריינפירן אין די שלאַכט, און דער רייען פון די רייטער, וואָס זענען ביז איצט געווען אויסגעשטעלט אין אַ גראָדן עק, האָבן זיך כהרף-עין אויסגעצויגן אין די ברייט אין אַ לאַנגער ליניע, ווילנדיק שטעלן אַ ווידערשטאַנד מיטן גאַנצן פראָנט.

אָבער יאַן סקשעטוסקי, וועלכער האָט געוואַכט איבערן אַלגעמיינעם גאַנג פון דער שלאַכט און אָנגעפירט מיטן פראָנט פון פולק, האָט נישט נאָכגעטון דעם ביישפיל פון שוועדישן קאַפיטאַן, דערפאַר האָט ער זיך מיטן גאַנצן אימפעט אַ לאָז-געטון פאָרויס אין אַ צונויפגעפרעסטער קאָלומנע, וועלכע האָט, אָנטרעפנדיק אויף די שוין שוואַכערע שוועדישע וואַנט, זי תיכף-ומיד דורכגעקלאַפט ווי מיט אַ קלין, און ער האָט זיך האַסטיק אַ קער געטון צו דער קירך, צו דער רעכטער זייט, אַרייַנפאַלנדיק מיט דערדאָזיקער באַוועגונג אין רוקן פון איין העלפט פון די שוועדן און צו דער צווייטער העלפט זענען מירסקי און סטאַנקעוויטש צוגעשפרונגען מיטן רעזערוו, האָבנדיק הינטער זיך אַ טייל פון די לאַודער מענטשן און קאָוואַלסקיס אַלע דראַגונער.

עס האָבן זיך איצט צעפלאַקערט צוויי שלאַכטן, אָבער זיי האָבן שוין לאַנג נישט געדויערט. דער לינקער פליגל, וועלכן סקשעטוסקי האָט אָנגעגריפן, האָט נישט באַוויזן זיך צו פאָרמירן און זיך פריער פון אַלע צעשאָטן; דער רעכטער פליגל, אין וועלכן דער אָפיציר גופא איז געווען, האָט לענגער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, אָבער מחמת דעם, וואָס ער איז געווען צופיל אויסגעצויגן, האָט ער גענומען זיך ברעכן, מישן און צום סוף האָט ער נאָכגעטון דעם ביישפיל פון לינקן פליגל.

דער גאָרטן איז געווען גרויס, אָבער צום אומגליק פון אַלע זייטן מיט אַ הויכן פלויט אַרומגעצוימט, און דאָס קעגנ-

בערדיקע טויער האָט די קירך־דינע־שאַפט, וועלכע האָט געזען ווי עס האַלט, פאַרמאַכט און אונטערגעשפּאַרט.

די צעשפּרייטע שוועדן זענען דעריבער געלאָפן אַרום און אַרום, און די לאַידער האָבן זיי נאָכגעיאָגט. דאָ און דאָרט האָבן זיך גרעסערע קופּעס געשלאָגן אויף שווערטן; דאָ און דאָרט האָט די שלאַכט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ריי דועלן און אַ מאַן האָט זיך צונויפגעשטויסן מיט אַ מאַן, אַ שווערט האָט זיך געקרייצט מיט אַ שווערט, פון צייט צו צייט האָט אַ שאָס פון אַ פּיסטאָלעט אַ זעץ געטון. דאָ און דאָרט האָט אַ רייטער זיך אַרויסגעדרייט פון אונטער איין שווערט און באַלד אַנגעלאָפן אונטער אַ צווייטער. דאָ און דאָרט האָט אַ שוועד אָדער אַ ליטווינער זיך אַרויסבאַקומען פון אונטער אַן אומגעוואָרפענעם פערד און איז באַלד געפאַלן אונטערן שניט פון אַ שווערט, וואָס האָט אויף אים געוואַרט.

אין דער מיט פון גאָרטן זענען געלאָפן צעבריקעוועטע פערד אָן רייטער, מיט פון שרעק פונאַנדערגעבלאָזענע נאָזלעכער און צעפלאָשעטע גזשיבעס; מאַנכע האָבן זיך איינס דעם אַנדערן געביסן, אַנדערע, בלינד־געוואָרענע און צעווילדעוועטע, האָבן זיך מיטן הינטן אומגעקערט צו די זיך ראַנגלענדיקע קופּעס און געקלאַפּט אין זיי מיט די קאָפּיטעס.

אַראָפּשליידערנדיק אַגב־אורחא די שוועדישע רייטער, האָט הער וואָלאָדיאָווסקי איבערן גאַנצן גאָרטן מיט די אויגן דעם אָפיציר געזוכט. צום סוף האָט ער באַמערקט, ווי ער פאַרטיידיקט זיך קעגן צוויי בוטרימס און האָט אַ שפּרינג געטון צו אים.

— אין אַ זייט — האָט ער אַ געשריי געטון אויף די בוטרימס — אין אַ זייט!

די געהאָרכזאַמע זעלנער זענען אָפּגעשפּרונגען — און דער קליינער ריטער איז צוגעלאָפן און זיך אַזוי האַסטיק צונויפגעשטויסן מיטן שוועד, אַז די פערד האָבן זיך אַזש אויף די הינטנס אַראָפּגעזעצט.

דער אָפיציר האָט ווייזט אויס געוואָלט מיט אַ שטאָך דעם קעגנער פון פערד אַראָפּזעצן, אָבער הער וואָלאָדיאָווסקי האָט

אונטערגעשט ּלט דאָס הענטל פֿון דראַגונער-שווערט, האָט געמאַכט א בליציקן האַלב-ציגל און די שווערט איז פֿון אָפּיצירס האַנט אַרויסגעשפּרונגען. דער אָפּיציר האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער שייד, אָבער אין דער רגע האָט ער באַקומען אַ שניט אין דער באַק און אַרויסגעלאָזט די לייצעס פֿון דער לינקער האַנט.

— לעבעדיקערהייט אים נעמען! — האָט וואָלאָדזאָווסקי אַ געשריי געטון אויף די בוטרימס.

די לאַודער האָבן אַ כאַפּ געטון דעם פֿאַרוווּנדעטן און אונ- טערגעהאַלטן דעם זיך וואַקלדיקן אָפּיציר אויפֿן זאָטל, און דער קליינער ריטער האָט זיך אַ לאָז געטון טיף אין גאָרטן אַריין און ווייטער זיך געיאָגט נאָך די רייטער, לעשנדיק זיי פֿאַר זיך ווי די ליכט.

אָבער די שוועדן האָבן שוין אומעטום געבומען זיך אונטער- געבן דער אין האַנט-געפֿעכט און אין איינצל-געראַנגל געשיקטע- רער שליאַכטע. מאַנכע האָבן אַנכאַפּנדיק די שווערטן פֿאַר די שאַרפֿן זיי אויסגעשטרעקט מיטן הענטל צו די קעגנער, אַנדערע האָבן געוואָרפֿן דאָס געווער צו די פֿיס; דאָס וואָרט: „פּאַרדאָן!" האָט געהילכט, וואָס אַמאָל אָפֿטער אויפֿן קאַמף-פּלאַץ. אָבער מ'האָט דערויף נישט געקוקט, ווייל הער מיכאַל האָט געהייסן נאָר אַ פּאָר פֿאַרשוינען. זעענדיק דאָס, האָבן די איבעריקע זיך ווידער אַ ריס געטון צום קאַמף און זיי זענען אומגעקומען, ווי עס פּאַסט פֿאַר זעלנער, נאָך אַ מסירת-נפֿשדיקער פֿאַרטיידיקונג, אויסקויפֿנדיק מיט אַ שפּאַר ביסל בלוט דעם אייגענעם טויט.

מיט אַ שעה שפּעטער האָט מען פֿאַרענדיקט דאָס אויסקוילן דעם יתר-הפּליטה.

די פּויערן האָבן זיך, דורכן וועג פֿון דאָרף, אין גאַנצע מחנות אַ וואָרף געטון אויפֿן גאָרטן כאַפּן די פֿערד, דערקוילן די פֿאַרוווּנדעטע און אַראָפּרייסן אַלץ פֿון די געפֿאַלענע.

אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס ערשטע באַגעגעניש פֿון די ליטווינער מיט די שוועדן.

בינו-לבינו האָט הער זאַגלאָבאַ, וועלכער איז פֿונדערווייטנס געשטאַנען אין וועלדל מיטן וואָגן, אויף וועלכן הער ראָך איז

געלעגן, געמוזט אויסהערן די ביטערע תוכחה זיינע, אַז הגם ער איז אַן אייגענער, האָט ער אים פונדעסטוועגן אַזוי מיאוס באַהאַנדלט.

— איר האָט מיך, פעטער, אומגליקלעך געמאַכט, אַז איך וועל שוין מער קיין תקומה נישט האָבן, וואָרים לאַדי, וואָס אין קיידאַני וואַרט אויף מיר אַ קויל אין קאָפּ, וועט נאָך מיין נאָמען באַדעקט ווערן מיט אַן אייביקער שאַנד. פון איצט אָן, ווער עס וועט וועלן זאָגן: שוטה, וועט קענען זאָגן: ראָך קאָוואַלסקי!

— און דעם אמת געזאָגט, וועלן זיך נישט געפינען קיין סך, וואָס זאָלן אים וועלן אַפּשפּאַרן — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — און די בעכטע ראיה איז, אַז דו הידושסט זיך איבער דעם, וואָס איך האָב דיך אין אַ סכנה אַריינגעפירט. איך, וואָס איך האָב מיטן קרימער כאַן זיך אַזוי געשפּילט, ווי מיט אַ פּופּע. וואָס האָסטו זיך, חמור-קאָפּ, געטראַכט, אַז איך וועל דיך לאָזן מיך צוזאַמען מיט חשובע מענטשן קיין בזשע פירן און אונדז די שוועדן אין פּיסק אַריינזואַרפן, אונדז, די גרעסטע מענטשן, די צירונג פון דער רעפּובליק?

— דאָס האָב איך דאָך נישט פון אייגענעם ווילן אייך געפירט אַהין!

— אָבער דו ביסט געווען אַ משרת באַם תלין און דאָס איז פאַר אַ שליאַכטשיץ אַ חרפה, דאָס איז אַ שאַנד, וואָס דו מוזסט אָפּוואַשן, אַנישט וועל איך פאַרלייקענען דיך אין אַלע קאָוואַלסקיס. זיין אַ בוגד איז ערגער ווי זיין אַ רשע, אָבער זיין אַ העלפער פון עמעצן, וואָס איז ערגער פון אַ רשע, איז די גרעסטע געמיינהייט!

— איך האָב געדינט דעם העטמאַן!

— און דער העטמאַן דעם טייוול! האָסטו איצט!... ביסט אַ שוטה, ראָך, זאָלסט עס וויסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל און אין וכוחים זיך נישט אַריינלאָזן, אין האַלטן זאָלסטו זיך באַ מיין פּאָלע, וועט נאָך פון דיר אַ מענטש אַרויסקומען, ווייל וויסן וואָל-

סטו, אַז נישט איינער איז שוין דורך מיר עולה־לגדולה געוואָרן.

דעם ווייטערדיקן שמועס זייער־ן האָט איבערגעהאַקט דאָס קנאַלן פון אַ שיסערײַ, ווײַל גראָד האָט זיך אין דאָרף די שלאַכט אָנגעהויבן. דערנאָך האָט די שיסערײַ אויפגעהערט, אָבער דאָס געפילדער האָט כסדר אָנגעהאַלטן און די געשרייען זענען דערגאַנגען אַזש ביז צו יענעם אָפּגעלעגענעם אָרט אין וועלדל.

— הער מיכאַל אַרבעט שוין דאָרט — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — גרויס איז ער נישט, אָבער ער בייסט ווי אַ שלאַנג. זיי וועלן דאָרט פון די דאָזיקע מעב־לימדיקע טייוולאָנים די הויט אַראָפּשינדן. כ'וואָלט בעסער וועלן דאָרט, איידער דאָ זײַן, און דורך דיר מוז איך בלויז זיך צוהערן פון דאָזיקן וועלדל. אַזוי דאַנקסטו דאָס מיר אָפּ? טוט דאָס אַן אייגענער?

— און פאַרוואָס זאָל איך אָפּדאַנקען.

— פאַר דעם, וואָס דער בוגד אַקערט נישט מיט דיר ווי מיט אַן אָקס, הגם דו טויגסט צום אַקערן מער, ווי צו עפּעס אַנדערש, ווײַל דו ביסט אַ טפש און אַ געזונטער יונג דערצו. פאַרשטייסט?... עי! דאָרט ווערט וואָס אַמאָל הייסער... הערסט? דאָס מוזן אוודאי די שוועדן אַזוי ריטשען, ווי די קעלבלעך אויפן פאַשע פּלאַץ.

דאָ איז זאַגלאָבאַ געוואָרן ערנסט, ווײַל ער איז אַ ביסל געווען אומרויִק; מיטאַמאָל האָט ער, קוקנדיק דעם הער ראָך שאַרף אין די אויגן אַריין, אַ פרעג געטון:

— וועמען ווינטשסטו אַ נצחון?

— פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע.

— זעסטו! און פאַרוואָס נישט די שוועדן?

— ווײַל איך וואָלט זיי אויך וועלן שלאָגן, וואָס אונדזער איז אונדזער!

— דאָס געוויסן וועקט זיך אין דיר... און ווי אַזוי האָסטו בעקענט אייגן בלוט צו די שוועדן אַוועקפירן?

— ווייל כ'האָב געהאַט אַ באַפעל.

— אָבער איצט האָסטו נישט קיין באַפעל?

— אוודאי נישט.

— איבער דיר האָט איצט צו באַפעלן הער וואָלאָד־אָווסקי און נישט קיין אַנדערער!

— נו, יאַ... אַזוי איז עס טאַקע!

— דו דאַרפסט טון דאָס, וואָס הער וואָלאָד־אָווסקי הייסט דיך...

— ווייל כ'מוז.

— און אָט הייסט ער דיך קודם־כל זיך אָפּזאָגן פון ראַ־דזיווילן און נישט דינען מער אים, נאָר דעם פאָטערלאַנד.

— סטייטש? — האָט הער ראָך געפרעגט, קראַצנדיק זיך אין קאָפּ.

— אַ באַפעל! — האָט זאַגלאָבאַ אַ געשריי געטון.

— איך פאָלג! — האָט הער ראָך אָפּגעענטפערט.

— איז גוט! באַ דער ערשטער געלעגנהייט וועסטו די שוועדן שלאָגן!

— אַז אַ באַפעל, איז אַ באַפעל! — האָט קאָוואַלסקי גע־ענטפערט און טיף אָפּגעעטעמט, ווי אַ שווערע משא וואָלט אים פון דער ברוסט אַראָפּגעפאַלן.

זאַגלאָבאַ איז אויך געווען צופרידן, ווייל ער האָט זיך גע־האָט זייגע פּלענער בנוגע דעם הער ראָך. און אַזוי האָבן זיי איביינעם גענומען זיך איינהערן אין די זיך אָנטראָגנדיקע אָפּ־קלאַנגען פון דער שלאַכט און געהאַרכט אַזוי אַ שעה צייט, ביז אַלץ האָט זיך נישט איינגעשטילט.

זאַגלאָבאַ איז געוואָרן וואָס אַמאָל אומרויקער.

— זאָלן זיי האָבן געליטן אַ מפּלה?

— פּעטער, אַן אַלטער מיליטער־מאַן זאָל רעדן אַזעלכע זאַכן! ווען מ'וואָלט זיי צעקלאַפּט, וואָלטן זיי דאָך לעבן אונדז קופּעסנייז צוריקגעקערט...

— אמת!... כ'זע, אַז אויך דיין קאָפּ טויג נאָך צו עפּעס.

— דער פּיטער הערט טריט? זיי גייען פּאַמעלעך. זיי האָבן אוודאי די שוועדן אויסגעקוילעט.

— אוי! זענען דאָס גאָר אונדזערע לייט? איך וועל אפשר אַ קעגבריייטן, וואָס?

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט הער זאַגלאָבאַ אַראָפּגעלאָזט די שווערט אויפן רימען, האָט גענומען דעם פּיסטאָלעט אין דער האַנט אַריין און זיך אַ לאָז געטון פאָרויס. אינגיכן האָט ער פאַר זיך דערזען אַ שוואַרצלעכע מאַסע, וועלכע האָט זיך לאַנגזאַם באַוויגן אויפן וועג; צו דערזעלבער צייט האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ ווידערקול פון שמועסן.

פאַרנט זענען געריטן אַ פּאָר מענטשן, וועלכע האָבן צווישן זיך הויך געשמועסט אין באַלד האָט זיך אָן הער זאַגלאָבאַס אויערן אָפּגעשלאָגן די אים באַקאַנטע שטים פון הער מיכאַל, וועלכער האָט געזאָגט:

— ווילדע יונגען! כ'ווייס נישט, ווי זייערע פוס-גייער זעען אויס, אָבער די רייטער זענען אויסגעצייכנט!

זאַגלאָבאַ האָט אַ זעץ געטון דעם פערד מיט די שפּאָרנס.

— וואָס מאַכט איר!? וואָס מאַכט איר!? איך בין שוין געוואָרן אומגעדולדיק און געוואָלט אין פייער אַריין פליען... איז קיינער נישט פאַרוווּנדעט?

— אַלע זענען, גאָט צו דאַנקען, געזונט! — האָט הער מיכאַל געענטפערט — אָבער מיר האָבן עטלעכע און צוואַנציק גוטע זעלנער אָנגעווירן.

— און די שוועדן?

— מיר האָבן זיי אַלע אַוועקגעלייגט.

— הער מיכאַל, איר האָט דאָרט געמוזט זיך לאָזן ווילגיין, ווי אַ הונט אין אַ ברונעם. איז עס אָבער געווען אַ יושר כּיך דאָ איבערצולאָזן אויף דער וואַך? די נשמה איז מיר שיער נישט אויסגעגאַנגען, אַזוי שטאַרק האָט זיך מיר שוועדן-פלייש פאַרגלוסט. רויערהייט וואָלט איך זיי געגעסן!

— איר קענט אויך געבראָטענע קריגן, ווייל עס האָבן זיך דאָרט אַ פּאָר אייפּן פייער צוגעבראַכט.

— זאָלן זיי די הינט פרעסן, און געזאָגנגען האָט איר עפּעס?

— פאַרהאַן אַ ריטמייסטער און זיבן רייטער.

— און וואָס האָט איר בדעה מיט זיי צו מאַכן?

— כ'וואָלט זיי געהייסן אויפהענגען, ווייל זיי זענען ווי רוצחים דאָס אומשולדיקע דאָרף באַפאַלן און די מענטשן געקוילעט... אָבער יאַן זאָגט, אַז דאָס גייט נישט.

— הערט-זשע זיך צו, גנעדיקע הערן, וואָס מיר איז פאַר דער צייט דאָ איינגעפאַלן. מען דאַרף זיי נישט הענגען, נאָר אדרבה, אָפּלאָזן זיי וואָס גיכער קיין בירזשע.

— פאַרוואָס עפּעס?

— איר קענט מיך אַלס זעלנער, וועט איר מיך איצט קענען אויך אַלס מלוכה-מאַן. די שוועדן לאָמיר אָפּלאָזן, אָבער לאָמיר זיי נישט זאָגן, ווער מיר זענען. אדרבא, לאָמיר זיי זאָגן, אַז מיר זענען ראַדזיווילס מענטשן, אַז אויפן באַפעל פון העטמאַן האָבן מיר אויסגעקוילעט דידאָזיקע אָפּטיילונג און אַז מיר וועלן ווייטער קוילן די אַלע, וואָס מיר וועלן באַגעגענען, ווייל דער העטמאַן האָט נאָר דורך אַ שפּיצל געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער גייט אַריבער צו די שוועדן. זיי וועלן זיך דאָרט פאַר די קעפּ רייסן און מיר וועלן דורך דעם שטאַרק דעם העטמאַנס אָנזען אונטערגראָבן. אויב דערדאָזיקער איינפאַל איז נישט מער ווערט פון אייער נצחון, זאָל מיר אַן עק ווי באַ אַ פערד אַרויסוואַקסן. וואָרים איר מוזט וויסן, אַז עס וועלן דערפון אַרויסקומען צרות אי פאַר די שוועדן און אי פאַר ראַדזיווילן. קיידאַני איז ווייט פון בירזשע, און ראַדזיוויל פון פּאָנטוסן איז נאָך ווייטער. ביז זיי וועלן זיך קלאָר מאַכן, ווי און וואָס עס איז געשען, און רעכט, אַז זיי זאָלן זיך צעשלאָגן! לאָמיר אָנהייבן אַ מחלוקת צווישן בוגד און די איבערפאַלער און ווער וועט דעם גרעסטן נוצן האָבן דערפון, אויב נישט די רעפּובליק?

— אַ טייערע עצה איז דאָס און זי איז טאַקע מער ווערט

פון דעם נצחון, אַז די קוילן זאָל אים טרעפן! — האָט סטאַנ־קעוויטש זיך אָנגערופן.

— איר האָט אַ קאָפּ ווי אַ קאַנצלער — האָט מירסקי צו־געגעבן — וואָרום אַז דאָס וועט אַריינטראָגן אַ צעטומלעניש אין זייערע רייען, איז גאָר קיין ספק נישט.

— אוודאי וועט מען אַזוי דאַרפן טון — האָט הער מיכאל געזאָגט — באַלד מאָרגן וועל איך זיי אָפּלאָזן, אָבער הייַנט וויל איך גאָרנישט וויסן, ווייל איך בין שטאַרק פאַרמאַטערט... הייס איז דאָרט געווען אויפן וועג, ווי אין אַ באַק־אויוון... אוף! די העבט זענען מיר אײַנגאַנצן אָפּגעשטאַנען... דער אָפיציר וואָלט אַפילו הייַנט נישט געקענט פאָרן, ווייל דער פּיסק איז אים דורכ־געשניטן.

— ווי אַזוי וועלן מיר זיי אָבער דאָס אַלץ זאָגן? וואָס פאַר אַן עצה גיט איר, פאָטער? — האָט יאַן סקשעטוסקי גע־פרעגט.

— כ׳האָב שוין וועגן דעם אויך געטראַכט — האָט זאַגלאָ־באַ געענטפערט — קאָוואַלסקי האָט מיר געזאָגט, אַז צווישן זייַנע דראַגונער זענען פאַראַן צוויי פּרוסאַקעס, מענטשן מיט שכל, וואָס קענען גוט דייטש פּלאַפּלען. זאָלן־זשע זיי דאָס זיי זאָגן אויף דייטש, און די שוועדן קענען דאָך מסתמא דאָסדאָזיקע לשון נאָכ־דעם, ווי זיי האָבן אַזוי פיל יאָרן אין דייטשלאַנד זיך אָנגעקעמפט. קאָוואַלסקי איז שוין אונדזער מיט לייב און לעבן. דאָס איז אַ לייטישער בחור און איך וועל נאָך פון אים אַ סך נחת האָבן.

— גוט! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — זאָל עמעצער פון אייך אַזוי גוט זיין און זיך דערמיט פאַרנעמען, ווייל איך קען שוין אַפילו נישט רעדן פון מידקייט. איך האָב די מענטשן שוין צו וויסן געטון, אַז מיר בלייבן דאָ אין דאָ־זיקן וועלדל ביז באַגינען. עסן וועט מען אונדז ברענגען פון דאָרף, און איצט שלאָפן! איבער די וואַכן וועט מיין פּאָ־רוטשניק השגחה האָבן. בבאמנות, אַז איך זע אייך שוין נישט, ווייל די אויגן פאַלן מיר צו...

— גנעדיקע הערן — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט — פאַר־

האַן דאָ אַ היי-הויפן נישט ווייט הינט:רן וועלדל, לאָמיר גיין אַהין, מיר וועלן זיך אויסרועןן ווי די מייז, און מאָרגן אין וועג אַריין... מיר וועלן זיך שוין נישט אומקערן אַהער, סיידן מיטן הער סאַפּיעהאַ אַ קעגן ראַדזיווילן.

5. קאַפּיטל.

און אַזוי האָט זיך אין ליטע אָנגעהויבן אַ בירגער־מלחמה, וועלכע האָט נאָך די צוויי אַריינפאַלן אין די גרענעצן פון דער רעפּובליק און דער אוקראַינישער מלחמה, וואָס איז געוואָרן וואָס אַמאָל פאַרביטערטער, איבערפולט די מאָס פון אומגליק.

דאָס רעגולערע ליטווישע חייל, הגם עס איז געווען אַזוי קליין אין כמות, אַז עס האָט קיין איינעם פון די שונאים נישט געקענט געבן קיין דערפאָלגרייכן ווידערשטאַנד, האָט זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערס. איין טייל, און באַזונדערס די פרעמד־לענדישע ראָטעס, האָבן זיך געשטעלט אויף ראַדזיווילס צד; דער צווייטער טייל, און דער איז געווען דער גרעסטער, האָט דעם העטמאַן אויסגערופן פאַר אַ בוגד און מיט וואָפן פּראָטעסטירט קעגן דער פאַרייניקונג מיט שוועדן, אָבער אָן אחדות, אָן פירער, אָן פּלאַן. אַ פירער האָט געקענט זיין דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע, אָבער ער איז אין דעם מאָמענט געווען צופיל פאַרנומען מיט דער פאַרטיידיקונג פון ביכאָוו און מיטן פאַרצווייפלטן קאַמף

אין דער טיפעניש פון לאַנד, אַז ער זאָל מיט איינמאָל זיך קענען שטעלן בראש פון דער באַוועגונג קעגן ראַדזיווילן.

דערווייל האָבן אויך די אָנפאַלער, וואָס יעדער פון זיי האָט די גאַנצע מדינה באַטראַכט פאַר זיין אייגנטום, גענומען שיקן איינער צום צווייטן שליחים מיט דראָונגען. פון די דאָזיקע סכסוכים זייערע וואָלט געקענט גולד ווערן די רעטונג פון פאָטערלאַנד, אָבער ביז עס איז געקומען צו פיינטלעכע שריט צווישן זיי, איז גאַנץ ליטע באַוועלטיקט געוואָרן פון אַ מוראדיקן כאַאָס. ראַדזי-וויל, וועלכער האָט זיך אָפּגעגאַרט אין זיינע חשבונות וועגן חיל, האָט באַשלאָסן מיט געוואַלט עס צו צווינגען צו געהאָרכזאַמ-קייט.

קוים האָט הער וואָלאָדיאָווסקי נאָך דער קלאַוואַנער שלאַכט זיך דערשלעפּט מיט זיין אָפּטיילונג ביז פּ ניעוויעזש, ווי עס איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה, אַז דער העטמאַן האָט אַ טייל גע-מאַכט פון מירסקיס און סטאַנקעוויטשס פולקן. אַ טייל פון זיי איז מיט געוואַלט אַריינגענומען געוואָרן אין ראַדזיווילס חיילות, אַ טייל איז פאַרטיליקט אָדער צעטריבן געוואָרן אויף אַלע פיר זייטן. די רעשטלעך האָבן יחידימווייז אָדער אין נישט גרויסע גרופּעס געוואָגלט איבער די דערפער און וועלדער, זוכנדיק ווו דעם קאָפּ צו באַוואָרענען פאַר דער נקמה און נאָכיאָגע-ניש.

יעדן טאָג זענען צו הער מיכאַלס אָפּטיילונג צוגעפלאָסן נייע פּליטים, וועלכע האָבן פאַרשטאַרקט זיינע כוחות און אויך געבראַכט די פאַרשידנסטע נייעס.

דאָס וויכטיקסטע פון זיי איז געווען די ידיעה וועגן דער מרידה פון די רעגולערע פולקן, וואָס זענען געשטאַנען אין פּאָ-לעסיע, לעבן ביאַליסטאָק און טיקאָטשין. נאָכדעם ווי די מאָסקווער חיילות האָבן פאַרנומען ווילנע, האָבן יענע פולקן פון דאָרט-אויס געוואָלט באַשיצן דעם צוטריט צו די קרוין-פוילישע לענדער. ווען זיי זענען אָבער געוואויר געוואָרן וועגן דער בגידה פון העט-מאַן, האָבן זיי געשאַפן אַ קאָנפעדעראַציע, וואָס אין איר שפּיץ האָבן זיך געשטעלט די צוויי פולקאָווניקעס; האָראָטקעוויטש און

יאַקוב קמיטשיק, אַ ברודערנזון פון ראַדזיוווילס געטרייעסטן אונ- טערשטיצער פון אַנדזשעין.

דעס נאָמען פון לעצטן האָבן די זעלנערס מיילער איבער- געחזרט מיט אַ גרויל. ער האָט דאָס דער עיקר מיטגעהאָלפן צו צעקלאַפּן סטאַנקעוויטשס און מירסקיס פולקן, ער האָט אום ברחמנותדיק דערשאָסן די געכאַפּטע אָפיצירן, דער העטמאַן האָט אים בלינד געטרויט און אין די לעצטע צייטן אים גראָד אַרויס- געשיקט אַקעגן ניעוויאַראָווסקיס פולק, וועלכער האָט נישט נאָכ- געטון דעם ביישפיל פון זיין פולקאָווניק און אין אים מורד גע- ווען.

אָט דעם לעצטן באַריכט האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אויסגע- הערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, דערנאָך האָט ער זיך גע- ווענדט צו די חברים, וואָס זענען צונויפגערופן געוואָרן אויף אַ באַ- ראַטונג, און געזאָגט:

— וואָס וואָלט איר, גנעדיקע הערן, געזאָגט דערצו, ווען אָנשטאָט צו איילן קיין ביכאָוו צום וויטעבסקער וואָיעוואָדע, וואָלטן מיר אַוועק קיין פּאָלעסיע צו יענע פולקן, וואָס האָבן געמאַכט אַ קאָנפעדעראַציע?

— איר האָט מיר דאָס פון מויל אַרויסגעכאַפּט! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — מען וועט זיין נענטער צו די היימי- שע מקומות און צווישן אייגענע שפּירט מען זיך שטענדיק באַ- קוועמער.

— די פּליטים האָבן אויך דערציילט — האָט יאַן סקשע- טוסקי געזאָגט — אַז זיי האָבן געהערט, דאָס דער האַר קעניג זאָל האָבן עטלעכע פולקן געהייסן פון אוקראַינע צוריקקערן, כדי באַ דער ווייסל צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די שוועדן. אויב דאָס וועט זיך אַרויסשטעלן פאַר אַן אמת, וועלן מיר זיך געפינען צווישן אַלטע חברים, אָנשטאָט דאָ פון איין ווינקל אין צווייט זיך וואַלגערן...

— און ווער פירט אָן מיט דידאָזיקע פולקן? ווייסט איר נישט, גנעדיקע הערן?

— מען זאָגט, אַז דער הער קרוין-לאַגערמייסטער — האָט

הער וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — אָבער דאָס זענען גיכער סברות, איידער זיכערע ידיעות, ווייל אַזעלכע האָבן נאָך נישט געקענט אָנקומען.

— ווי עס זאָל נישט זיין — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — ראָט איך קיין פּאָלעסיע זיך דורכצוקריגן מיר קענען דאָרט ראַדזיווילס יענע צעבונטעוועטע פולק מיט זיך מיטכאַפּן און זיי צום האַר קעניג אַוועקפירן, און דאַמאָלס וועט דאָס זיכער נישט בלייבן אָן באַלוינט.

— זאָל זיין אַזוי! — האָבן אָסקערקאַ און סטאַנקעוויטש זיך אָנגערופן.

— ס'איז נישט קיין גרינגע זאַך — האָט דער גלייבער ריטער געזאָגט — זיך אַריבערצוקלייבן קיין פּאָלעסיע, ווייל עס וועט אויסקומען דעם העטמאַן דורך די פינגער דורכצוקריכן, אָבער מיר וועלן פּרובירן. ווען דאָס מזל זאָל דערביי צושפּילן און מיר זאָלן ערגעץ אויפן וועג קמיטשיצן דערווישן, וואָלט איך אים אין אויער אַריין געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, פון וועלכע די הויט וואָלט אויף אים גערונצעלט געוואָרן...

— ער איז עס ווערט! — האָט מירסקי געזאָגט — וואָרים אַז אַ פּאָר אַלטע זעלנער, וועלכע האָבן אַ לעבן לאַנג בײַ ראַדזיווילן אויסגעדינט, האַלטן מיטן העטמאַן, איז אויף זיי דער חידוש נישט אַזוי גרויס, אָבער יענער חצוף דינט דאָך נאָר צוליב אייגענעם נוץ און צוליב דער הנאה, וואָס די בגידה פאַרשאַפט אים.

— לאָזן מיר זיך, הייסט עס, קיין פּאָלעסיע? — האָט אָסקערקאַ געפרעגט.

— קיין פּאָלעסיע! קיין פּאָלעסיע! — האָבן אַלע אײנײנעם אויסגעשריגן.

אָבער עס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך, ווי הער וואָלאָדיאָווסקי האָט געזאָגט, ווייל ווילנדיק זיך אַריבערקריגן קיין פּאָלעסיע, האָט מען געדאַרפט דורכגיין די געגנט פון קיידאַני, דאָס הייסט לעבן גרוב, אין וועלכן דער לייב האָט זיך געדרייט.

די וועגן און וואַלד-פּאַסן, די שטעטלעך און דערפער זענען געווען אין ראַדזיווילס הענט; אַ ביסל הינטער קיידאַני איז געשטאַנען קמיטשיק מיט די רייטער, פוסגייער און האַרמאַטן. דער העטמאַן האָט שוין געוווסט וועגן אַנטלויפן פון די פּולקאָווניקעס, וועגן דער מרידה פון וואָלאָדיאָווסקיס פּולק, וועגן דער קלאָוואַנער שלאַכט, און די לעצטע האָט אים באַזונדערס אַרײַנגעבראַכט אין אַזאַ כּעס, אַז מ'האָט פאַר זײַן לעבן מורא געהאַט, ווײַל אַ שרעקלעכער אַסטמע-אָנפאַל האָט אים אויף אַ געוויסע צייט דעם אָטעם פאַרשפּאַרט.

ער האָט טאַקע געהאַט גערעכטע סיבות אַרײַנצופאַלן אין כּעס, און אפילו אין יאוש, ווײַל יעדע שלאַכט האָט קעגן אים צערייצט די שוועדישע פירער. קודם-כּל האָט מען באַלד נאָך דער דאָזיקער שלאַכט גענומען דאָ און דאָרט אויסקוילן קליינע שוועדישע אָפּטיילונגען. עס האָבן דאָס געטאָן די פּויערן און איינצלנע שליאַכטשיצעס אויף אייגענע הענט, אָבער די שוועדן האָבן דאָס געשטעלט אויף ראַדזיווילס חשבון, באַרט, אַז דער אָפיציר און די זעלנער, וואָס זענען נאָך דער שלאַכט קיין בירזשע געשיקט געוואָרן, האָבן דערקלערט פאַרן קאָמענדאַנט, אַז ראַדזיווילס אַ פּולק איז אויף זײַן באַפעל זיי באַפאַלן.

אין אַ וואָך אַרום איז צום פירשט אָנגעקומען אַ בריוו פון בירזשער קאָמענדאַנט, און אין צען טעג אַרום פון כּאָנטוס דע לאַ גאַרדין גופא, פון הויפּט-קאָמאַנדיר פון שוועדישן חיל.

„אָדער זײַן מאַיעסטעט דער פירשט האָט נישט קיין כּוחות און קיין באַדײַטונג — האָט דער לעצטער געשריבן — און אין אַזאַ פאַל, ווי אַזוי האָט איר געקענט שליסן אַן אָפּמאַך אין נאָמען פון גאַנצן לאַנד! אָדער איר ווילט דורך הינטערגאַנג דאָס חיל פון זײַן קעניגלעכער מאַיעסטעט אומברענגען! אויב עס איז אַזוי, וועט די גנאָד פון מײַן האַר זיך פון גנעדיקן הער פירשט אָפּטון און עס וועט אײַך גיך טרעפן אַ שטראָף, אויב איר וועט קיין חרטה און הכנעה נישט אַרויסווײַזן און מיט געטרײַער דינסט אויף אײַער שולד נישט מכפּר זײַן...

ראַדזיוויל האָט תּיכּף אַרויסגעשיקט שליחים מיט אַן אויפקלערונג, ווי און וואָס עס איז געשען, אָבער דער שפּיץ פון דער פייל איז געבליבן שטעקן אין דער שטאָלצער נשמה, און די ברענענדיקע ווונד האָט גענומען וואָס אַמאָל שטאַרקער אייטערן. ער, וואָס זיין וואָרט האָט נישט לאַנג דאָסדאָזיקע לאַנד, וואָס איז גרעסער פון גאַנץ שוועדן, אין די יסודות אויפגעטרייסלט — ער, וואָס פאַר אַ העלפט פון זיינע גיטער וואָלט מען אַלע שוועדישע שררות געקענט אָפּקויפן; ער, וואָס האָט דעם אייגענעם קעניג אַ ווידערשטאַנד געשטעלט, מאָנאַרכן פאַר זיינס גלייכן געהאַלטן, מיט נצחונות אין דער גאַנצער וועלט זיך קונה־שם געווען און פון דער אייגענער גדולה, ווי פון דער זון געווען באַשטראַלט — האָט איצט געמוזט אויסהערן די דראָונגען פון איין שוועדישן גענעראַל, האָט געמוזט אויסהערן מוסר וועגן הכנעה און טריישאַפט אמת, יענער גענעראַל איז געווען אַ קעניגלעכער שוואָגער, אָבער ווער־זשע איז געווען יענער קעניג גופא, אויב נישט אַ פאַרכאַפּער פון אַ טראָן, וואָס האָט לויטן געזעץ און לויט דער אָפּשטאַמונג געהערט צו יאַן קאַזימיעזשן?

קודם־כּל האָט אָבער דער העטמאַן זיין רציחה געוואָלט אויסלאָזן צו די, וואָס האָבן גורם געווען יענע דערנידעריקונג און ער האָט זיך אַ שבועה געגעבן צו צעטרעטן מיט די פיס דעם הער וואָלאָדיאָווסקי, די פּולקאָווניקעס, וואָס זענען בײַ אים געווען און דעם גאַנצן לאַודער פּולק. צו דעם צוועק האָט ער זיך אַלאָז געטון קעגן זיי, און פּונקט ווי די יעגער רינגלען אַרום דעם וואַלד מיט נעצן, כּדי אויפצוכאַפּן די וועלפישע בעסט, אַזוי האָט ער זיי אַרומגערינגלט און גענומען יאָגן אָן אָפּרו.

דערווייל איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה, אַז קמיטשיץ האָט פאַרטיליקט ביעוויאַראָווסקיס פּולק, די אָפיצירן צעטריבן אָדער אויסגעקוילעט, די רייט־קנעכט אַריינגענומען אין אייגענעם פּולק; דער העטמאַן האָט אים דעריבער געהייסן צושיקן אים אַ טייל פון די כּוחות, כּדי וואָס שטאַרקער צו קענען אָנגרייפן.

„יענע מענטשן — האָט דער העטמאַן געשריבן — וואָס

פאַר זייערע לעבן האָסטו פאַר אונדז אַזוי עקשנותדיק געבעטן, און דער עיקר וואָלאָדיִאָווסקי מיט יענעם צווייטן פאַרשלאָפטן נפש, זענען אויפן וועג קיין בירזשע אַנטלאָפן. מיר האָבן בכיוון מיט זיי מיטגעשיקט דעם נאַרישסטן אָפיציר, כדי זיי זאָלן אים נישט קענען איבערדברן, אָבער אויך ער, אָדער ער האָט פאַרראַטן, אָדער זיי האָבן אים אין באָד אַריין געפירט. היינט האָט וואָלאָדיִאָווסקי בײַ זיך דעם גאַנצן לאַודער פּילק און די גליזים פאַרשטאַרקן אים נאָך. הונדערט צוואַנציק שוועדן האָבן זיי בײַ קלאָוואַני ביז איינעם אויסגעקוילעט, אַרויסלאָזנדיק דעם קלאַנג, אַז זיי טוען דאָס אויף אונדזער באַפעל. דאָס האָט גורם געווען אַגרויסע שנאה צווישן אונדז און פאָנטוסן. דאָס גאַנצע ווערק קען קאַליע ווערן דורך דידזשאָוויקע בוגדים. וואָס ווען דו וואָלסט נישט געזען זייער מליץ־יושר, וואָלטן מיר זיי, ווי אַ גאָט איז אין הימל, געהייסן די קעפּ אַראָפּהאַקן. אַזוי מוזן מיר דאָס פאַר אונדזערע חסדים אָפּקומען, הגם מיר האָפן צו גאָט, אַז די נקמה וועט זיי גיך טרעפן. עס זענען צו אונדז אויך דערגאַנגען ידיעות, אַז אין בילעוויטשע, באַם ראָסיענער שווערט־טרעגער, קלויבט זיך צונויף די שליאַכטע און פאַרפירט קעגן אונדז אינטריגעס — מען דאַרף דאָס פאַרהיטן. דו וועסט אונדז אַלע רייטער צושיקן, און די פוסגייער וועסטו קיין קיידאַני עקספּעדירן, אַז זיי זאָלן ד שטאָט און דאָס שלאָס היטן, ווייל פון דידזשאָוויקע בוגדים קען מען אַלץ דערוואַרטן. אַליין זאָלסטו מיט אַ פּאָר צענדליק פערד אַוועק קיין בילעוויטשע און דעם שווערט־טרעגער צוזאַמען מיט דער קרובה קיין קיידאַני אַראָפּברענגען. איצט איז עס בי[illegible]ט בלויז דיר, נאָר אויך אונדז אין דעם געלעגן, ווייל ווער עס האָט זיי אין דער האַנט, דער האָט די גאַנצע לאַודער סביבה, אין וועלכער די שליאַכטע הייבט זיך אָן, אונטער וואָלאָדיִאָווסקיס פירונג, קעגן אונדז צו בונטעווען. האַראַסימאָוויטשן האָבן מיר אַרויסגעשיקט קיין זאַבלודאָוו מיט אינסטרוקציעס, ווי אַזוי ער זאָל זיך מיט יענע קאָנפעדעראַנטן נוהג־זיין. דיין ברודער־זון יאַקוב איז בײַ זיי אַ חשוב, שרייב צו אים, אויב דו האַלטסט, אַז דו וועסט דורך אַ בריוו עפּעס בײַ אים פועלן.

מיר זענען תמיד גרייט מיט דיר צו טאָן חסדים. און בעטן גאָט דיך צו שיצן".

אַז קמיטשיץ האָט געהאַט דורכגעלייענט דעם דאָזיקן בריוו, איז ער אין האַרצן געווען צופרידן, וואָס די פּאָלקאָווניקעס האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצודרייען זיך פון די שוועדישע הענט און ער האָט זיי בסוד געווּנטשן, אַז זיי זאָלן אויך פון ראַדזיווילס הענט זיך קענען אַרויסדרייען — און דאָך האָט ער דערפילט דעם פירשטס אַלע באַפעלן, אָפּגעשיקט די רייטער, קיידאַני מיט די פוס-גייער באַזעצט און אפילו פאַרשאַנצונגען גענומען אָנשיטן באַם שלאָס און באַ דער שטאָט, צוזאָגנדיק זיך אין האַרצן באַלד נאָכן פאַרענדיקן דידאָזיקע אַרבעט זיך צו לאָזן קיין בילעוויטשע נאָכן הער שווערט-טרעגער און דעם מיידל.

— קיין צוואַנג וועל איך נישט באַנוצן, סיידן, אַז עס וועט קיין אַנדערע עצה נישט זיין — האָט ער צו זיך געזאָגט — און אין קיין פאַל וועל איך אָלענקאַן נישט באַליידיקן. איבעריקנס, איז עס נישט מיין ווילן, נאָר דעם פירשטס אַ גזרה! זי וועט מיך נישט שיין אויפנעמען, איך ווייס עס, אָבער מיט גאָטס הילף וועט זי מיט דער צייט זיך איבערצייגן אין מיינע כּוונות, אַז איך דין ראַדזיווילן נישט קעגן דעם פאָטערלאַנד, נאָר כּדי עס צו ראַטעווען.

אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער פלייסיק געאַרבעט איבער דער באַפעסטיקונג פון קיידאַני, וועלכע האָט אין דער צוקונפט געזאָלט זיין אָלענקאַס רעזידענץ.

דערווייל איז הער וואָלאָדיאָווסקי אַנטלאָפן פאַרן העטמאַן, און דער העטמאַן האָט אים עקשנותדיק נאָכגעיאָגט. ס'איז אָבער דעם הער מיכאַל געווען צו ענג, ווייל פון בירזש האָבן צו דרום-צו מאַרשירט באַדייטנדיקע אָפּטיילונגען פון שוועדישע חיילות, דער מזרח פון לאַנד איז געווען פאַרנומען דורך צאַרישע מחנות, און אויפן וועג קיין קיידאַני האָט געלויערט דער העטמאַן.

הער זאַגלאָבאַ איז שטאַרק נישט צופרידן געווען פון אַזאַ

נאָך אַ וואָך, אַמאָל אָפּטער זיך געווענדט צום הער וואָלאָדיאָווסקי מיט שאלות:

— הער מיכאַל, געדענקט אין גאָט, מיר וועלן זיך דורכשלאָגן, אָדער מיר וועלן זיך נישט דורכשלאָגן?

— דאָ קען וועגן דורכשלאָגן זיך גאָר קיין רייד נישט זיין! — האָט דער קליינער ריטער געענטפערט — איר ווייסט דאָך, אַז עס האָט מיך קיין פּחד נישט גענומען און איך וועל זיך וואַרפן אויף יעדן, אפילו אויפן טייוול אַליין... אָבער מיט דעם העטמאַן וועל איך זיך נישט פאַרמעסטן, ווייל איך קען זיך מיט אים נישט פאַרגלייכן!... איר האָט אַליין געזאָגט. אַז מיר זענען קליינע פּישלעך און ער איז אַ העכט. איך וועל טון אַלץ, וואָס וועט ליגן אין מיינע כּוחות, אַז מיר זאָלן זיך אַרויסדרייען. אויב אָבער עס וועט קומען צו אַ שלאַכט, זאָג איך אָפן, אַז ער וועט אונדז צעקלאַפּן.

— און דערבאַך הייסן אויף שטיקלעך צעהאַקן און די הענט אַוועקגעבן. באַ גאָט! אין יעדע אַנדערע האַנט, אַפּי נישט אין ראַדזיווילס!... און וואָלט נישט אין אַזאַ פאַל שוין בעסער געווען צום הער כאַפּיעהאַ זיך אומצוקערן?

— איצט איז שוין צו שפּעט, ווייל עס פאַרשטעלן אונדז דעם וועג סיי דעם העטמאַנס און סיי די שוועדישע חיילות.

— דער שטן האָט מיך אַ שטופּ געטון, אַז איך זאָל די סקשעטוסקיס אָנרעדן צו גיין צו ראַדזיווילן! — האָט הער זאַגלאָבאַ אַ פאַרצווייפלטער געזאָגט.

אָבער הער מיכאַל האָט נאָך נישט פאַרלוירן די האָפענונג, בפרט, אַז די שליאַכטע און די פויערן אפילו האָבן אים מתרה געווען וועגן דעם העטמאַנס באַוועגונגען, ווייל אַלעמענס הערצער האָבן זיך אָפּגעקערט פון ראַדזיווילן. הער מיכאַל האָט זיך אַזוי אַרום אַרויסגעדרייט, ווי ער האָט געקענט, און געקענט האָט ער זייער גוט, ווייל כמעט פון די קינדער-יאָרן אָן האָט ער זיך איינגעוווינט צו מלחמות, מיט די טאָטערן און קאָזאַקן. באַרימט האָבן אים אויך געמאַכט אַמאָל אין יערעמיס אַרמיי די מאַרשן פאַר די שנעלע איבערפאַלן, די אָבלאַוועס, אומגעריכטע אָנפאַלן, בליצ-

קע ווענדונגען, אין וועלכע ער האָט די איבעריקע אָפיצירן אײַ־בערגעשטיגן.

איצט, פאַרשפּאַרט צווישן אופּיטאַ און ראַגאַוו פון איין זייט און ניעזיואַזש פון דער צווייטער זייט, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אויף אַ שטח פון אַ פּאָר מייל, אויסמײַדנדיק כסדר אַ שלאַכט, פּײַניקנדיק ראַדזיווילס פּולקן און אָפּציפּנדיק זיי אפילו צו ביסלעך, פּונקט ווי אַ וואָלף, געיאָגט פון זיך־הינט, קריכט נישט איינמאָל אַ דורך לעבן די שיסער, און ווען ער שפּירט די הינט צו נאָענט הינטער זיך, גיט ער זיך אַ קער אום און גיט אַ בליק מיט די ווייסע ציין.

אָבער ווען קמיטשיצס רייטער זענען אָנגעקומען, האָט דער העטמאַן מיט זיי פאַרשטאָפּט די ענגסטע שפּאַרעס און אַליין געפאָרן אַכטונג געבן, אַז ביידע פליגל פון דער גער זאָלן זיך צונויפקומען.

דאָס איז געווען באַ ניעוויאַזש.

מיעלעשקאָס, גאַנצהאָפּס פּולקן און צוויי רייטער־פּולקן אונטער דער פירונג פון פירשט גופא האָבן געבילדעט אַ בויגן, וואָס זיינע עקן זענען פאַרבונדן געוואָרן דורכן טייך. הער וואָלאָדיאָווסקי און זיין פּולק זענען געווען אינדערמיט פון בויגן. ער האָט אמת פאַר זיך געהאַט דעם איינציקן דורכגאַנג, וואָס האָט געפירט דורכן זומפּיקן טייך, אָבער פון יענער זייט דורכגאַנג זענען געשטאַנען צוויי שאָטישע רעגימענטן און ראַדזיווילס צוויי הונדערט קאָזאַקן, און אויך זעקס פעלד־האַרמאַטלעך, וועלכע זענען געווען אַזוי אָנגעשטעלט, אַז אפילו אַן איינצלנער מענטש וואָלט נישט באַוויזן אונטער זייער פייער דורכצוגיין אויף די צווייטע זייט.

דאַמאָלס האָט דער בויגן זיך גענומען צונויפדריקן. זיין מיט האָט אָנגעפירט דער העטמאַן גופא.

צום גליק פאַרן הער וואָלאָדיאָווסקי האָבן די נאַכט און דער שטורעם מיטן גאָס־רעגן איבערגעריסן דעם מאַרש, דערפאַר אָבער איז די פאַרשפּאַרטע נישט געבליבן שוין מער, ווי אַ קליינער שטח פון אַ לאָנקע, באַוואַקסן מיט קושאַקעס, צווישן האַב־

עיגול פון ראַדזיווילס חיילות און דעם טייך, וואָס איז פון דער צווייטער זייט געהיטן געוואָרן דורך די שאָטן.

צומאָרגנס קוים האָט דער פרימאָרגן־שימער אויסגעווייסט די שפּיצן פון די קשאַקעס, האָבן די פּולקן זיך ווייטער גערוקט, זיי זענען דערגאַנגען אַזש ביז צום טייך און געבליבן שטיין פאַרשטומטע פון פאַרוווּנדערונג.

הער וואָלאָדיאָווסקי איז אין דער ערד איינגעזונקען געוואָרן — אין די קשאַקעס איז נישט געווען קיין איין לעבעדיקער נפש.

דער העטמאַן אַליין איז נבהל־ונשתומם געוואָרן, און דערנאָך זענען אַמאָל דונערס געפאַלן אויף די קעפּ פון די אָפיצירן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די פּולקן, וואָס האָבן געהיטן דעם דורכגאַנג און ווידער האָט דעם פירשט אָנגעכאַפּט אַן אַסטמאַ־אָנפאַל, אַ אַ שטאַרקער, אַז די בייגעוועזענע האָבן געציטערט פאַר זיין לעבן. אָבער דער כעס האָט אפילו די אַסטמע גובר געווען. צוויי אָפיצירן, וועלכע ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן צו לויערן באַם ברעג, האָבן געזאָלט דערשאָסן ווערן, אָבער גאַנצהאָף האָט לסוף געפועלט באַם פירשט, אַז ער זאָל לכל־הפחות צוערשט חוקר־ודורש זיין, אויף וואָס פאַר אַן אופן די חיה האָט פון דער שטייג געקענט אַנטקומען.

ס׳האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט, אַז וואָלאָדיאָווסקי האָט אויסגענוצט די פינסטערניש און דעם רעגן און פון די קשאַקעס דעם גאַנצן פּולק אין טייך אַריינגעפירט און שווימנדיק אַדער לאָזנדיק זיך מיטרייסן מיט זיין שטראָם, האָט ער זיך דורכגעגליטשט האַרט לעבן ראַדזיווילס רעכטן פליגל, וועלכער האָט אָנגעקירט דעם בעקן. אַ פּאָר פערד, וואָס זענען ביז צו די ביי־כער אין בלאָטע געווען איינגעזונקען, האָבן אָנגעוויזן דאָס אָרט, אין וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעזעצט אויפן רעכטן ברעג.

פון די ווייטערדיקע שפּורן איז לייכט געווען צו דערגיין, אַז ער האָט אין גרעסטן איילעניש זיך אַוועקגעלאָזט קיין קיידאַני. דער העטמאַן האָט זיך פון דעם באַלד אָנגעשטויסן, אַז ער

האָט געשטרעבט זיך אַריבערצוכאַפּן צו האַראַסקעוויטשן און יאַקובּ קמיטשיצן קיין פּאָלעסיע.

צי וועט ער אָבער פאַרבייגייענדיק קיידאַני ניט אונטערצינדן די שטאָט, אָדער ניט מאַכן אַ פּרווו צו ראַבירן דעם שלאָס?

אַ שרעקלעכע מורא האָט פאַרקלעמט דעם פירשטס האַרץ. אַ גרעסערער טייל פון זיינע מזומנים און טייערע חפצים איז געווען אין קיידאַני. קמיטשיץ האָט אמת זיי געדאַרפט באַוואָרענען מיט די פוס־גייער, אָבער אויב ער האָט דאָס ניט געטון, וואָלט דער ניט באַפעסטיקטער שלאָס געקענט ווערן דער שלל פון עזותדיקן פּולקאָווניק. ווייל ראַדזיוויל איז ניט מסופק געווען, אַז עס וועט וואָלאָדיאָווסקין קיין מוט ניט אויספעלן זיך אַ וואָרף צו טון אויף די קיידאַנער רעזידענץ אַליין. ס'וואָלט אים אויך קיין צייט ניט געקענט אויספעלן, ווייל אַנטקומענדיק תחילת נאַכט, האָט ער איבערגעלאָזט די באַכיאָגער הינטער זיך וויינקסטנס אויף אַ מהלך פון זעקס שעה.

יעדנפאַלס האָט מען וואָס גיכער געדאַרפט איילן קיידאַני צו הילף. דער פירשט האָט איבערגעלאָזט די פוס־גייער און אַוועקמאַרשירט מיט אַלע רייטער.

אָנקומענדיק קיין קיידאַני האָט ער קמיטשיצן ניט געטראָפן, אָבער געפונען אַלץ אין אָרדנונג און די מיינונג, וואָס ער האָט געהאַט וועגן דער געשיקטקייט פון יונגן פּולקאָווניק, איז טאָפּלט אויסגעוואַקסן אין זיין מוח אויפן אַנבליק פון די אָנגעשאָטענע פאַרשאַנצונגען און פון די פעלד־האַרמאַטן, וואָס זענען אויף זיי געשטאַנען. דעמזעלבן טאָג נאָך האָט ער זיי באַקוקט צוזאַמען מיט גאַנצהאָפן, און אין אָוונט האָט ער צו אים געזאָגט:

— אויף זיין אייגענער דעה האָט ער דאָס געטון, אָן מיין באַפעל, און זיי אַזוי גוט אָנגעשאָטן, אַז מען וואָלט דאָ לאַנג אפילו קעגן אַרטילעריע געקענט זיך פאַרטיידיקן. אויב דערדאָזיקער מענטש וועט יונגערהייט דעם קאַרק ניט ברעכן, וועט ער קענען הויך אָנשפאַרן.

געווען נאָך אַ צווייטער מענטש, וואָס באַם דערמאַנען זיך אין אים, האָט דער פירשט ניט געקענט זיך באַפרייען פון אַ

געוויסער באַוווּנדערונג. אָבער דידאָזיקע באַוווּנדערונג האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט אַ ווילדער רציחה, ווייל יענער מענטש איז געווען הער מיכאַל וואָלאָדיאָווסקי.

— איך וואָלט גיך צו דער מרידה אַן עק געמאַכט — האָט ער געזאָגט צו גאַנצהאָפן — ווען איך וואָלט געהאַט צוויי אַזעלכע דינער... קמיטשיץ איז אפשר נאָך פלינקער, אָבער ער האָט נישט יענעמס איינגעפּרוווטקייט און יענער איז אין יערעמיס שול אויף יענער זייט דניעפּר אויפגעצויגן געוואָרן.

— דער גנעדיקער הער פירשט הייסט אים נישט נאָכיאָגן? — האָט גאַנצהאָף געפרעגט.

דער פירשט האָט אויף אים אַ קוק געטון און געזאָגט, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט:

— דיך וועט ער צעקלאַפּן, פאַר מיר וועט ער אַנטלויפן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָבער גערונצלט דעם שטערן און געזאָגט:

— דאָ איז איצט צוליב רויק, אָבער מיר וועלן איצטיקן דאַרפן קיין פאַלעסיע זיך אַוועקלאָזן, מיט יענעם דאָרט אַ סוף מאַכן.

— גנעדיקער הער פירשט — האָט גאַנצהאָף געזאָגט — ווי נאָר מיר וועלן מיט אַ פוס זיך פונדאַנען אַוועקרירן, וועלן אַלע דיך דאָ אַ כאַפּ טון צום געווער קעגן די שוועדן.

— ווער אַלע?

— די שליאַכטע און די פויערן. און נישט באַגנוגנדיק זיך מיט די שוועדן, וועלן זיי גלייכצייטיק אויף די אַנדערש-גלויביקע זיך אַ וואָרף טון, ווייל זיי וואַרפן אויף זיי אַרויף די גאַנצע שולד פאַר דער איצטיקער מלחמה דערפאַר, וואָס מיר זענען אַריבערגעגאַנגען צום שונא און אפילו אים אַראָפּגעבראַכט.

— עס גייט מיר וועגן ברז. ער באַגוסלאַוו. כ'ווייס נישט, צי ער וועט זיך דאָרט אין פאַלעסיע מיט די קאָנפעדעראַטן אַן עצה געבן.

— עס גייט מיר וועגן ליטע, אַז מיר זאָלן זי איינהאַלטן אין דער מורא פאַר אונדז און פאַרן שוועדישן קעניג.

דער פירשט האָט געטומען שפּרייזן איבערן חדר, זאָגנ־דיק:

— ווײַן עס וואָלט אויף וועלכן ס'איז אופן מעגלעך גע־ווען, האָראָטקעוויטשן אין יאַקוב קמיטשיצן אין די הענט אַרײַן צו באַקומען?... זיי וועלן זיך מיר דאָרט אין די גיטער אַרײַנ־כאַפּן, אַ תּל מאַכן, צוראַבירן, אַ שטיין אויף אַ שטיין נישט איבערלאָזן.

— סיידן אפשר מיטן גענעראַל פּאָנטוס זיך פאַרשטענדיקן, אַז ער זאָל אויף די צייט, וואָס מיר וועלן זײַן אין פּאָלעסיע, וואָס מער חייל אַהערשיקן.

— מיט פּאָנטוסן... קיינמאָל נישט! — האָט ראַדזיוויל גע־ענטפערט און אַ כוואַליע בלוט האָט אים אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַרײַן — אויב פאַרשטענדיקן, איז מיטן קעניג גופא. איך דאַרף נישט מיט דײַנער אונטערהאַנדלען, ווען איך קען מיטן האַר. ווען דער קעניג וואָלט געגעבן אַ באַפעל פּאָנטוסן, אַז ער זאָל מיר אַ צוויי טויזנט רײַטער אַהערשיקן צו הילף, איז עפּעס אַנדערש... אָבער פּאָנטוסן וועל איך וועגן דעם נישט בעטן. מ'וואָלט געדאַרפט עמעצן צום קעניג אַרויסשיקן, שוין צײַט מיט אים אַליין צו פירן אונטערהאַנדלונגען.

גאַנצהאָפס מאָגער פּנים איז אַ ביסל פאַרייטלט געוואָרן, און די אויגן האָבן זיך אים צעברענט פון גלוסטעניש.

— ווען דער גנעדיקער הער פירשט וואָלט באַפוילן...

— וואָלסטו געווען געפאָרן, כ'ווייס; אָבער צי דו וואָלסט דערפאָרן, איז אַן אַנדערע זאַך. דו ביסט אַ דײַטש, און פאַר אַ פרעמדן איז אַ סכנה זיך אַרײַנצולאָזן אין אַן אויפגעבראַזטן לאַנד. ווער ווייסט דאָרט, וווּ דער קעניג געפינט זיך אין דעם מאָמענט און וווּ ער וועט אין אַ האַלבן חודש אָדער אין אַ חודש אַרום זיך געפינען? מ'דאַרף איבערן גאַנצן לאַנד אַרומפאָרן... דערבײַ... עס קען נישט זײַן!... דו וועסט נישט פאָרן, ווײַל דאָרט דאַרף מען שיקן אַן אייגענעם און אַ חשובן מענטש, כּדי דער האַר קעניג זאָל זיך איבערצייגן, אַז נישט די גאַנצע שליאַכטע האָט מיך פאַרלאָזט.

— אַן אומגעניטער מענטש קען אַ סך שאַדן ברענגען — האָט גאַנצהאָף אומדרייסט געזאָגט.

— דאָרט וועט אַ שליח נישט האָבן קיין אַנדערע אַרבעט, נאָר מיינע בריוו אָפּצוגעבן און אַ תּשובה מיר צו ברענגען, און דערקלערן, אַז נישט איך האָב געהייסן שלאָגן די שוועדן בײַ קלאָוואַני, וועט יעדער קענען.

גאַנצהאָף האָט געשוויגן.

דער פירשט האָט ווידער גענומען מיט אומרויקע שריט שפּאַנען איבער דער שטוב און אויף זיין שטערן איז קענטיק געווען אַ כּסדרדיקער גערַאַנגל פון געדאַנקען. זייט דעם אַפּמאַך מיט די שוועדן האָט ער נישט געהאַט קיין רגע מנוחה. עס האָט אים געפּײַניקט די גדלות, געפּייניקט דאָס געוויסן, געקרענקט דער אים געריכטער ווידערשטאַנד פון לאַנד און מיליטער; עס האָט אים דורכגענומען מיט אימה די אומזיכערקייט פון עתיד, די סכּנה פון אונטערגאַנג. ער האָט זיך געוואָרפן און נישט געקענט איינרוען, די נעכט נישט געשלאָפן, די כּוחות אָנגעוווירן. די אויגן זענען אים אײַנגעפאַלן, ער איז אָפּגעדאַרט געוואָרן; דאָס פּנים, וואָס איז אַמאָל רויט געווען, איז איצט געוואָרן בלייִלעך, און כּמעט יעדע שעה זענען אים צוגעקומען זילבערנע פעדעם אין די וואָנסעס און אין דער טשופּרינע. הקיצור, ער האָט געלעבט אין יסורים און געבויגן זיך אונטער דער שווערער לאַסט.

גאַנצהאָף האָט מיט די אויגן נאָכגעשפּירט דעם פירשט, וואָס האָט כּסדר געשפּרייזט איבער דער שטוב; ער האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל האָפענונג, אַז דער פירשט וועט זיך מיישב זיין און אים אָר יסשיקן.

אָבער דער פירשט האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט און מיט דער דלאָניע זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן אַריין.

— זאָלן צוויי פולקן ריִיטער זיך תּיכף זעצן אויף די פערד! איך אַליין וועל אָנפירן.

גאַנצהאָף האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט פאַרוואונדערונג.

— אַן עקספּעדיציע? — האָט ער אומגערנוויליק געפרעגט.

— גיי! — האָט דער פירשט געזאָגט — הלוואי, עס זאָל בישט זיין צו שפּעט!

6 קאַפּיטל

נאָכדעם ווי קמיטשיץ האָט געהאַט פאַרענדיקט די פאַרשאַנצונגען און באַוואָרנט קיידאַני פון אַן אומגעריכטן איבערפאַל, האָט ער שוין לענגער נישט געקענט אָפּלייגן די עקספּעדיציע קיין בילעוויטשע צום ראַסיענער שווערט-טרעגער און צו אָלענקאַ, בפרט, אַז אויך אין פירשטס באַפעל איז בפירוש געזאָגט געוואָרן, אַז ער זאָל זיי קיין קיידאַני אַראָפּברענגען. עס איז אָבער דעם הער אַנדזשעי נישט היימלעך געווען, און ווען ער האָט זיך צום סוף געלאָזט אין וועג אַריין בראש פון פופציק דראַגונער, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַזאַ אומרויִקייט, ווי ער וואָלט אויף אַ פאַרלוירענע פּאָזיציע געפאָרן. ער האָט געשפּירט, אַז ער וועט דאָרט נישט גוט אויפגענומען ווערן, און ער האָט געציטערט אויפן געדאַנק, אַז דער שליאַכטשיץ וועט אפשר זיך וועלן אַקעגנשטעלן מיט אַ באַוואָפנטער האַנט און אַז אין אַזאַ פאַל וועט ער מוזן באַנוצן געוואַלט.

ער האָט צַבער באַשלאָסן צוערשט צו פועלן מיט גוטן אין צו בעטן. צו דעם צוועק, כדי זיין אָנקומען זאָל נישט אַרויסרופן

דעם חשד פון אַ באַוואָפנטן אָנפאַל, האָט ער איבערגעלאָזט די דראַגונער אין אַ קרעטשמע, וואָס איז אויף אַ קורצן מרחק געווען אָפּגעלעגן פון דאָרף און פון הויף; אַליין איז ער נאָר מיטן וואַכמייסטער און אַ יונגל געפאָרן ווייטער, באַפעלנדיק, אַז די ספּעציעל צוגעגרייטע קאַ:ש זאָל באַלד נאָך אים אָנפאָרן.

געווען איז עס נאָכמיטאָג און די זון האָט זיך שוין גענייגט צו מערב. אָבער נאָך דער רעגנדיקער און שטורעמדיקער נאַכט איז דער טאָג געווען אַ שיינער און דער הימל אַ לויטערער, נאָר דאָ און דאָרט איז ער אויף מערב־זייט געווען באַפלעקט מיט קליינע ראָזאָווע וואָלקנס, וועלכע האָבן זיך פּאַמעלעך פאַררוקט הינטערן האָריזאָנט, ווי סטאַדעס שעפּסן, וואָס גייען אַראָפּ פון פעלד. קמיטשיץ איז געריטן דורכן דאָרף מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און אַזוי אומרויק, ווי אַ טאָטער, וועלכער פאָרט פאַרן איבערפאַל דער ערשטער אין דאָרף אַריין און קוקט זיך אום אויף אַלע זייטן, צי ער וועט נישט דערזען ערגעץ באַוואָפנטע מענער, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין אַ באַהעלטעניש. אָבער די דריי רייטער האָבן נישט געמאַכט קיין שום רושם, נאָר די פויערישע קינדער זענען פאַר די פערד אַראָפּגעלאָפן פון וועג מיט די באָרוועסע פיס; די פויערן ווידער, אַז זיי האָבן געזען דעם שיינעם אָפיציר, האָבן זיי זיך פאַר אים גענייגט מיט די היטלעך ביז צו דער ערד און ער איז געריטן ווייטער, און נאָכדעם ווי ער האָט געמיטן דאָס דאָרף, האָט ער דערזען פאַר זיך דעם הויף. דאָס אַלטע נעסט פון די בילעוויטשעס. אין הינטער אים די גרויסע סעדער, וועלכע האָבן זיך אויסגעלאָזט העט אַזש אויף די נידריקע לאָנקעס.

קמיטשיץ האָט גענומען רייטן לאַנגזאַמער און געשמועסט מיט זיך אַליין; ער האָט אָפּנים זיך צוגעגרייט תשובֿות אויף די שאלות, און דערווייל האָט ער מיט פאַרקלערטע אויגן געקוקט אויף די בנינים, וואָס האָבן זיך פאַר אים דערהויבן. דאָס איז כּלל נישט געווען קיין שררהשע רעזידענץ, אָבער אויפן ערשטן בליק האָסטו זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָ מוז וווינען אַ שלאַכטשיץ מער ווי אַ מיטל־פאַרמעגלעכער. דאָס הויז אַליין, וואָס איז מיט זיין הינטערשטער זייט געווען געווענדט צו די גערטנער און מיטן

פראָנט צום הויפּט-וועג, איז געווען זייער גרויס, אָבער געבויט פון האָלץ. די סאָסנעס אויף די ווענט זענען טונקל געוואָרן פון אַלטקייט, אַזוי, אַז די שויבן אין די פענסטער זענען לגבי זיי געווען ווייס. איבער דעם געשטעל פון די ווענט האָט זיך אויפגעטורעמט אַ געוואַלטיקער דאַך מיט פיר קוימענס אין דער מיט און מיט צוויי טויבן-שלאַקן בײַ די עקן. גאַנצע כמאַרעס פון ווייסע טויבן האָבן זיך געקנוילט איבערן דאַך; דאָ האָבן זיי זיך אַ הייב אויף געטון מיט אַ געקלאַפּעריי פון די פליגל, דאָ האָבן זיי זיך ווי פּאָקנס שניי אויף די שוואַרצע דאַך-שינדלען אַראָפּגעלאָזט און דאָ האָבן זיי געפלאַטערט אַרום די סלופּעס, וואָס האָבן דעם גאַנעק אונטערגעשפּאַרט.

דערדאָזיקער גאַנעק, וואָס איז געווען באַצירט מיט אַ שילד אויף וועלכן די הערבן פון די בילעוויטשס זענען געווען אויסגעמאָלט, האָט קאַליע געמאַכט די פּראָפּאָרציע, ווייל ער איז נישט געשטאַנען אין דער מיט, נאָר אין אַ זייט. אפנים, אַז דאָס הויז איז אַמאָל געווען קלענער, אָבער שפּעטער האָט מען עס צוגעבויט פון איין זייט, הגם אויך דער צוגעבויטער טייל איז שוין אין משך פון די יאָרן אַזוי שוואַרץ געוואָרן, אַז עס איז קיין שום חילוק נישט געווען צווישן אים און דעם אַלטן טייל. צוויי אָפיצינעס, אומגעהייער לאַנגע, האָבן זיך דערהויבן אויף ביידע זייטן פון אייגנטלעכן הויף, אָנרירנדיק אים מיט די זייטן און בילדנדיק ווי צוויי אָרעמס פון אַ פּאָדקאָווע.

עס זענען געווען אין זיי גאַסט-שטובן, וואָס זענען באַנוצט געוואָרן אין דער צייט פון גרויסע צוזאַמענפאָרן, קיכן, מאַגאַזינען וואָגן-שאָפּעס, שטאַלן פאַר צוג-פערד, וועלכע די ווירטן האָבן ליב געהאַט צו האָבן בײַ דער האַנט, דירות פאַר באַאַמטע, דינערשאַפט און הויפישע קאָזאַקן.

אין דער מיט פון רחבותדיקן הויף-פּלאַץ זענען געוואַקסן אַלטע ליפּעס, אויף זיי האָט מען געזען נעסטן פון באָטשאַנעס, נידעריקער צווישן די ביימער איז אַ בער געזעסן אויף אַ ראָד. צוויי ברונעמס בײַ די זייטן פון הויף און אַ צלם מיטן געקרייציקטן קריסטוס, צווישן די צוויי זיילן בײַם אַרײַנפאָר האָבן דער-

גענצט דאָס בילד פון דער רעזידענץ פון דער מעכטיקער שליאַ-כעצקער משפּחה. אויף דער רעכטער זייט פון הויז, צווישן געדיכטע ליפּעס, האָבן זיך דערהויבן שטרויענע דעכער פון סטאָדאָלעס, שייערס, שאָף-שטאַלן און שפּייכלערס.

קמיטשיץ איז אַריינגעפאָרן דורכן טויער, וואָס איז געווען אָפן אויף ביידע העלפטן, ווי די אָרעמס פון אַ שליאַכטשיץ, וואָס וואַרט אויפן אָנקומען פון אַ גאַסט. באַלד האָבן די וואַכטל-הינט, וואָס שלעפן זיך איבערן הויף, אָנגעזאָגט וועגן אָנקומען פון פרעמדן און פון דער אָפּיצינע זענען אַרויסגעפאַלן צוויי דינער אונטערצו-האַלטן די פערד.

גלייכצייטיק האָט זיך אין דער טיר פון הויפּט-הויז באַוויזן עפּעס אַ ווייבערישע געשטאַלט אין וועלכער קמיטשיץ האָט די אותו-רגע דערקענט אָלענקאַן. דאָס האַרץ האָט אים דעריבער גע-נומען נאָך האַסטיקער קלאַפּן און אַ וואַרף טוענדיק דעם דינער די לייצעס, איז ער געגאַנגען צום גאַנעק מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ, האַלטנדיק אין איין האַנט די שווערט, אין דער אַנדערער דאָס היטל.

זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען, ווי אַ ליבלעכע דערשיינונג, פאַר-שטעלנדיק מיט דער האַנט די אויגן אַקעגן דער פאַרגייענדיקער זון און מיטאַמאָל איז זי נעלם געוואָרן, ווי זי וואָלט איבער-געשראָקן געוואָרן דורך דעם אָנבליק פון דעם אָנקומענדיקן גאַסט.

— שלעכט! — האָט הער אַנדזשעי געטראַכט — זי באַהאַלט זיך פאַר מיר!

עס איז אים געוואָרן אומהיימלעך און גאָר באַזונדערס דער-פאַר, וואָס פריער האָט דער לויטערער זון-אונטערגאַנג, דער אָנ-בליק פון דאָזיקן הויף און פון דערדאָזיקער רויִקייט, וואָס איז אַרום און אַרום געווען אויסגעגאָסן, אָנגעפילט זיין האַרץ מיט מוט, הגם הער אַנדזשעי האָט זיך אפשר אַליין דערפון קיין דין-וחשבון ניט געהאַט אָפּגעגעבן.

ער האָט זיך ווי איינגערעדט, אַז ער פאַרפאָרט צו אַ כלה,

וועלכע וועט אים מקבל-פנים זיין מיט בלישטשענדיקע אויגן פון פרייד או מיט פאַרויטלטע באַקן.

און דאָס איינרעדעניש איז צעפּלאַצט געוואָרן. קוים האָט זי אים דערזען, איז זי אַנטלאָפן, ווי אויפן אָנבליק פון אַ בייזן גייסט, דערפאַר איז אים אָבער אַקעגנגעגאַנגען דעם הער שווערט-טרעגער מיט אַן אומרויִקן און צוגלייך זויערן פּנים.

קמיטשיק האָט זיך פאַר אים פאַרנייגט און געזאָגט:

— כ'האָב שוין לאַנג געוואָלט דעם גנעדיקן הער מיין הכנעהדיקע דינסט פאָרלייגן, אָבער ביז איצט האָב איך דאָס אין די דאָזיקע אומרויִקע צייטן נישט געקענט, הגם עס האָט מיר אוודאי קיין חשק דערצו נישט געפעלט.

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר און פאַרבעט אין די שטובן — האָט דער שווערט-טרעגער געענטפערט, גלעטנדיק זיך די האָר אויפן קאָפּ וואָס ער פלעגט געוויינטלעך טון, ווען ער איז געווען צעמישט אָדער נישט זיכער מיט זיך.

און ער האָט זיך אָוועקגערוקט פון דער טיר, כדי דעם גאַסט צוערשט דורכצולאָזן.

קמיטשיק האָט אָבער אַ ווײַלע נישט געוואָלט אַרייַנגיין דער ערשטער און זיי האָבן זיך איינער פאַרן אַנדער געבייגט אויף די שוועל; צום סוף האָט הער זענדזשעי געמאַכט אַ שריט פאַרן שווערט-טרעגער און אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי געווען אין שטוב.

זיי האָבן דאָרט געטראָפן צוויי שליאַכטשיצעס: איינער, אַ מאַן אין די בליענדיקע יאָרן, איז געווען הער דאָווגירד פון פּלעמבאָרג, אַ נאָענטער שכן פון די בילעוויטשעס, דער צווייטער איז געווען הער כודזינסקי, דער אייגנטימער פון אייראַגאָלאַ. קמיטשיק האָט באַמערקט, אַז קוים האָבן זיי דערהערט זיין נאָמען האָבן זייערע פּנימער זיך פאַרענדערט און זיי האָבן זיך ביידע אָנגעצויגן, ווי בריטנעס אויפן אָנבליק פון אַ וואָלף; ער ווידער האָט אויף זיי געוואָרפן אַן צרויספאָדערנדיקן בליק און דערנאָך האָט ער בײַ זיך באַשלאָסן צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער זעט זיי נישט.

עס האָט אָנגעהאַלטן אַן אומהיימלעך שטילשווייגן.

הער אַנדזשעי איז געוואָרן אומגעדולדיק און געביסן די וואָנסעס, די געסט האָבן אויף אים כסדר געקוקט פון אַ זייט, און דער שווערט־טרעגער האָט געגלעט די האָר.

— איר וועט מיט אונדז טרינקען אַ גלעזל אָרימעץ, שליאַ־כעצקען מער — האָט ער צום סוף געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף די פלאַש און די גלעזער. — כ׳בעט אייך! כ׳בעט אייך!...

— כ׳וועל טרינקען מיטן גנעדיקן הער! — האָט קמיטשיץ האַרט געזאָגט.

הער דאָוווגירד און קורזינסקי האָבן גענומען סאָפּן, אָנגע־מענדיק, אַז קמיטשיץ האָט מיט זיין תשובה זיי מבזה געווען. זיי האָבן אָבער אין פריינטלעכן הויז נישט געוואָלט די ערשטע אַ מחלוקת אָנהייבן און דערצו נאָך מיט אַ היץ־קאָפּ, וואָס האָט אַ שרעקלעכן שם אין גאַנץ זשאַמעט. פונדעסטוועגן האָט זיי געברענט דערדאָזיקער בזיון.

דערווייל האָט דער שווערט־טרעגער אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אויפן ייִנגל און געהייסן אים דערלאַנגען אַ פערט גלאָז, דערנאָך האָט ער עס אָנגעגאָסן, אויפגעהויבן זיין גלאָז צום מויל און געזאָגט:

— אין אייערע הענט... איך פריי מיך אייך צו זען אין מיין הויז.

— כ׳וואָלט מיך געפרייט, אַז עס זאָל באמת אַזוי זיין.

— אַ גאַסט איז אַ גאָט... — האָט דער שווערט־טרעגער געזאָגט מיט אַ כוונה.

אין אַ ווײַלע אַרום, פילנדיק אַ פּנים אַלס באַלעבאָס, אַז עס איז זיין חוב אונטערצוהאַלטן דעם שמועס, האָט ער געפרעגט:

— און וואָס הערט זיך אין קיידאַני? וואָס מאַכט דער הער העטמאַן?

— ער איז נישט זייער געזונט, גנעדיקער הער שווער־טרעגער — האָט קמיטשיץ געענטפערט — און אין דידאָזיקע אומרויקע צייטן קען אַנדערש נישט זיין... זייער פיל עגמת־נפש און האַרץ קלעמעניש האָט דער פירשט.

— מיר גלייבן! — האָט הער פּודזינסקי געזאָגט.

קמיטשיץ האָט אויף אים אַ ווײַלע געקוקט, דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צום שווערט־טרעגער און ווייטער אַזוי געזאָגט:

— האָבנדיק צוגעזאָגטע הילף פון דעם ליכטיקסטן שוועדישן קעניג, האָט דער פירשט אָן שום שהיות זיך געזאָלט אַ־ויסלאָזן קיין ווילנע אַקעגן שונא און נקמה נעמען פאַרן דאַרטיקן נאָך נישט אָפּגעקילטן אַש. איר מוזט דאָך אוודאי וויסן, אַז פון ווילנע איז קיין אָנצייכעניש נישט געבליבן, ווייל זי האָט געברענט זיבצן טעג. מ׳זאָגט, אַז צווישן די גרויזעס שוואַרצלען זיך נאָר די לעכער פון די קעלערס, פון וועלכע עס גייט נאָך אַלץ אויף אַ רויך...

— אַ אומגליק! — האָט דער שווערט־טרעגער געזאָגט.

— אוודאי איז עס אַן אומגליק, וואָס אויב מ׳האָט עס נישט געקענט פאַרהיטן, האָט מען פאַר אים געדאַרפט נקמה נעמען און פונקט אַזאַ חורבה מאַכן פון דער פיינטלעכער הויפּט־שטאָט. און עס וואָלט שוין טאַקע געהאַלטן דערביי, ווען נישט די רשעים וועלכע האָבן אויף די רייניסטע כוונות פון פּשרן האָ־ אַ חשד געוואָרפן, אים פאַר אַ בוגד אויסגערופן און אַ באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד אים געשטעלט, אַנשטאָט מיט אים צוזאַמען קעגן שונא אַרויסצוטרעטן. ס׳איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס דעם פירשטס געזונט היבקט־אונטער, ווארים ער, וועלכן גאָט האָט צו גרויסע מעשים באַשטימט, זעט, אַז די מענטשלעכע רשעות גרייט אים כסדר צו נייע שטרויכלונגען, דורך וועלכע די גאַנצע אונטערנעמונג קען דורכפאַלן. די בעסטע פריינט האָבן זיך פון פירשט אָפּגעקערט, די, אויף וועלכע ער האָט צום מייניסטן גערעכנט, האָבן אים פאַרלאָזט אָדער זיי זענען צו זייער שונאים איבערגעגאַנגען.

— אַזוי איז געשען! — האָט דער שווערט־טרעגער ערנסט געזאָגט.

— דאָס איז אויך אַ גרויסער ווייטיק — האָט קמיטשיץ געענטפערט — אַזוי כ׳האָב אַליין געהערט, ווי דער פירשט האָט גע־

ז נט: „כ׳ווייס, אַז איך פיינע מענטשן האָבן וועגן מיר אַ שלעכטע מיינונג, אָבער פאַרוואָס קומען זיי נישט קיין קיידאַני, פאַרוואָס זאָגן זיי מיר נישט אין די אויגן אַריין, וואָס זיי האָבן קעגן מיר און ווילן נישט מיינע טענות אויסהערן?

— וועמען האָט דען דער פירשט געהאַט אין זינען? — האָט דער שווערט־טרעגער געפרעגט.

— קודם־כל אייך, גנעדיקער הער, וועמען דער פירשט איז אויף אַן אמת נושא־פנים, און ער איז חושד, אַז איר געהערט צו זיינע שונאים...

דער שווערט־טרעגער האָט גענומען גיך גלעטן זיין טשופרינע און זעענדיק צום סוף, אַז דער שמועס נעמט אָן אַן אומגעווונטשטע ווענדונג, האָט ער אַ פאַטש געטון אין די הענט.

אַ יינגל האָט זיך באַוויזן אין דער טיר.

— דו זעסט נישט, אַז עס ווערט פינסטער?... ליכט! — האָט דער שווערט־טרעגער אַ געשריי געטון.

— גאָט איז אַן עדות — האָט קמיטשיץ געזאָגט — אַז איך האָב אויך אַליין בדעה געהאַט אייך מיין הכנעהדיקע דינסט פאָרצולייגן, אָבער איך בין צו דערזעלבער צייט אויך געקומען אויפן באַפעל פון פירשט, וועלכער וואָלט אַליין קיין בילעוויטשע זיך געקליבן, ווען די צייט וואָלט געווען אַ פאַסיקערע...

— צו נידעריקע שוועלן! — האָט דער שווערט־טרעגער געזאָגט.

— דאָס זאָלט איר, גנעדיקער הער, נישט זאָגן, ווייל ס׳איז דאָך אַ געוויינטלעכע זאַך, אַז שכנים באַזוכן איינער דעם אַנדערן, נאָר דער פירשט האָט נישט קיין פרייע מינוט. האָט ער צו מיר דעריבער געזאָגט: „פאַרענטפער מיך פאַר בילעוויטשן, אַז איך קען אַליין צו אים נישט קומען, נאָר זאָל ער צו מיר קומען מיט דער קרובה און דאָס דווקא באַלד, ווייל מאָרגן אָדער איבערמאָרגן ווייס איך נישט, ווו כ׳וועל זיין!" איר זעט, גנעדיקער הער, איך קום אייך פאַרבעטן און פריי מיך, וואָס איר זענט ביידע געזונט, ווייל ווען איך בין פאַרפאָרן אַהער, האָב

זיך דאָס פֿריילין אַלעקסאַנדראַ אין דער טיר געזען, נאָר זי איז באַלד נעלם געוואָרן, ווי אַ נעפּל אויף דער לאָנקע.

— יאָ — האָט דער שווערט-טרעגער געזאָגט — כ'האָב זי אַליין אַרויסגעשיקט זען ווער ס'איז געקומען.

— איך וואַרט אויף אַ תּשובה, גנעדיקער הער שווערט-טרעגער! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

אין דער רגע האָט דאָס ייִנגל אַרייַנגעברענגט ליכט און זיי אַוועקגעשטעלט אויפן ט"ש; בײַ דער שײַן פון די ליכט האָט מען געזען פון דער שווערט-טרעגערס פּנים, אַז ער איז זייער צעמישט.

— דאָס איז פאַר מיר נישט קיין קלײנער כּבוד — האָט ער געזאָגט — אָבער... באַלד קען איך נישט... איר זעט דאָך, אַז כ'האָב געסט... איר וועט אַזוי גוט זײַן מיך פאַרן פּירשט העטמאַן רעכטפאַרטיקן...

— דאָס איז, הער שווערט-טרעגער, כּלל קיין מניעה נישט, ווײַל דידאָזיקע הערן וועלן דאָך דעם האַר פּירשט אָפּטרעטן.

— מיר האָבן אַליין צונגער אין מויל און קענען אַליין פאַר זיך ענטפערן! — האָט דער כודזינסקי זיך אָנגערופן.

— נישט וואַרטנדיק, וואָס אַן אַנדערער וועט וועגן אונדז באַשליסן! — האָט דער דאָוגריד פון פלעמבאָרג צוגעגעבן.

— זעט איר, הער שווערט-טרעגער — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער נעמט אָן די גראָבע ווערטער פון די שליאַכטשיצעס פאַר אַ גוטע מטבע — כ'האָב געוווסט, אַז דאָס זענען קלוגע ריטער. אַגב, כּדי זיי נישט פוגע-בכּבוד צו זײַן, פאַרבעט איך זיי אויך אין פּירשטס נאָמען קיין קיידאַני.

— אַ צו גרויסער חסד! — האָבן ביידע געענטפערט — מיר האָבן עפּעס אַנדערש צו טון.

קמיטשיץ האָט אויף זיי אַ קוק געטאָן מיט אַ משונהדיקן בליק, און דערנאָך האָט ער געזאָגט קאַלט, ווי צו עפּעס אַ פערמער פּערזאָן:

— אַז דער פּירשט בעט, טאָר מען נישט אָפּזאָגן!

דערויף האָבן יענע זיך אויפגעהויבן פון די ערטער.

— איז דאָס, הייסט עס, צוואַנג! — האָט דער שווערט־טרעגער געזאָגט.

— גנעדיקער הער שווערט־טרעגער! — האָט קמיטשיץ לעבהאַפט געענטפערט — יענע הער׳ן וועלן פאָרן, צי זיי ווילן, צי זיי ווילן נישט, ווייל מ׳ר איז אַזוי געפעלן געוואָרן, אָבער לגבי אייך וויל איך קיין געוואַלט נישט באַנוצן און איך בעט אייער העפלעך, אַז איר זאָלט באַוויליקן דעם פירשטס רצון צו באַפרידיקן. איך בין אויף דינסט אין האָב אַ באַפעל אייך צו ברענגען, אָבער כל־זמן איך וועל נישט פאַרלירן די האָפנונג, אַז איך וועל מיט געבעט עפּעס פועלן, וועל איך באַנוצן נישט אויפהערן... און אַך שווער אייך צו, אַז קיין האָר אויפן קאָפּ וועט אייך דאָרט נישט גערירט ווערן. דער פירשט וויל זיך מיט אייך אויסטענהן און ער וויל, אַז אין דיזיקע אומרויִקע צייטן, אין וועלכע די פויערן אַפילו קלייבן זיך צונויף אין באַוואָפנטע מחנות און רויבעווען, זאָלט איר אין קיידאַני זיך אויפהאַלטן. אָט, דאָס איז אַלץ! איר וועט דאָרט, גנעדיקער הער, באַהאַנדלט ווערן מיטן געהעריקן כבוד, ווי אַ גאַסט און אַ פריינט, איך בין דערפאַר ערב מיט מיין ריטערלעך וואָרט.

— אַלס שליאַכטשיץ פּראָטעסטיר איך! — האָט דער שווערט־טרעגער געזאָגט — און דאָס געזעץ שיצט מיך!

— אויך די שווערטן! — האָבן כידזינסקי און דאָווגירד אויסגעשריגן.

קמיטשיץ האָט געגעבן לאַכן, האָט געקנייטש די ברעמען און געזאָגט:

— איר באַהאַלט דיזיקע שווערטן, ווייל איך וועל אייך ביידן הייסן בא דער סטאַדאָלע אַוועקשטעלן און אַ קויל שיסן אין קאָפּ אַריין!

יענע זענען בא דיזיקע ווערטער פאַרשטאַרט געוואָרן פון פחד און גענומען אָנקוקן זיך און קמיטשיצן, און דער שווערט־טרעגער האָט אויסגעשריגן:

— אַן אומדערהערטער געוואַלט-טאַט קעגן דער פרייהייט פון אַ שליאַכטשיץ, קעגן די פּריווילעגיעס!

— עס וועט קיין געוואַלט-טאַט נישט זיין, אויב איר וועט גוטוויליק פאָלגן — האָט קמיטשיץ געענטפערט — און אַ ראיה האָט איר פון דעם, וואָס איך האָב די דראַגינער אין דאָרף איבערגעלאָזט, און געקומען ביז אַהער אַליין אייך בעטן, ווי אַ שכן צו אַ שכן. זאָגט דעריבער בעסער נישט אָפּ, ווייל די צייטן זענען איצט אַזעלכע, אַז עס איז שווער זיך צו רעכענען מיט אַן אָפּזאָג. דער פירשט אַליין וועט זיך פאַר אייך וועגן דעם רעכטפאַרטיקן און זייט זיכער, אַז מ'וועט אייך מקבל-פנים זיין ווי אַ שכן און אַ פריינט. איר דאַרפט אויך דאָס פאַרשטיין, אַז ווען עס וואָלט אַנדערש געזאָלט זיין, וואָלט איך בעסער הונדערט מאָל וועלן קריגן מיט אַ קויל אין קאָפּ אַריין, איידער דאָ נאָך אייך אַהערצוקומען. כּל-זמן איך לעב, וועט קיין האָר פון קיין שום בילעוויטשס קאָפּ נישט גערירט ווערן! באַטראַכט, גנעדיקער הער, ווער איך בין, דערמאָנט זיך אין הער העראַקליושן, אין זיין צוואה און לייגט זיך איבער, צי דער פירשט העטמאַן וואָלט מיך געהייסן אויסקלויבן, ווען ער וואָלט בדעה געהאַט נישט פיין זיך מיט אייך צו באַגיין.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס באַנוצט ער געוואַלט, פאַרוואָס זאָל איך אונטער צוואַנג פאָרן?... ווי אַזוי זאָל איך אים געטרויען, בשעת גאַנץ ליטע רעדט וועגן די נגישות, אונטער וועלכע עס קרעכצן חשובע בירגער אין קיידאַני?

קמיטשיץ האָט אָפּגעעטעמט, ווייל פון די ווערטער און פון דער שטים האָט ער דערקענט, אַז דער שווערט-טרעגער הייבט זיך אָן צו וואַקלען אין זיין עקשנות.

— גנעדיקער הער! — האָט ער כמעט פריילעך געזאָגט — צוואַנג צווישן שכנים האָט אָפּטמאָל זיין שורש אין דער ליבשאַפט. און אַז איר הייסט אַ ליבן גאַסט דאָס ראָד בײַ דער קאַטש אַראָפּנעמען און פאַרשליסט דעם פלעכט-וואָגן אין אַ שפּייכלער, איז דען דאָס נישט צוואַנג? און אַז איר הייסט אים טרינקען, הגם דער וויין טריפט אים שוין פון דער נאָז, איז דען דאָס נישט צוואַנג?... און דאָ, זייט וויסן, גנעדיקער הער, אַז ווען אפילו

איך זאָל מוזן אייך בינדן און אַ געבונדענעם צווישן דראַגונער קיין קיידאַני פירן, וועט דאָס אויך זיין פאַר אייער טובה וועגן... באַטראַכט נאָר: די צעבונטעוועטע זעלנער שלעפן זיך אַרום און טוען אָפּ הפקרדיקע מעשים, די פייערן נעמען זיך צונויף, די שוועדישע חיילות דערנענטערן זיך, און איר מיינט, אַז אין דאָזיקן זידיקן קעסל וועט איר פאַרשוינט ווערן פון אַ סכּנה, אַז עס וועלן אייך היינט אָדער מאָרגן די אָדער יענע נישט באַפאַלן, נישט באַראַבעווען, נישט פאַרביטענען, אויף אייער פאַרמעגן און אויף אייער פּערזאָן חס זיין?... וואָס איז, בילעוויטש איז אַ פעסטונג? איר וועט זיך אין איר פאַרטיידיקן? וואָס איז דען דער פּירשט אויסן פאַר אייך? אַז איר זאָלט זיין באַוואָרנט, ווייל נאָר אין קיידאַני וועט איר אויף קיין שום סכּנה נישט זיין אויסגעשטעלט, און דאָ וועט שיין דעם פירשטס אַ שוץ-וואַך, וועלכע וועט אייער פאַרמעגן פון יעדער זעלנערישע הפקרות אָפּהיטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ, און אויב איין ווידלע וועט אַוועקקומען, זאָלט איר מיר מיין גאַנץ פאַרמעגן סעקוועסטירן.

דער שווערט-טרעגער האָט גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב.

— קען איך אויף אייער ווערט זיך פאַרלאָזן?

— ס'איז קודש-קדשים! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

אין דער רגע איז פרייליין אַלעקסאַנדראַ אַריינגעקומען אין שטוב. קמיטשיץ איז גיך צו איר צוגעגאַנגען; אָבער מיט אַמאָל האָט ער זיך דערמאַנט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין קיידאַני און איר קאַלטע פּנים האָט אים צוגעשמידט צום אָרט, ער האָט דעריבער פון דערווייטנס זיך שטילשווייגנדיק פאַרבייגט.

דער שווערט-טרעגער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר איר.

— מיר זאָלן פאָרן קיין קיידאַני! — האָט ער געזאָגט.

— נאָך וואָס דען? — האָט זי געפרעגט.

— ווייל דער פירשט העטמאַן בעט...

— זייער העפלעך!... ווי אַ שכן!... — האָט קמיטשיץ צוגעגעבן.

— יאָ! זייער העפלעך — האָט דער שווערט-טרעגער מיט אַ געוויסער פאַרביטערונג געזאָגט — אָבער אויב מיר וועלן נישט פאָרן גוטוויליק, האָט דערדאָזיקער ריטער אַ באַפעל אונדז מיט דראַגונער אַרומצורינגלען און צו נעמען מיט כּוח.

— זאָל גאָט אָפּהיטן, אַז עס זאָל דערצו קומען! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

— האָב איך דען נישט געזאָגט דעם פעטער — האָט דאָס פריילין אַלעקסאַנדראַ געזאָגט — לאָמיר אַנטלויפן וואָס ווייטער, ווייל מען וועט אונדז דאָ נישט לאָזן צו רו... אָט איז עס מקוים געוואָרן!

— וואָס זאָל מען מאַכן! וואָס זאָל מען מאַכן! צו געוואַלטטאָטן איז קיין עצה נישטאָ! — האָט דער שווערט-טרעגער אויסגעשריגן.

— יאָ, — האָט דאָס פריילין געזאָגט — אָבער מיר דאַרפן אין דאָזיקן שענדלעכן הויז גוטוויליק נישט פאָרן. זאָלן אונדז די רוצחים נעמען, בינדן און פירן... נישט מיר אַליין וועלן רדיפות אויסשטיין, נישט אונדז אַליין וועט די נקמה פון די בוגדים טרעפן; אָבער זאָלן זיי וויסן, אַז מיר ווילן בעסער דעם טויט, איידער שאַנד.

דאָ האָט זי זיך מיט אַן אויסדרוק פון העכסטער פאַראַכטונג געווענדט צו קמיטשיצן:

— בינדט אונדז, הער אָפיציר, אָדער הער תּלין און שלעפּט אונדז מיט פערד, ווייל אַנדערש וועלן מיר נישט פאָרן!

דאָס בלוט האָט קמיטשיצן אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין: אַ ווײַלע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער וועט אַרויספּלאַצן מיט אַ שרעקלעכן כּעס, אָבער ער האָט זיך באַוועלטיקט.

— אַך! גנעדיקע פריילין! — האָט ער געענטפערט מיט אַ שטים, געשטיקט פון אויפרעגונג — איך האָב אין אייערע אויגן קיין לייטזעליקייט נישט געפונען, אויב איר ווילט פון מיר מאַכן אַ רוצח, אַ בוגד און אַ רשע. זאָל גאָט משפּטן, ווער פון אונדז עס איז גערעכט: צי איך, וואָס דין דעם העטמאַן, אָדער איר, וואָס זענט מיך מבֿזה ווי אַ הונט. גאָט האָט אייך געגעבן אַ שיין

פּנים, אָבער אַ פֿאַרביסן און אומדערבאַרמדיק האַרץ. איר ווילט גערן אַליין ליידן, אַבי אַן אַנדערן נאָך גרעסערע יסורים צו פֿאַרשאַפֿן. איר כאַפּט אַריבער די מאָס, פֿריילין, אַזוי וואָר, ווי איך לעב. איר כאַפּט אַריבער די מאָס, אָבער דאָס וועט גאָרנישט העלפֿן!

— דאָס מיידל איז גערעכט! — האָט אויסגעשריגן דער שווערט-טרעגער, וועלכן ס'איז מיטאַמאָל צוגעקומען מוט — מיר וועלן גוטוויליק נישט פֿאָרן!... נעמט אונדז מיט דראַגונער.

אָבער קמיטשיץ האָט אויף אים גאָרנישט געקוקט, אַזוי אויפֿגעבראַכט און טיף באַליידיקט איז ער געווען.

— איר האָט האַז פֿון מענטשלעכע פּיין — האָט ער ווייטער געזאָגט צו אָלענקאַן — און האָט מיך פֿאַר אַ בוגד פֿאַרשריגן אָן משפּט, נישט אויסהערנדיק מיינע טענות, נישט לאָזנדיק מיך מיט אַ וואָרט פֿאַרטיידיקן. זאָל זיין אַזוי!... אָבער קיין קיידאַני וועט איר פֿאָרן... גערנוויליק, אָדער אומגערנוויליק, אַלצייינס! דאָרט וועלן מיינע כּוונות אַרויפֿשווימען אין דער הייך, דאָרט וועט איר איינזען, צי איר האָט מיך מיט רעכט באַעוולהט, דאָרט וועט אייך דאָס געוויסן זאָגן, ווער פֿון אונדז איז פֿאַר וועמען געווען אַ תּלין! קיין אַנדערע נקמה וויל איך נישט... גאָט איז מיט אייך, אָבער אַזעלכע מוז איך האָבן... און מער וויל איך פֿון אייך גאָרנישט האָבן, ווייל איר האָט אָנגעשפּאַנט דעם בויגן, ביז איר האָט אים נישט צעבראָכן... אונטער אייער שיינקייט ליגט אַ שלאַנג פֿאַרבאָרגן! אַז עס זאָל אייך! אַז עס זאָל אייך!

— מיר וועלן נישט פֿאָרן! — האָט דער שווערט-טרעגער נאָך אַנטשלאָסענער געזאָגט.

— אַזוי וואָר, ווי מיר לעבן! — האָבן אויסגעשריגן די הערן כודזינסקי פֿון איירּאַגאָלאַ און דאָוגירד פֿון פּלעמבאָרג.

דעמאָלט האָט קמיטשיץ זיך אַ קער געטאָן צו זיי, אָבער ער איז שוין געווען זייער בלייך, ווייל דער כּעס האָט אים געשטיקט און די ציין האָבן אים געקלאַפּט ווי אין פֿיבער.

— העי! — האָט ער געזאָגט — העי, ברענגט מיך נאָ־

פון די כּלים נישט אַרויס... פּערדישע טריט הערט מען, מ׳יגע דראַג נער פאָרן! זאָל נאָר עמעצער נאָך זאָגן אַ וואָרט, אַז ער וועט נישט פאָרן!

הינטערן פענסטער האָט מען באמת געהערט טריט פון אַ סך רייטער. אַלע האָבן איינגעזוען, אַז עס איז נישטאָ קיין עצה, און קמיטשיק האָט געזאָגט:

— פרײַלין! אין אַ פּאָר מינוט זאָלט איר זײַן אין דעקאָטש, אַנישט וועט דער פעטע׳ קריגן אַ קויל אין קאָפּ אַרײַן!

און קענטיק, אַז עס האָט אים וואָס אַ מאָל אַ ווילדערע רציחה אָנגעכאַפּט, ווײַל מיטאַמאָל האָט ער אויסגעשריגן, אַז די שויבן האָבן אַזש אין די פענסטער אַ ציטער׳ געטון:

— אין וועג!

אָבער צו דער זעלבער צײַט האָט זיך די טיר צום פאָדערהויז שטיל אויפגעמאַכט און עפּעס אַ פרעמדע שטים האָט אַ פרעג געטון:

— און וווהין דאָס, הער ריטער?

אַלע זענען פאַרשטאַרט געוואָרן פון פאַרוווּנדערונג און אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ קער געטון צו דער טיר, וווּ ס׳איז געשטאַנען עפּעס אַ קליין מענטשל אין אַ פּאַנצער און מיט אַ הילצער שווערט אין דער האַנט.

קמיטשיק האָט זיך צוריקגעצויגן איף אַ שריט, גלײַך ווי ער וואָלט אַ געשפּענסט דערזען.

— הער... וואָלאָדיאָווסקי! — האָט ער אַ געשריי געטון.

— צו אײַער דינסט! — האָט דאָס קליינע מענטשל געענטפערט.

און ער איז אַרײַן אין מיטן שטוב; נאָך אים זענען אויף אַמאָל אַרײַנגעקומען: מירסקי, זאַגלאָבאַ, ביידע סקשעטוסקיס, סטאַנקעוויטש, אָסקערקאַ און הער ראָך קאָוואַלסקי.

— האַ! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — מיר האָבן דיך געפּאַקט!

דער ראָסייִנער שוואַרץ־טרעגער האָט זיך צו זיי געווענדט מיט די ווערטער:

— ווער איר זאָלט נישט זיין, ריטער, ראַטעוועט אַ בירגער, וועלכן מען וויל אַקעגן דעם געזעץ, יחוס אָמט אַרעסטירן און פאַרשפאַרן. ראַטעוועט, גנעדיקע הערן ביידער, די פרייהייט פון אַ שליאַכטשיך!

— האָט נישט קיין מורא, גנעדיקער הער! — האָט וואָלאָ־דיאָווסקי געענטפערט — די דר[illegible]ר פון דאָזיקן ריטער זענען שוין געפּענטעט, און אין רעטונג נייטיקט ער זיך איצט מער פון אייך.

— און מער פון אַלץ אין אַ גלח! — האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן.

— הער ריטער! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו קמיטשיצן — איר האָט צו מיר קיין מזל נישט, ווייל שוין צום צווייטן מאָל פאַרלויף איך אייך דעם וועג... איר האָט זיך אויף מיר נישט געריכט?

— ניין! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — כ'האָב געמיינט, אַז איר זענט אין די הענט פון פירשט.

— כ'האָב זיך טאַקע פון דידאָזיקע הענט אַרויסגעגליטשט... און איר ווייסט דאָך, אַז דער וועג קיין פּאָלעסיע גייט דאָ אַרום.. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. ווען איר האָט צום ערשטן מאָל דאָסדאָזיקע פריילין פאַרכאַפּט, האָב איך אייך אַרויסגערופן אויף שווערטן... אמת?

— יאָ — האָט קמיטשיץ געזאָגט, אויפהייבנדיק אומגערנ־וויליק די האַנט צום קאָפּ.

— איצט איז עפּעס אַנדערש. דאַמאָלס זענט איר געווען אַ רוצח, וואָס עס טרעפט אָפט צווישן שליאַכטשיצעס, און עס איז נישט די גרעסטע ח״פּ... איצט זענט איר שוין נישט ווערט, אַז אַן אָרנטלעכער מענטש זאָל אייך אויף אַ קאַמף אַרויס־רופן.

— פאַרוואָס דען? — האָט קמיטשיץ געפרעגט.

און ער האָט גאוהדיק דעם קאָפּ געהויבן אינדערהייך און

געזומען קוקן הער וואָלאָדזיאָווסקין גלייך אין די אויגן אַריין.

— ווייל איר זענט אַ בוגד און אַן אָפּטריניקער — האָט הער וואָלאָדזיאָווסקי געענטפערט — ווייל איר האָט עטלעכע זעל־נער, וועלכע האָבן פאַרן פאָטערלאַנד זיך געשלאָגן, ווי אַ תּלין אויסגעקוילעט, ווייל נאָר אַ דאַנק אייך קרעכצט דאָסדאָזיקע אומ־גליקלעכע לאַנד אונטער אַ נייעם יאָך!... קורץ גערעדט: גרייט זיך צום טויט, ווייל, ווי אַ גאָט איז אין הימל, אייער לעצטע שעה האָט געשלאָגן.

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט ווילט איר מיך משפּטן און מקיים־פּסק זיין? — האָט קמיטשיץ געפרעגט.

— גנעדיקער הער — האָט זאַגלאָבאַ ערנסט געענטפערט — אַנשטאָט אונדז וועגן רעכט צו פרעגן, זאָגט בעסער ווידוי... און אויב איר האָט עפּעס צו זאָגן צו אייער פאַרטיידיקונג, זאָגט גיך, ווייל עס וועט זיך נישט געפינען קיין איין לעבעדיקער נפש, וואָס זאָל זיך פאַר אייך צונעמען. איינמאָל האָט אייך שוין, ווי איך האָב געהערט, דאָסדאָזיקע פריילין פון הער וואָלאָדזיאָווסקיס הענט מציל געווען, אָבער נאָכדעם, וואָס איר האָט איצט געטון, וועט זי אוודאי אויך זיך פאַר אייך נישט אָננעמען.

דאָ האָבן אַלעמענס אויגן אומגערנווילי׳ק זיך געווענדט צום פריילין בילעוויטש, וואָס איר פּנים איז אין דער רגע געווען ווי פון שטיין אויסגעהאַמערט. און זי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לידערס, אַן אייזיקע, אַ קאַלטע, אָבער זי האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, קיין וואָרט נישט אויסגע־רעדט.

די שטילקייט האָט קמיטשיצס שטים איבערגעריסן.

— איך בעט באַם דאָזיקן פריילין נישט, אַז זי זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען!

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט שטיל געשוויגן.

— אַריין! — האָט וואָלאָדזיאָווסקי אויסגעשריגן, ווענדנ־דיק זיך צו דער טיר.

עס האָבן אָפּגעהילכט שווערע טריט, וועלכע עס האָט

טריב באַגלייט אַ געקלימפּער פון שפּאָרנס און זעקס זעלנער מיט יאָזוואַ בוטרימען בראש זענען אַריינגעקומען אין שטוב.

— נעמט אים! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אַ קאָמאַנדע געגעבן — פירט אים אַרויס הינטערן דאָרף און שיסט אים אַ קויל אין קאָפּ אַריין!

בוטרים האָט זיין שווערע האַנט אויף קמיטשיצס קאָלנער אַרויפגעלייגט, נאָך אים האָבן צוויי אַנדערע דאָס אייגענע געטון.

— לאָזט מיך נישט רייסן ווי אַ הונט! — האָט הער אַנדזשעי צו וואָלאָדיאָווסקין געזאָגט — כ'וועל אַליין גיין!

דער קליינער ריטער האָט אַ ווינק געטון צו די זעלנער, וועלכע האָבן אים תיכף אָפּגעלאָזט, אָבער אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן; ער איז רויק אַרויסגעגאַנגען, האָט צו קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר שטיל אַ תּפילה געשעפּטשעט.

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט זיך אויך דורך דער אַקעגנאיבערדיקער טיר אַרויסגערוקט אין די ווייטערדיקע שטובן. זי איז דורכגעגאַנגען איין שטוב און אַ צווייטע שטוב, אויסשטרעקנדיק אין דער פינסטערניש די הענט פאַר זיך; מיטאַמאָל האָט איר אין קאָפּ גענומען שווינדלען, אין דער ברוסט האָט איר אָטעם פאַרפעלט און זי איז ווי אַ טויטע אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד.

צווישן די פאַרזאַמלטע אין דער ערשטער שטוב האָט אַ געוויסע צייט געהערשט אַ טיפע שטילקייט; עס האָט זי צום סוף איבערגעריסן דער ראָסיענער שווערט־טרעגער:

— פאַרדינט ער שוין גאָר קיין רחמים נישט? — האָט ער געפרעגט.

— ס'איז מיר אַ רחמנות אויף אים — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — ווייל ער איז העלדיש געגאַנגען צום טויט!

מירסקי האָט זיך דערויף אָנגערופן:

— ער האָט אַ צוואַנציק מענטשן פון מיין פולק דערשאָסן, אַ חוץ די, וועלכע ער האָט בשעת אַן אָנגריף געלייגט.

— און אויך פון מיין פולק! — האָט סטאַנקעוויטש גע-

זאָגט — אַ סברה, אַז אויך פון ניעוויאַראָווסקיס מענטש; האָט ער קיין שריד־ופליט נישט איבערגעלאָזט.

— ער האָט געמוזט האָבן באַפעלן פון ראַדזיווילן — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— גנעדיקע הערן, ראַדזיווילס נקמה וועט מיך דורך אייך טרעפן! — האָט דער שווערט־טרעגער באַמערקט.

— איר מוזט אַנטלויפן. מיר פאָרן קיין פּאָלעסיע, ווייל דאָרט האָבן זיך די פּולקן קעגן די בוגדים צעבונטעוועט, און איר גרייט זיך באַלד מיט אונדז מיטצוגיין. נישטאָ קיין אַנדערע ברירה. איר קענט אַ מקום־מקלט געפינען אין ביאַלאָוויעזש, וו עס ווינט הער סקשעטוסקיס קרוב, דער הויף־יעגערמייסטער. דאָרט וועט אייך קיינער נישט אויפזוכן.

— אָבער מיין פאַרמעגן וועט לאיבוד־גיין.

— וועט די רעפּובליק אייך אומקערן.

— הער מיכאַל — האָט זאַגלאָבאַ מיטאַמאָל געזאָגט — איך וועל אַ שפּרינג טון קוקן, צי דערדאָזיקער אומגליקלעכער מענטש האָט נישט באַ זיך וועלכע עס איז באַפעלן פון העטמאַן? איר געדענקט, וואָס איך האָב באַ ראָך קאָוואַלסקין געפונען?

— זעצט זיך אויפן פערד. ס'איז נאָך צייט, ווייל שפּעטער וועלן די פּאַפּירן זיין פאַרבלוטיקט. כ'האָב אים בכיוון געהייסן הינטערן דאָרף אַרויספירן, כדי דאָס מיידל זאָל זיך דאָ פון דעם ביקסן־געקנאַל נישט דערשרעקן, מחמת די ווייבער זענען דאָך ווייכהאַרציק און שרעקעוודיק.

זאַגלאָבאַ איז אַרויסגעגאַנגען און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן אַ הילך געטון די טריט פון פערד, אויף וועלכן ער איז אַוועקגעריטן; און הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך געווענדט צום שווערט־טרעגער:

— און וואָס טוט אייער קרובה?

— זי איז מכתמא מתפּלל פאַר דער נשמה, וואָס שטעלט זיך פאַר גאָטס משפּט...

— זאָל אים גאָט געבן אַן אייביקע מנוחה! — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט — ווען נישט זיין פרייוויליק דינען ראַדזי-

ווילן, האַלט איך דער ערשטער פאַר אים אַ גוט וואָרט געזאָגט, אָבער אויב ער האָט דאָס פאָטערלאַנד נישט געוואָלט פאַרטיידיקן, האָט ער דאָך על־כּל־פּנים געקענט ראַדזיווילן זיין נשמה נישט פאַרקויפן.

— אוודאי! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

— ער איז שולדיק און האָט זיין שטראָף כּשר פאַרדינט! — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי זיך אָנגערופן — אָבער כ׳וואָלט בעסער וועלן, אַז אויף זיין אָרט זאָל זיין ראַדזיוויל, אָדער אָפּאַלנסקי... אָך! אָפּאַלינסקי?!

— ווי ווייט ער איז שולדיק, האָט איר די בעסטע ראיה אין דעם — האָט אָסקערקאַ זיך צרייַנגעמישט — וואָס דאָס דאָזיקע פריילין, וועמענס חתן ער איז געווען, האָט פאַר אים קיין איין גוט וואָרט נישט געפונען. איך האָב זיך צו איר גוט צוגעקוקט און געזען, אַז זי ליידט גרויסע יסורים, אָבער זי האָט געשוויגן, ווייל ווער וועט זיך דאָס פאַר אַ בוגד אָננעמען?!

— אין זי האָט דאָך אים אַנומלט הייס געליבט, איך ווייס דאָס! — האָט דער שווערט־טרעגער געזאָגט — דערלויבט מיר, גנעדיקע הערן, און איך וועל גיין אַ קוק טון, וואָס זי מאַכט דאָרט, ווייל פאַר אַ מיידל איז דאָך דאָס אַ שווערער נסיון.

— גרייט זיך אויך אין וועג אַריין! — האָט דער קליינער ריטער אויסגערופן — ווייל מיר וועלן באַר די פערד לאָזן אויסרוען און מאַרשירן ווייטער, קיידאַני איז צו נאָענט פונדאַנען, און ראַדזיוויל מוז שוין זיין צוריקגעקומען אַהין.

— גוט! — האָט דער שליאַכטשיץ געזאָגט.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט זיין אימהדיק געשריי. די ריטער האָבן אַ שפּרינג־געטון צו דער טיר, פון וואַנען די שטים איז געקומען, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס דאָ איז געשען. עס איז זיך די דינערשאַפט צונויפגעלאָפן מיט ליכט און מ׳האָט דערזען, ווי דער שווערט־טרעגער שלעפּט אָלענקאַן, וועלכע ער האָט געהאַט געטראָפן ליגן אָן חושים אויף דער ערד.

וואָלאָדיאָווסקי איז צוגעלאָפן אים העלפן און ביידע האָבן

זי אַזעקגעלייגט אויף דער סאָפע, וווּ זי איז געלעגן אָן סימנים פון לעבן. מ׳האָט גענומען זי מינטערן. ס׳איז אָנגעלאָפן די אַלטע אויפזעערין מיט דערקוויקנדיקע געטראַנקען און צום סוף האָט דאָס מיידל אויפגעמאַכט די אויגן.

— מ׳דאַרף אייך דאָ נישט האָבן — האָט די אַלטע אויפזעערין געזאָגט — גייט אייך אין יענע שטוב אַריין, און מיר וועלן זיך אַן עצה געבן.

דער שווערט-טרעגער האָט אַרויסגעפירט די געסט.

— כ׳וואָלט צופרידן געווען, ווען דאָס אַלץ וואָלט נישט געווען — האָט דער פאַרדאגהטער בעל-הבית געזאָגט — איר האָט געקענט דעמדאָזיקן אומגליקלעכן מיטנעמען מיט זיך און דאָרט ערגעץ אויפן וועג אים אויפרוימען, און נישט בא מיר. ווי אַזוי וועלן מיר איצט פאָרן, ווי אַזוי אַנטלויפן, אַז דאָס מיידל לעבט קוים?... ס׳איז רעכט, אַז זי זאָל קראַנק ווערן.

— פאַרפאַלן — האָט וואָלאָדזיאָווסקי געזאָגט — מיר וועלן דאָס מיידל אין די קאָטש אַריינזעצן, ווייל אַנטלויפן מוזט איר, וואָרים ראַדזיווילס נקמה פאַרשוינט קיינעם נישט.

— און אפשר וועט דאָס מיידל אויך גיך די כוחות צוריק-באַקומען? — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט.

— אַ באַקוועמע קאָטש איז גרייט און איינגעשפאַנט, ווייל קמיטשיץ האָט זי מיט זיך מיטגעבראַכט — האָט וואָלאָדזיאָווסקי געזאָגט — גייט, הער שווערט-טרעגער, זאָגט דעם פריילין ווי עס האַלט און אַז מ׳קען דאָס אַנטלויפן נישט פאַרשלעפן, זאָל זי די כוחות צונויפנעמען. מיר מוזן פאָרן, און ביז מאָרגן באַגינען קענען דאָ ראַדזיווילס מענטשן אָנקומען.

— אמת — האָט דער שווערט-טרעגער געזאָגט — איך גיי!

ער איז אַוועק און מיט אַ געווויסע צייט שפּעטער איז ער צוריקגעקומען מיט דער קרובה, וועלכע האָט נישט בלויז די כוחות צוריקגעוווּנען, נאָר זי איז שוין געווען אָנגעטאָן אין וועג אַריין. דאָס פּנים איז איר נאָר געווען שטאַרק פאַררויטלט און די אויגן האָבן פיבערדיק געגלאַנצט.

— לאָמיר פאָרן, לאָמיר פאָרן!... האָט זי איבערגע־חזרט, אַרײַנקומענדיק אין שטוב.

וואָלאָדיאָווסקי איז אויף אַ ווײַלע אַרויסגעגאַנגען אין פעדערהויז שיקן די מענטשן נאָך די קאַטש, דערנאָך איז ער צוריקגעקומען און אַלע האָבן גענומען זיך גרייטן אין וועג אַרײַן.

נאָך איידער ס'איז אַריבער אַ פערטל שעה האָט זיך הינטער די פענסטער דערהערט אַ גערודער פון רעדער און אַ קלאַפּן פון פערדישע קאָפּיטעס איבערן ברוק, מיט וועלכן דער וועג פאַרן גאַנעק איז געווען אויסגעפלאַסטערט.

— לאָמיר פאָרן! — האָט אַלענקאַ געזאָגט.

— אין וועג! — האָבן די אָפיצירן אויסגערופן.

דאָ האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט און הער זאַגלאָבאַ האָט ווי אַ באָמבע אין שטוב אַרײַנגעפּלאַצט.

— כ'האָב אײַנגעהאַלטן די עקזעקוציע! — האָט ער אויסגעשריגן.

די פאַרויסלטע אַלענקאַ איז אין איין רגע געוואָרן ווייס ווי קרייד; ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי וועט ווידער חלשן, אָבער קיינער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט, ווײַל אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צו זאַגלאָבאַן, וועלכער האָט דערווײַל געסאָפּעט ווי אַ וואַלפיש, באַמיענדיק זיך דעם אָטעם צו כאַפּן.

— איר האָט די עקזעקוציע אײַנגעהאַלטן? — האָט וואָלאָדיאָווסקי אַ פאַרחידושטע געפרעגט — פאַרוואָס דען?

— פאַרוואָס?... לאָמיך נאָר אָפּרעכן... אָט דערפאַר, ווײַל ווען נישט יענער קמיטשיץ, ווען נישט יענער איידעלער ריטער, וואָלטן מיר אַלע, ווי מיר שטייען דאָ, מיט די בעבעכעס אין דרויסן געהאָנגען אויף די קיידאַנער בוימער... אוף... אונדזער בעל־טובה האָבן מיר געוואָלט אומברענגען, גנעדיקע הערן!... אוף!...

— ווי קען דאָס זײַן? — האָבן אַלע אינײַנעם אויסגעשריגן.

— לייענט דעם בריוו, וועט איר האָבן אַ תשובה.

דאָ האָט הער זאַגלאָבאַ דערלאַנגט אַ בריוו וואָלאָדיאָווסקין

װעלכער האָט אים געגומען לייענען, איבערײַסנדיק יעדע װײלע און אומקוקנדיק זיך אויף די חברים, װאָרים דאָס איז געװען יע־נער בריװ, אין װעלכן ראַדזיװיל האָט קמיטשיצן געמאַכט בײ־טערע פאָרװורפן דערפאַר, װאָס אויף זײן שתדלנות האָט ער זײ באַפרײט פון טויט אין קײדאַני.

— און װאָס? — האָט הער זאַגלאָבאַ בײַ יעדער הפסקה איבערגעחזרט.

דער בריװ האָט זיך, װי באַקאַנט, אויסגעלאָזט מיטן אויפ־טראַג, אַז קמיטשיץ זאָל דעם שװערט־טרעגער און אָלענקאַן קײן קײדאַני אַראָפּברענגען, הער אַנדזשעי האָט אים אַ פּנים דערפאַר געהאַלטן בײ זיך, כדי, אַז עס װעט נײטיק זײן, אים צו װײַזן דעם שװערט־טרעגער, אָבער עס איז דערצו נישט געקומען.

קודם־כּל איז אָבער נישט געבליבן קײן ברעקל ספק, אַז װען נישט קמיטשיץ, װאָלטן בײדע סקשעטוסקיס, הער װאָלאָדיאָװ־סקי און זאַגלאָבאַ אומברחמנותדיק אומגעבראַכט געװאָרן אין קײ־דאַני, באַלד נאָך יענעם באַרימטן אָפּמאַך מיט פּאָנטוס דע לאַ גאַרדין.

— גנעדיקע הערן! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — אויב איר װעט נאָך איצט הײסן אים דערשיסן, װעל איך, װי גאָט איז מיר ליב, אײער חברותא אָװעקװאַרפן און איך װיל אײך נישט קענען!...

— עס קען דאָ קײן רײד נישט זײן װעגן דעם — האָט װאָלאָדיאָװסקי געענטפערט.

— אײ! — האָט סקשעטוסקי געזאָגט, אָננעמענדיק זיך מיט בײדע הענט פאַרן קאָפּ — װאָס פאַר אַ גליק, װאָס דער פאָטער האָט באַלד דאָרט דעם בריװ איבערגעלײענט אָנשטאָט מיט אים צוריקצוקומען צו אונדז...

— איר האָט געמוזט די חכמה מיט דער מאַמעס מילך אײַנזױגן! — האָט מירסקי זיך אָנגערופן.

— האַ! װאָס? — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן — יעדער אַנדערער װאָלט ערשט דאָ צוריקגעקומען מיט אײך דעם בריװ לײענען, און יענעם װאָלט מען דערװײל דעם קאָפּ מיט בלײ אָנ־געשטאָפּט. אָבער װי נאָר מ'האָט מיר געבראַכט דאָס פּאַפּיר,

וואָס מ׳האָט בײַ אים געפֿונען, האָב איך בײַ׳ם געהאַט חשק אים איבערצולייענען, בפֿרט, אַז איך בין בטבע ניַיגעריק אַלץ צו וויסן. און דאָרט זענען צוויי מיט לאַטערנדלעך געגאַנגען פֿאַרויס און זענען שוין געווען אויף דער לאַנקע. רוף איך מיך צו זיי אָן: לײַכט מיר נאָר צו, לאָמיך וויסן, וואָס דאָ שטייט!... און כ׳האָב אָנגעהויבן לייענען... איך זאָג אײַך, גנעדיקע הערן, אַז עס איז מיר אַזש אין די אויגן פֿינסטער געוואָרן, ווי עמעצער וואָלט מיר מיט דער פֿויסט אין מוח אַרײַן אַ זעץ געטון. גאָט מיַינער! — זאָג איך — הער ריטער, פֿאַרוואָס האָט איר דעמדאָזיקן בריוו נישט געוויזן?! און ער ענטפֿערט מיר: „ווײַל כ׳האָב נישט גע-וואָלט!" אַזאַ גאוות אַפֿילו פֿאַרן טויט. אָבער איך האָב אים אַ כאַפּ געטון און גענומען אים האַלדזן. בעל-טובה, זאָג איך — ווען נישט דו, וואָלטן אונדז שוין די וואָראָנעס געווען צעפּיקט! כ׳האָב אים בײַ׳ם געהייסן נעמען און צוריק דאָ אַהערברענגען און אַליין האָב איך שיִער נישט פֿון פֿרייד דעם דוך אַרויסגעיאָגט, כדי אײַך וואָס גיכער אָנצוזאָגן, וואָס עס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן... אוף!...

אַ פֿלאַדיקער מענטש, אין וועלכן עס איז פֿאַרהאַן פּונקט אַזוי פֿיל גוטס, וויפֿיל שלעכטס — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי געזאָגט — ווען אַזעלכע וואָלטן נישט...

אָבער נאָך איידער ער האָט געענדיקט, האָט די טיר זיך געעפֿנט און די זעלנער האָבן אַרײַנגעפֿירט קמיטשיצן.

— איר זענט פֿריי, הער ריטער — האָט וואָלאָדיִאָווסקי גלײַך געזאָגט — און כל-זמן מיר וועלן לעבן, וועט קיינער פֿון אונדז קיין שלעכטס אײַך נישט טון. וואָס פֿאַר אַ הפֿקר-מענטש זענט איר, אַז איר האָט אונדז גלײַך דעמדאָזיקן בריוו נישט גע-וויזן? מיר וואָלטן אײַך נישט געווען טשעפּען.

דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו די זעלנער:

— אָפּטרעטן און אויף די פֿערד זיך זעצן!

די זעלנער האָבן זיך צוריקגעצויגן און הער אַנדזשעי איז געבליבן אַליין אין מיטן שטוב. דאָס פּנים איז בײַ אים געווען רויִק, אָבער אָנגעכמורעט און ער האָט נישט אָן גאווה געקוקט אויף די אָפֿיצירן, וואָס זענען פֿאַר אים געשטאַנען.

— איר זענט פריי! — האָט וואַלאַדזיאָווסקי איבערגעחזרט — גייט וווהין איר ווילט, אפילו צו ראַדזיווילן, הגם עס איז אַ ווייטיק צו זען, אַז אַ ריטער פון פיינעם יחוס זאָל העלפן אַ בוגד קעגן פאָטערלאַנד.

— זייט זיך גוט מיישב — האָט קמיטשיץ געזאָגט — ווייל איך זאָג אייך לכתחילה אָן, אַז איך וועל נישט ערגעץ אַנדערש, נאָר טאַקע צו ראַדזיווילן צוריקקערן!

— שטייט-צו צו אונדז, זאָל אַ דונער טרעפן דעמדאָזיקן קיידאַנער טיראַן! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן — איר וועט אונדז זיין דער ליבסטער פריינט און חבר, און דאָס פאָטערלאַנד וועט אייך פאַרגעבן, וואָס איר האָט זיך קעגן אים פאַרזינדיקט!

— פאַר קיין שום פרייז! — האָט קמיטשיץ ענערגיש געזאָגט — גאָט וועט משפטן, ווער עס דינט בעסער דעם פאָטערלאַנד, צי איר, וואָס הייבט-אָן אַ בירגער-מלחמה אויף אייגענער אחריות, אָדער איך, וואָס דין דעם האַר, וועלכער איז איינער אַליין בכוח די אומגליקלעכע רעפובליק מציל צו זיין. גייט אין אייער וועג, איך וועל גיין אין מיין וועג! ס'איז נישט קיין צייט אייך איבערצורעדן, אומזיסט איז די טרחא, נאָר דאָס זאָג איך אייך פון טיפן הארצן: איר ברענגט אום דאָס פאָטערלאַנד, איר לאָזט עס נישט ראַטעווען. בוגדים וועל איך אייך נישט רופן, ווייל איך ווייס, אַז אייערע כוונות זענען ערלעכע, אָבער דאָס פאָטערלאַנד זינקט אין תהום, ראַדזיוויל שטרעקט איר די האַנט אויס, און איר שטויסט אַוועק מיט שווערטן דידאָזיקע האַנט, און אין אייער פאַרבלענדעניש מאַכט איר פאַר בוגדים אים און די אַלע, וואָס שטעלן זיך אויף זיין זייט.

— פאַ גאָט! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — ווען איך וואָלט נישט געזען, ווי מוטיק איר זענט געגאַנגען צום טויט, וואָלט איך געמיינט, אַז פון שרעק זענט איר פון זינען אַראָפּ. ווער עם האָט איר דען געשוווירן: ראַדזיווילן, אָדער יאַן קאַזשימיעזשן? שוועדן, אָדער דער רעפובליק? איר זענט פון זינען אַראָפּ!

— כ'האָב געוווּסט, אַז די רייד זענען אַרויסגעוואָרפן... זייט געזונט!

— וואַרט נאָר צו — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — ווייל דאָ גייט ווענן אַ וויכטיקער זאַך, זאָגט נאָר, הער ריטער, צי האָט ראַדזיוויל אייך צוגעזאָגט, אַז ער וועט אונדז פאַרשוינען, ווען איר האָט אים וועגן דעם אין קיידאַני געבעטן?

— יאָ! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — איר האָט אויף די צייט פון דער מלחמה געזאָלט בלייבן אין בירזשע.

— דערקענט-זשע אייער ראַדזיוויל, וועלכער פאַרשאַכערט נישט בלויז דאָס פאָטערלאַנד, נישט בלויז דעם קעניג, נאָר אויך די אייגענע דינער. אָט איז אַ בריוו צום בירזשער קאָמענדאַנט, וואָס כ'האָב געפינען באַם אָפיציר, וועלכער האָט געהאַט די קאָמאַנדע איבער דער וואַך. לייענט!

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט הער זאַגלאָבאַ דערלאַנגט קמיטשיצן דעם העטמאַנס בריוו, ער האָט אים גענומען אין דער האַנט און צוגעהויבן דורכלויפן מיט די אויגן, און וואָס מער ער האָט געלייענט, אַלץ מער האָט אים דאָס בלוט געשלאָגן אין פּנים אַריין און אַ רויטקייט פון בושה פאַר זיין פירער האָט וואָס אַמאָל שטאַרקער באַגאָסן זיין שטערן. מיטאַמאָל האָט ער צעקנייטשט דעם בריוו און געוואָרפן אויף דער ערד.

— זייט געזונט! — האָט ער געזאָגט — בעסער וואָלט איך געווען אומגעקומען פון אייערע הענט!

און ער איז אַרויס פון דער שטוב.

— גנעדיקע הערן — האָט סקשעטוסקי נאָך אַ ווײַלע שטיל-שווייגן געזאָגט — אַ שווערע מעַרכה מיטן דאָזיקן מענטש, ווייל ווי אַ טערק אין זיין מאַכמעדן, אַזוי גלייבט ער אין זיין ראַדזי-ווילן. כ'האָב אַליין געמיינט, ווי איר, אַז ער דינט אים צוליב נוצן, אָדער צוליב אַמביציע, אָבער עס איז נישט אַזוי. דאָס איז נישט קיין שלעכטער מענטש, נאָר אַ פאַרפירטער.

— אויב ער האָט ביז איצט געגלייבט אין זיין מאַכמעדן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — האָב איך שטאַרק דידאָזיקע אמונה זיינע אונטערגעגראָבן. איר האָט געזען, ווי ס'האָט אים געוואָרפן,

ווען ער האָט דעם בריוו איבערגעלייענט. עס וועט דאָרט צווישן זיי נישט קיין קליינער טומל זיין, ווייל דאָס איז אַ ריטער, וואָס איז מסוגל דעם טייוול אַליין און נישט בלויז ראַדזיווילן אין די אויגן אַריין צו שפּרינגען, ווי גאָט איז מיר ליב, ווען עמעצער וואָלט מיר אַ טערקישע סטאַדע געשענקט, וואָלט איך מיך נישט אַזוי געפרייט, ווי דערפון, וואָס כ׳האָב אים פון טויט אויסגעלייזט.

— אמת — האָט דער שווערט-טרעגער געזאָגט — אייך האָט ער דאָס לעבן צו פאַרדאַנקען, קיינער וועט דאָס נישט אָפּלייקענען.

— גאָט איז מיט אים! — האָט וואָלאָדיאָווסקי זיך אָנגערופן — לאָמיר איצט באַקלערן, וואָס מיר זאָלן טון.

— און וואָס? זעצן זיך אויף די פערד און לאָזן זיך אין וועג אַריין... די פערד האָבן זיך אויך אַ ביסל אויסגערוט — האָט הער זאַגלאָבאַ געענטפערט.

— יאָ, מיר מוזן וואָס גיכער פאָרן! און איר וועט מיט אונדז מיטפאָרן? — דאָס מירסקי דעם שווערט-טרעגער געפרעגט.

— איך וועל דאָ רויִק נישט איינזיצן און מוז אויך פאָרן... אָבער איר ווילט תיכף זיך לאָזן אין וועג אַריין, וועל איך אייך אָפּן זאָגן, אַז עס איז מיר נישט באַקוועם זיך מיט אייך באַלד מיטצוכאַפּן. קוים איז יענער אַוועק אַ לעבעדיקער, וועט מען דאָך מיך דאָ באַלד נישט פאַרברענען און אויך נישט הרגענען, און צו אַזאַ נסיעה מוז מען זיך מיט פאַרשידענע זאַכן פאַרזאָרגן. איין גאָט ווייסט, ווען איך וועל צוריקקערן... מ׳דאַרף פאַרשידענע זאַכן איינגראָבן, די טייערע חפצים באַהאַלטן, די אינווענטאַרן צו די שכנים אַרויסשיקן, אויף די וועגנס אַרויפפּאַקן. כ׳האָב אויך אַ ביסל מזומנים, וועלכע כ׳וואָלט וועלן אויפן וואָגן מיטנעמען. ביז מאָרגן פאַרטאָגס וועל איך פאַרטיק זיין, אָבער אַזוי כאַפּלאַפּ קען איך נישט.

— מיר קענען אויך נישט וואַרטן, ווייל די שווערט הענגט איבער אונדז — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — און ווו ווילט איר זיך באַוואָרענען?

— אין די וועלדער, לויט אייער עצה... דאָס מיידל וועל איך לפּחות דאָרט איבערלאָזן, ווייל כ'בין נאָך אַליין נישט אַלט און מיין שווערט קען דעם פאָטערלאַנד און דעם קעניג נאָך צונוץ־קומען.

— אויב אַזוי, פאָרט געזונטערהייט... הלוואי מיר זאָלן זיך טרעפן אין בעסערע צייטן.

— זאָל גאָט אייך באַלוינען דערפאַר, וואָס איר זענט מיר געקומען צו הילף. מסתמא וועלן מיר זיך דאָרט ערגעץ אויפן שלאַכט־פעלד צוזאַמענטרעפן.

— זייט געזונט!

— אַ גליקלעכן וועג!

און זיי האָבן זיך גענומען געזעגענען, און דערנאָך איז יעדער געקומען זיך פאַרבייגן פאַרן פריילין אַלעקסאַנדראַ.

— דאָס גנעדיקע פריילין וועט אין די וועלדער זען מיין ווייב און מיינע יינגלעך, דריקט זיי דאָרט פאַר מיר און זייט מיר פריש און געזונט — האָט יאַן כקשעטוסקי געזאָגט.

— און געדענקט אַמאָל דעם זעלנער, וואָס הגם ער האָט צו אייך קיין מזל נישט געהאַט, איז ער דאָך שטענדיק גרייט אייך צו העלפן! — האָט וואָלאָדיאָווסקי צוגעגעבן.

נאָך זיי זענען צוגעגאַנגען די איבעריקע. צום סוף איז אויך זאַגלאָבאַ צוגעקומען.

— נעמט אויך אָן, פּרעכטיק בלימל, די ברכה פון אַ זקן! נעמט אַרום די מאַדאַם סקשעטוסקאַ און מיינע קונדסים. ווילע בחורים זענען דאָס!

אַנשטאָט אַ תשובה האָט אָלענקאַ אים אַנגעכאַפּט פאַר זיין האַנט און זי שטילשווייגנדיק צוגעדריקט צו די ליפּן.

7. קאַפּיטל.

אין דערזעלבער נאַכט, העכסטנס צוויי שעה נאָכן אַוועקפאָרן פון וואָלאָדיאָווסקיס אָפּטיילונג, איז בראש פון רייטער אָנגעקומען קיין בילעזיטשע ראַדזיוויל אַליין, וועלכער איז געגאַנגען אַרויסהעלפן קמיטשיצן, מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין וואָלאָדיאָווסקיס הענט. דערוויסנדיק זיך, וואָס עס איז געשען, האָט ער מיטגעכאַפּט דעם שווערט-טרעגער צוזאַמען מיט אַלענקאַן און נישט לאָזנדיק אַפילו די פערד אויסרוען, האָט ער זיך אומגעקערט קיין קיידאַני.

דער העטמאַן איז שרעקלעך געווען אויפגעבראַכט, הערנדיק די דערציילונגען פון שווערט-טרעגער. וועלכער האָט אים אַלץ באריכות דערציילט, ווילנדיק פון זיך אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון זיין מאַגנאַט. ער האָט אויך מהאי טעמא נישט דערוועגט זיך צו פּראָטעסטירן קעגן אַרויספאָר קיין קיידאַני און האָט זיך אין האַרצן געפרייט, וואָס דער שטורעם האָט זיך דערמיט אויסגעלאָזט. און ראַדזיוויל ווידער, הגם ער האָט דעם שווערט-טרעגער חושד געווען אין אינטריגעס און צונויפרעדן, האָט

ער באמת געהאַט צופיל דאגות, אַז דאָס זאָל אים אין דער רגע ליגן אין זינען.

וואָלאָדיאָווסקיס אַנטלויפן האָט געקענט אַרייַנטראָגן אַ שנוי אין די פאַרהעלטענישן אין פּאָלעסיע, האָראָטקעוויטש און יאַקוב קמיטשיץ, וועלכע זענען דאָרט געשטאַנען בראש פון די פּאָלקן, וואָס האָבן געמאַכט יד־אחת קעגן העטמאַן, זענען געווען גוטע זעלנער, אָבער נישט גענוג אָנגעזען, צוליב וואָס די גאַנצע קאָנ־פעדעראַציע האָט נישט געהאַט קיין חשיבות. דערווייל זענען מיט וואָלאָדיאָווסקין אַנטלאָפן אַזעלכע מענטשן, ווי מירסקי, סטאַנקע־וויטש און אָסקערקאַ, שוין נישט רעכענענדיק דעם קליינעם רי־טער גופא, אַלץ אויסגעצייכנטע אָפיצירן, וואָס ווערן פון אַלעמען געשעצט.

אמת, אין פּאָלעסיע איז אויך געווען פירשט באָגוסלאַוו, וועלכער האָט מיט די הויף־פּאָלקן זיך אַקעגנגעשטעלט די קאָנפעדעראַטן, אויסקוקנדיק דערביי כסדר אויף הילף מצד דעם פעטער דעם קורפירשט; אָבער דער קורפירשט האָט זיך נישט געאיילט, ער האָט אַפּנים געוואַרט אויף רעזולטאַטן; און די כוחות פון ווי־דערשפּעניקן חייל זענען כסדר געוואַקסן און מיט יעדן טאָג איז די צאָל פון זייערע אָנהענגער גרעסער געוואָרן.

דער העטמאַן האָט אַ געוויסע צייט אַליין געוואָלט זיך לאָזן קיין פּאָלעסיע און מיט איין קלאַפּ דערשטיקן די מורדים, אָבער ס'האָט אים צוריקגעהאַלטן דער געדאַנק, אַז ווי באַלד ער וועט זיך נאָר מיט אַ פוס פון די גרענעצן פון זשאַמעט אַרויס־רירן, וועט תיכף דאָס גאַנצע לאַנד זיך צעבונטעווען און ראַדזי־ווילס חשיבות וועט אין אַזאַ פאַל אין די אויגן פון די שוועדן פאַלן ביז גאָר. דער פירשט האָט דעריבער זיך איבערגעלייגט, צי ער זאָל גאָר לעת־עתה פּאָלעסיע אינגאַנצן נישט פאַרלאָזן און דעם פירשט באָגוסלאַוו קיין זשאַמעט נישט אַראָפּנעמען.

דאָס איז געווען נייטיק און איילניק, ווייל פון דער צווי־טער זייט זענען אָנגעקומען סכנהדיקע ידיעות וועגן דער טעטי־קייט פון וויטעבסקער וואָיעוואָדע. דער העטמאַן האָט געפּרוווט מיט אים זיך אויסגלייכן און אַרייַנציען אים אין זייַנע פּלענער,

אָבער סאַפּיעהאַ האָט די בריוו צוריקגעשיקט אָן תּשובה; פון דער אַנדערער זייט האָט מען דערציילט, אַז ער פאַרשאַכערט זיך, פאַרקויפט וואָס ער קען, שמעלצט-איבער דאָס זילבער אויף מטבעות, גיט אַוועק די סטאַדעס פאַר אַ מזומנעם גראָשן, פאַר־משכונט די פוירהאַנגען און טעפּיכער אפילו בײַ ייִדן, פאַרפּאַכטעט די גיטער, און קלויבט צונויף דאָס חייל.

דער העטמאַן, בטבע אַ קמצן און צו געלט-קרבנות נישט מסוגל, האָט לכתחילה נישט געוואָלט גלייבן, אַז עמעצער זאָל אָן קווענקלעניש זיין גאַנץ האָב און גוטס אויפן מזבח פון פאָטערלאַנד וואַרפן; אָבער די צייט האָט אים איבערגעצייגט, אַז עס איז טאַקע אַזוי געווען; ווייל סאַפּיעהאַס מיליטערישע מאַכט איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. עס האָבן געשטראָמט צו אים די פּליטים, די באַזעסענע שליאַכטע, די פּאַטריאָטן, ראַדזיווילס פייַנט, יאָ, נאָך ערגער — אויך די אַמאָליקע פריינט, און דאָס ערגסטע, אפילו דעם העטמאַנס קרובים, ווי דער פּירשט יעגערמייסטער מיכאַל. וועגן וועלכן ס'איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז ער האָט באַפוילן, דאָס אַלע הכנסות פון זיינע גיטער, וואָס זענען נאָך פון שונא נישט פאַרנומען געוואָרן, זאָלן דעם וויטעבסקער וואָיעוואָדע אָפּגעגעבן ווערן אויף חייל.

אַזוי האָט בײַ די יסודות זיך געשפּאָלטן און געוואַקלט דער בנין, וואָס איז דורך יאַנוש ראַדזיווילס גדלות אויפגעבויט געוואָרן. די גאַנצע רעפּובליק האָט דערדאָזיקער בנין געזאָלט אין זיך כּלל זיין, דערווייל האָט זיך גאָר גיך אַרויסגעוויזן, אַז ער קען אפילו בלויז זשאַמויט אין זיך נישט אַריינגעמען.

דער מצב איז געוואָרן וואָס אַמאָל ענלעכער אויף אַ פאַר־כּישופטן ראָד, ווייל קעגן וויטעבסקער וואָיעוואָדע, אַ שטייגער, האָט ראַדזיוויל געקענט רופן צו הילף די שוועדישע חיילות, וועלכע האָבן בהדרגה דאָס לאַנד וואָס אַמאָל מער פאַרנומען, אָבער דאָס וואָלט געהייסן זיך מודה זיין אין אומבאַהאָלפנקייט. אגב זענען די באַציִונגען פון העטמאַן מיטן שוועדישן הויפּט־קאָמאַנדיר זייט דעם קלאַוואַנער צוזאַמענשטויס און אַ דאַנק דער זאַגלאָבאַס איינפאַל געווען דערשיטערט און נישט געקוקט אויף

די אויפקלערונגען האָט צווישן זיי געהערשט אַ צערייצקייט און אַן אומצופרידנקייט.

גייענדיק קמיטשיצן צו הילף, האָט דער העטמאַן געהאָפט, אַז ער וועט אפשר וואָלאָדיאָווסקין נאָך כאַפּן און פּאַרטיליקן, ווען אָבער דידאָזיקע אויסרעכענונג האָט אויך פאַרפּירט, האָט ער צוריקגעקערט קיין קיידאַני אַ בייזער און אַן אָנגעכמורעטער. ס'האָט אים אויך געחידושט, וואָס ער האָט קמיטשיצן אויפן וועג קיין בילעוויטשע נישט באַגעגנט, וואָס עס איז געשען דערפאַר, ווייל הער אַנדזשעי, ווען דראַגונער הער וואָלאָדיאָווסקי האָט נישט פאַרזוימט מיט זיך מיטצונעמען, האָט צוריקגעקערט איינער אַליין, ער האָט דעריבער אויסגעקליבן אַ קורצערן וועג, דורך וועלדער, אויסמיידנדיק פלעמבאָרג און איראַגאָלאַ.

נאָך אַ גאַנצער נאַכט פאַרברענגען אויפן פערד, איז דער העטמאַן דעם צווייטן טאָג, מיטאָג-צייט, צוזאַמען מיטן מיליטער ווידער געשטאַנען אין קיידאַני און זיין ערשטע שאלה איז געווען וועגן קמיטשיצן. מ'האָט אים געענטפערט, אַז ער איז צוריקגעקומען, נאָר אַן זעלנער. וועגן דעם לעצטן אומשטאַנד האָט דער פירשט שוין געוווּסט, אָבער ער איז אַ בעלן געווען צו הערן אַ באַריכט פון קמיטשיצן אַליין, ער האָט אים דעריבער תיכף געהייסן רופן צו זיך.

— ס'האָט זיך דיר נישט איינגעגעבן, פונקט ווי מיר — האָט ער געזאָגט, ווען קמיטשיץ האָט זיך געשטעלט פאַר אים — דער ראָסיענער שווערט-טרעגער האָט מיר שוין געזאָגט, אַז דו ביסט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דאָזיקן קליינעם שד.

— ריכטיק! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

— און מיין בריוו האָט דיך אַרויסגעראַטעוועט?

— וועגן וועלכן בריוו רעדט דער גנעדיקער הער פירשט? ווייל נאָכדעם, ווי זיי האָבן אַליין דורכגעלייענט דעם, וואָס זיי האָבן געפונען בא מיר, האָבן זיי מיר אַלס שכר דערפאַר דורכגעלייענט אַ צווייטן, וועלכן דער גנעדיקער הער פירשט האָט דעם בירזשער קאָמענדאַנט געשריבן.

ראַדזיווילס מר'ב פּנים האָט זיך ווי מיט אַ בלוטיקן וואָלקן באַדעקט.

— ווייסטו, הייסט עס?...

— כ'ווייס! — האָט קמיטשיק היציק געענטפערט — ווי אַזוי האָט דער גנעדיקער פירשט געקענט זיך מיט מיר אַזוי באַגיין? פאַר אַ פּראָסטן שליאַכטשיץ איז אַ חרפּה צו ברעכן אַ וואָרט, אַ פּשיטא שוין פאַר אַ פירשט און אַ פירער...

— שווייג! — האָט ראַדזיוויל געזאָגט.

— כ'וועל נישט שווייגן, ווייל כ'האָב דאָרט פאַר יענע מענטשן נישט געוווסט ווו זיך פאַר בושה אַהינצוטון! זיי האָבן מיך צוגערעדט, אַז איך זאָל צו זיי צושטיין, און איך האָב נישט געוואָלט און צו זיי געזאָגט: „איך דין ראַדזיווילן, ווייל בא אים איז די גערעכטיקייט, בא אים איז די ערלעכקייט!" דערויף האָבן זיי מיר יענעם בריוו געוויזן: „זע, וואָס פאַר איינער דיין ראַדזיוויל איז." — און איך האָב געמוזט דאָס מויל האַלטן און די בושה שלינגען...

דעם העטמאַנס ליפּן האָבן גענומען ציטערן פון רציחה. ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ווילדע תאווה אַראָפּצודרייען דעמדאָזיקן עזותדיקן קאָפּ פון קאַרק און אָט, אָט האָט ער שוין די הענט אויפגעהויבן אַ פּאַטש צו טון אויף די דינערשאַפט. דער כעס האָט אים פאַרנעפּלט די אויגן, פאַרשפּאַרט דעם אָטעם אין דער ברוסט, און קמיטשיצן וואָלט אוודאי אויסגעקומען טייער צו באַצאָלן פאַר זיין צעקאָכן זיך, ווען נישט דער אַסטמע-אָנפאַל, וואָס האָט אין דער רגע אָנגעכאַפּט דעם פירשט. דאָס פּנים איז אים שוואַרץ געוואָר, ער האָט זיך אַ ריס געטון פון שטול און מיט די הענט גענומען שלאָגן די לופט, די אויגן זענען אים אַרויסגעקראָכן אין שפּיץ קאָפּ, און פון האַלדז האָט זיך אַרויסגעקריגן אַ הייזעריק געשריי, אין וועלכן קמיטשיץ האָט קוים פאַרשטאַנען דאָס וואָרט:

— כ'ווער דערשטיקט!...

אויף דעם אַליאַרם איז זיך צונויפגעלאָפן די דינערשאַפט, די הויף-מעדיקער און מ'האָט גענומען מינטערן דעם פירשט, געל-

כער האָט באַלד פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. מ'האָט אים געמינטערט אַ שעה־צייט, און ווען ער האָט צום סוף געגומען אַרויסווייזן סימנים פון לעבן, איז קמיטשיק אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב.

אין קאָרידאָר האָט ער באַגעגנט כאַרלאַמפּן, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעהיילט פון די ווונדן, וואָס ער האָט באַקומען אין דער שלאַכט מיט אָסקערקאָס צעבונטעוועטע אונגאַרן.

— און וואָס הערט מען נייעס? — האָט כאַרלאַמפּ געפרעגט.

— ער איז שוין געקומען צו זיך! — האָט קמיטשיק געענטפערט.

— הם! אָבער אַ לײַדע טאָג קען ער נישט קומען! ס'איז נישט גוט מיט אונדז, הער פּולקאָווניק, ווײַל אַז דער פירשט וועט שטאַרבן, וועלן מיר פאַר זײַנע מעשים מוזן אָפּקומען. די גאַנצע האָפענונג איז, אַז וואָלאָדיאָווסקי וועט אַלטע חברים באַשיצן, דערפאַר טאַקע וועל איך אײַך זאָגן, (דאָ האָט הער כאַרלאַמפּ אַראָפּגעלאָזט די שטים) אַז עס טוט מיר הנאה, וואָס ער האָט זיך בשלום אַרויסגעדרייט.

— אַזוי אײַנגעקלעמט איז ער שוין געזוען?

— וואָס הייסט אײַנגעקלעמט? מאָלט אײַך, ובעדיקער הער, אַז אין דעם וועלדל, אין וועלכן מיר האָבן אים אַרומגערינגלט, זענען וועלף געווען און זיי האָבן זיך נישט אַרויסגעדרייט, און ער האָט זיך אַרויסגעדרייט. אַז קוילן זאָלן אים טרעפן. ווער ווייסט, ווער ווייסט, צי עס וועט נישט אויסקומען אים פאַר דער פאַלע אָנצוכאַפּן, ווײַל דאָ אַרום אונדז איז עפּעס נישט פויגלדיק. די שליאַכטע קערט זיך אָפּ פון אונדזער פירשט מיט עקל און אַלע זאָגן, אַז עס איז זיי מער ניחא אַן אמתער שונא, דער שוועד, דער טאַטער אפילו, איידער אַן אָפּטריניקער. אָט, ווי עס זעט אויס! און דאָ הייסט דאָך דער האַר פירשט וואָס אַמאָל מער בירגער פאַרכאַפּן און פאַרשפּאַרן — וואָס איז, צווישן אונדז גערעדט, סותר דאָס געזעץ און די פרייהייט. מ'האָט הײַנט געבראַכט אַהער דעם ראַציענער שווערט־טרעגער!...

— אַ מ׳האָט אים געברענגט?

— אוודאי, און מיט דער קרובֿ. אַ מיידל, אַ צאַצקע! אַ־יך גראַטולירט אייך, גנעדיקער הער!

— ווו האָט מען זיי אָפּגעשטעלט?

— אין רעכטן פליגל. שיינע שטובן האָט מען זיי אָפּגעגעבן, זיי קענען זיך נישט באַקלאָגן, סיידן דערויף, וואָס עס שטייט אַ וואַך בײַ דער טיר. און ווען איז די חתונה, הער פּול-קאָווניק?

— די קלעזמער זענען נאָך אויף דערדאָזיקער חתונה נישט באַשטעלט. זײַט געזונט! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

ער האָט זיך געזעגנט מיטן הער כאַרלאַמפּ און איז אַוועק צו זיך. די שלאָפלאָזע נאַכט, אירע שטורמישע פאַרלויפעניש און דער לעצטער אינצידענט מיטן פירשט האָבן אים אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ער האָט קוים אויף די פיס געקענט אײַנשטיין און דערבײַ, פונקט ווי אַ מידער און מאַטער גוף לײַדט יסורים פון יעדער באַרירונג, אַזוי האָט אויך זײַן נשמה געריסן אַ ווייטיק. כאַרלאַמפּס פּשוטע שאלה: „ווען איז די חתונה!״ — האָט אים שטאַרק וויי געטון, ווײַל באַלד האָט זיך, ווי לעבעדיק, אים גע-שטעלט פאַר די אויגן אָלענקאַס אײַנ-קאַלטער פּנים און אירע צו-נויפגעפּרעסטע ליפּן, דאַמאָלס, ווען זייער שטילשווײַגן האָט באַ-שטעטיקט דעם טויט-אורטייל איבער אים. נישט וויכטיק, צי אירס אַ גוט וואָרט וואָלט אים געקענט מציל זײַן, צי הער וואָלאָדיאָווסקי וואָלט זיך מיט אים גערעכנט. דער גאַנצער צער און פאַרדרוס, וואָס קמיטשיץ האָט אין דער רגע געשפּירט, האָבן געשטעקט אין דעם, וואָס זי האָט דאָסדאָזיקע וואָרט נישט אַרויסגערעדט. און זי האָט דאָך פריִער צוויי מאָל זיך נישט געקווענקלט אים צו ראַטעווען. איז שוין צווישן זיי דער תהום געווען אַזוי טיף, וואָס זיך שוין אין איר האַרץ אַזוי ווײַט אויסגעלאָשן, שוין נישט די ליבשאַפט, נאָר די פּשוטע פרײַנט-שאַפט, וואָס מ׳קען האָבן אפילו פאַר אַ פרעמדן מענטש, די פּשו-טע באַרמהאַרציקייט, וואָס מ׳דאַרף האָבן פאַר יעדן אײנעם? וואָס מער קמיטשיץ האָט וועגן דעם געטראַכט, אַלץ אכזריותדיקער

אין אים אָלעגקאַ אויסגעקומען, אַלץ טיפער איז געווען זיין פאַר־
דראָס אויף איר, אַלץ גרעסער די תרעומות. וואָס האָב איך דען
אַזוינס געטון? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — וואָס מען
כאַ־שטויסט מיך אַזוי, ווי אַ מוחרם־ומנודה? ווען אפילו עס וואָלט
געווען שלעכט ראַדזיווילן צו דינען, פיל איך מיך דאָך אָבער
אין דעם אומשולדיק, ווייל מיט דער האַנט אויפן האַרץ קען איך
זאָגן, אַז נישט צוליב כבוד, נישט צוליב ריווח, נישט צוליב
פרנסה דין איך אים, נאָר ווייל איך זע אין דעם אַ נוצן פאַרן
פאָטערלאַנד — פאַרוואָס זשע האָט מען מיך אָן משפט פאַר־
אורטיילט?...

— גוט, גוט! זאָל־זשע זיין אַזוי! כ'וועל נישט גיין פון
נישט באַגאַנגענע חטאים זיך רייגוואַשן און וועל אויך קיין רחמים
נישט בעטן! — האָט ער זיך איבערגעחזרט צום טויזנטסטן מאָל.

און פונדעסטוועגן האָט די ווייטיק נישט אָפּגעלאָזט,
אַדרבא, זי איז נאָך וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואָרן. קומענדיק
אַהיים צו זיך, האָט זיך הער אַנדזשעי געוואָרפן אויפן געלעגער
און געפרווט איינשלאָפן, אָבער נישט געקוקט אויף זיין פאַר־
מאַטערטקייט האָט ער עס נישט געקענט. אין אַ ווילע אַרום איז
ער אויפגעשטאַנען און גענומען שפּרייזן איבער דער שטוב. פון
צייט צו צייט האָט ער די הענט צום שטערן צוגעלייגט און גע־
רעדט צו זיך אויפן קול:

— נישט אַנדערש, נאָר דאָס מיידל האָט אַ פאַרביסן האַרץ!
און ווידער:

— זיף דעם האָב איך זיך פון דיר, פריילין, נישט גע־
ריכט... גאָט זאָל דיר דערפאַר באַצאָלן!!...

אויף אַזעלכע געדאַנקען איז אים אַריבער איין שעה און
אַ צווייטע צום סוף איז ער פאַרמאַטערט געוואָרן ביז גאָר און
גענומען דרעמלען זיצנדיק אויפן געלעגער, אָבער נאָך איידער
ער איז איינגעשלאָפן האָט אים אויפגעוועקט דעם פירשטס הויפ־
מאַן, הער שקילאַנדזש, און גערופן צום פירשט.

ראַדזיוויל האָט זיך שוין געפילט בעסער און פרייער גע־
אָטעמט, אָבער אויף זיין בלייערנעם פנים איז קענטיק געווען

אַ גרויסע אָפּגעשוואַכטקייט, ער איז געזעסן אין אַ טיפער, מיט לע־
דער באַשלאָגענער שטול, האַבנדיק בײַ זיך אַ מעדיקער, וועלכן
ער האָט באַלד, צוגלייך מיט קמיטשיצס אַרײַנקומען, משלח גע־
ווען.

— איך בין שוין געווען מיט איין פוס אויף יענער וועלט
און דורך דיר! — האָט ער געזאָגט צום הער אַנדזשעי.

— גנעדיקער הער פירשט, ס'איז נישט מיין שולד; כ'האָב
געזאָגט, וואָס כ'האָב געטראַכט.

— זאָל־זשע זיך דאָס מער נישט איבערחזרן. לייג כאָטש
דו נישט צו קיין שטיינער צו דער משא, וואָס איך שלעפּ און
זיי וויסן, אַז דאָס, וואָס איך האָב דיר מוחל געווען, וואָלט איך
אַן אַנדערן נישט מוחל געווען.

קמיטשיץ האָט געשוויגן.

— אויב כ'האָב געהייסן — האָט דער פירשט אין אַ ווײַלע
אַרום געזאָגט — טויטן אין בירזשע יענע מענטשן, וועלכע איך
האָב אויף דיין בקשה פאַרגעבן אין קיידאַני, איז עס נישט דער־
פאַר, וואָס איך האָב דיך געוואָלט אָפּנאַרן, נאָר כדי דיר יסורים
צו פאַרשפּאָרן. איך האָב לפנים זיך אונטערגעגעבן, ווייל כ'האָב
צו דיר אַ שוואַכקייט... און זייער טויט איז געווען אומבאַדינגט
נייטיק. צי בין איך דען אַ תּלין, אָדער מיינסטו, אַז איך פאַרגיס
בלוט נאָר דערפאַר, כדי די אויגן מיט דער רויטער קאָליר אָנצו־
זעטיקן?... אַז דו וועסט אַבער עלטער ווערן, וועסטו איינזען,
אַז ווען עמעצער וויל עפּעס אויף דער וועלט אויפטון, טאָר ער
נישט גרעסערע אינטערעסן צוליב קלענערע מקריב זיין. יענע
מענטשן האָבן געדאַרפט אומקומען דאָ אין קיידאַני, ווייל זע,
וואָס עס איז דורך דיין איינשטעלן זיך פאַר זיי געשען: אין לאַנד
איז דער ווידערשטאַנד אונטערגעהעצט געוואָרן, די בירגער־מלחמה
האָט זיך אָנגעהויבן, די גוטע פריינטשאַפט מיט די שוועדן איז
וואַקלדיק געוואָרן, עס איז אַנדערע געגעבן געוואָרן אַ שלעכטער
ביישפּיל, פון וועלכן די מרידה פאַרשפּרייט זיך ווי אַ מגפה. באַך
ווייניק: כ'האָב שפּעטער אַליין מיט מיין אייגענער פּערזאָן גע־
מוזט אונטערנעמען אַן עקספּעדיציע אויף זיי און מיט בזיונות

פאַר די אויגן פון גאַנצן מיליטער זיך אָנעסן, דו ביסט שיער נישט פון זייערע הענט אומגעקומען, און איצט וועלן זיי גיין קיין פאַלעסיע און זיך שטעלן בראָש פון די מורדים. קוק זון לערן זיך! ווען זיי וואָלטן אומגעקומען אין קיידאַני, וואָלט דאָס אַלץ נישט געווען. אָבער דו האָסט, בעטנדיק פאַר זיי, געטראַכט נאָר וועגן די אייגענע געפילן, און איך האָב זיי געשיקט אומקומען קיין בירזשע, ווייל כ'בין געניטער, ווייל כ'זע ווייטער, ווייל איך ווייס פון דער פּראַקטיק, אַז ווער עס ווערט אין האַסטיקן לויפן געשטרויכלט אפילו דורך אַ קליינעם שטיין, דער פאַלט לייכט אום, דער קען אַמאָל מער זיך נישט אויפשטעלן, און וואָס האַסטיקער ער איז פריער געלאָפן, אַלץ לייכטער קען דאָס געשען... זאָל גאָט אָפּהיטן, וויפיל צרות דידאָזיקע מענטשן האָבן אָנגעטון!

— אַזאַ גרויסע חשיבות האָבן זיי נישט, אַז זיי זאָלן קענען די גאַנצע אונטערנעמונג פון גנעדיקן הער פירשט קאַליע מאַכן.

— ווען זיי וואָלטן אפילו נישט אָפּגעטון מער ווי דאָס, וואָס זיי האָבן גורם געווען דעם אומצוטרוי צווישן מיר און פּאַנטוסן, וואָלט שוין דער שאָדן געווען נישט צום אָפּשאַצן. ס'איז שוין אויפגעקלערט געוואָרן, אַז דאָס זענען נישט געווען מיינע מענטשן, אָבער דער בריוו מיט די דראָונגען, וואָס פּאַנטוס האָט צו מיר געשריבן, איז געבליבן און דעמדאָזיקן בריוו וועל איך אים נישט שענקען!... פּאַנטוס איז טאַקע דעם קעניגס שוואָגער, אָבער עס איז נאָך אַ ספק, צי ער וואָלט געקענט ווערן מיין שוואָגער און צי די שוועלן פון די ראַדזיווילס וואָלטן נישט געווען צו הויך פאַר אים...

— זאָל דער גנעדיקער הער פירשט מיטן קעניג גופא און נישט מיט זיינע דינער אונטערהאַנדלען.

— אַזוי וויל איך טון... און אויב די גרימענישן וועלן מיך נישט אַוועקהרגענען, וועל איך דאָסדאָזיקע שוועדל אָנלערנען דרך-ארץ... אויב די גרימענישן וועלן מיך נישט אַוועקהרגענען, און הלוואי עס זאָל זיך דערמיט אויסלאָזן, ווייל דאָ קאַרגט מיר קיי-

נער נישט קיין דערנער און קיין יסורים... ס'איז מיר ש׳ער! שווער!... ווער וואָלט געגלייבט, אַז איך בין דאָס דער אייגענער, וואָס באַ לאַיאָוו, זשעטשיצאַ, מאָזיר, טוראָוו, קיעוו און בערעסטעטשקאַ?... די גאַנצע רעפּובליק האָט געקוקט נאָר אין מיר און אין ווישניאָוויעצקין, ווי אין צוויי זונען!... אַלץ האָט געציטערט פאַר כמיעלניצקין, און ער האָט געציטערט פאַר מיר. און דיזעלבע חיילות, וועלכע איך האָב אין די צייטן פון אַלגעמיינע מפּלות געפירט פון נצחון צו נצחון, האָבן היינט מיך פאַרלאָזט און ווי פּאָטער-מערדער הייבן זיי אויף מיר די הענט אויף...

— נישט אַלע, ווייל עס זענען דאָך פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס גלייבן נאָך אין גנעדיקן הער פירשט! — האָט קמיטשיץ געענוג האַסטיק געזאָגט.

— גלייבן נאָך... ביז זיי וועלן נישט אויפהערן? — האָט ראַדזיוויל מיט פאַרביטערונג געענטפערט — אַ גרויסן חסד טון זיי מיט מיר!... הלוואי איך זאָל זיך נאָר מיט אים נישט פאַרסמען... איין שטאָך נאָכן אַנדערן גיט מיר יעדער פון אייך, הגם נישט אייגער האָט עס אפשר גאָרנישט מכוון געווען.

— זאָל דער גנעדיקער הער פירשט קוקן אין תוך אַריין, און נישט אויף ווערטער.

— אַ דאַנק פאַר די עצה... פון איצט אָן וועל איך גוט קוקן, וואָס פאַר אַ פּנים עס ווייזט מיר יעדער פּראָסטער זעלנער... און וועל זיך שטאַרק באַמיִען באַ יעדן נושא-חן צו זיין...

— ביטערע ווערטער זענען דאָס, גנעדיקער הער פירשט.

— און דאָס לעבן איז זיס?... גאָט האָט מיך צו גרויסע זאַכן באַשאַפן, און איך מוז צעברעקלען די כוחות אין אַ פּראָווינץ-מלחמה, וואָס איין דאָרף מיטן צווייטן וואָלט געקענט פירן. כ'האָב געוואָלט מיט מעכטיקע מאָנאַרכן זיך פאַרמעסטן, כ'בין אָבער געפאַלן אַזוי נידעריק, אַז איך מוז עפּעס אַ הער וואָלאָדיִאָווסקי איבער מיינע אייגענע גיטער נאָכיאָגן. אָנשטאָט די וועלט צו פאַרחידושן מיט מיינע כוחות, פאַרחידוש איך זי מיט מיין שוואַכקייט; אָנשטאָט פאַר דער חורבה פון ווילנע מיט אַ חורבה פון מאָסקווע

צו באַצאָלן, מוז איך דיר דאַנקען, וואָס דו האָסט קיידאַני מיט פאַרשאַנצונגען באַשאָטן... ס'איז מיר ענג... און כ'ווער דער־שטיקט... נישט בלויז דערפאַר, וואָס די אַסטמע שטיקט מיך... די מאַכטלאָזיקייט הרגעט מיך אַוועק... דאָס ליידיק גיין הרגעט מיך אַוועק... ס'איז מיר ענג און שווער!... פאַרשטייסט?...

— איך האָב אויך געמיינט, אַז עס וועט אַנדערש צוגיין!... — האָט קמיטשיץ טריב געזאָגט.

ראַדזיוויל האָט גענומען עטעמען מיט מאַטערניש.

— פריִער, ביז איך וועל זיך צו אַן אַנדערער קרוין דער־שלאָגן, האָט מען מיר אַרויפגעלייגט אַ דערנער־קרוין. כ'האָב גע־היילן דעם מיניסטער אַדערס אין די שטערן קוקן... ער האָט באַלד צונויפגעשטעלט אַ פיגור און זאָגט, אַז די קאָניונקטורן זענען שלעכטע, אָבער אַז דאָס וועט אַריבערגיין. דערווייל לייד איך יסורים... אין דער נאַכט לאָזט מיך עפּעס נישט שלאָפן, עפּעס גייט אַרום איבער דער שטוב... עפּעס פּנימער קוקן מיר אין בעט אַריין, און צייטנווייז ווערט מיר פּלוצלינג קאַלט... דאָס באַדייט, אַז דער טויט גייט פאַר מיר פאַרביי... יסורים לייד איך... איך מוז באָך זיין גרייט אויף בגידות און אָפּטריניקייט, ווייל כ'ווייס, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס וואַקלען זיך...

— שוין נישטאָ אַזעלכע! — האָט קמיטשיץ געענטפערט — ווער עס האָט געזאָלט אָפּטריניק ווערן, דער איז שוין אַוועק.

— שפּאַר נישט אָפּ, דו זעסט אַליין, אַז די רעשט פּוילישע בטשן הייבט אָן זיך אומצוקוקן וועגן זיך.

קמיטשיצן איז געקומען אין זין אַריין דאָס, וואָס ער האָט כאַרלאַמפּן געהערט און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— שאַט נישט! — האָט ראַדזיוויל געזאָגט — ס'איז שווער שרעקלעך, אָבער מען דאַרף אויסהאַלטן... דערצייל קיינעם נישט וועגן דעם, וואָס דו האָסט דאָ פון מיר געהערט... ס'איז גוט, וואָס דערדאָזיקער אָנפאַל פון דער קראַנקהייט איז געקומען היינט, ווייל ער וועט זיך שוין נישט איבערחזרן, און אויף היינט דאַרף איך גראַד האָבן כוחות, ווייל איך וויל היינט פּראַווען אַ סעודה און אַן אויפגערוימט פּנים ווייזן, כדי דעם גייסט אין

די מענטשן צו שטאַרקן... אויך דו ווער מונטער און זאָג קיינעם גאָרנישט, ווייל איך זאָג דיר דאָס אַלץ נאָר דערפאַר, כדי דו על־כל־פנים זאָלסט מיך נישט פייניקן... דער כעס האָט מיך היינט אונטערגעהויבן... גיב אַכטונג, אַז דאָס זאָל זיך נישט איבערחזרן, ווייל עס האַנדלט זיך וועגן דיין לעבן. אָבער איך האָב דיר שוין מוחל געווען... מיט די פאַרשאַנצונגען, וועלכע דו האָסט אין קיידאַני אָנגעשאָטן, וואָלט זיך פעטערסאָן אַליין נישט געדאַרפט שעמען... גיי איצט און שיק מיר אַהער מיע־לעשקאָן. מ'האָט היינט געבראַכט אַנטלאָפענע פון זיין פולק, בלויז פראָסטע זעלנער. כ'וועל אים הייסן זיי אויפהענגען ביז איינעם... מ'דאַרף געבן אַ ביישפּיל... זיי געזונט... עס מוז היינט אין קיידאַני פריילעך זיין!...

8. קאַפּיטל

דער ראָסיענער שווערטס-רעבער האָט געהאַט אַ שווערע מערכה מיטן פרייַלין אַלעקסאַנדראַ, ביז זי האָט מסכים געווען צו גיין אויף יענער סעודה, וואָס דער העטמאַן האָט פאַר זייַנע מענטשן איינגעאָרדנט. ער האָט כמעט מיט טרערן געמוזט בעטן דאָס איינגעשפּאַרטע און שטאָלצע מיידל און באַשווערן, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן זייַן לעבן, אַז אַלע, נישט בלויז מיליטער-לייַט, נאָר אויך די בירגער, וואָס וווינען אין דער סביבה פון קיידאַני, וווּ ראַדזיווילס שליטה האָט געגרייכט, דאַרפן זיך שטעלן, אויב זיי ווילן נישט אַרויסרופן קעגן זיך דעם פירשטס כעס, הייַנט ווי אַזוי קענען זיך אַקעגנשטעלן די, וואָס זענען אויסגעשטעלט אויפן חסד און אומחסד פון שרעקלעכן מענטש. נישט ווילנדיק דעם פעטער שטעלן אין סכנה, האָט דאָס מיידל צוליב גע-טאָן.

אַן עולם איז טאַקע געווען נישט קיין קלייַנער, ווייל אַ סך פון די אַרומיקע שליאַכטשיצעס זענען געקומען מיט די ווייבער

און טעכטער. אָבער מיליטער־לייט איז געווען צום מייגסטן און באַזונדערס אָפיצירן פון אויסלענדישן חייל, וועלכע זענען כמעט אַלע געבליבן באַם פירשט. ער אַליין, איידער ער האָט זיך באַוויזן פאַר די געסט, האָט צוגעגרייט אַ הייטער פנים, גלייך ווי קיין שום דאגה האָלט אים פריער נישט געדריקט — וואָרים ער האָט מיטן דאָזיקן מאָלצייט געוואָלט נישט בלויז הייבן דעם מוט בײַ די אייגענע אָנהענגער און מיליטער, נאָר אויך ווייזן, אַז דער כּלל בירגער איז אויף זיין זייט — און נאָר די הפקר־מענטשן זענען קעגן דער פאַרייניקונג מיט שוועדן; ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז דאָס לאַנד פרייט זיך מיט אים צוזאַמען, ער האָט דעריבער נישט געשפּאָרט קיין מי און קיין קאָסטן, אַז די סעודה זאָל זיין אַ גרויסאַרטיקע און אַז זי זאָל זיך לאָזן הערן וואָס ווייטער איבערן לאַנד. און קוים איז די נאַכט צוגעפאַלן, האָבן הונדערטער פעסער זיך צעקלאַקערט אויפן שלאָס־וועג און הויף, פון צייט צו צייט האָבן הארמאַטן געדונערט, און די זעלנער האָט מען געהייסן אַרויסלאָזן פריילעכע אויסגעשרייען.

עס האָבן זיך געצויגן איינע נאָך דער אַנדערער די קאָטשן, קאַראַבאַנעס און וואָגנס, וועלכע האָבן געפירט די אַרומיקע פּני און די „ביליקערע“ שליאַכטע. דער הויף איז פול געוואָרן מיט קאָטשן, פערד און דינער, אָנגעקומענע און אָרטיקע. אַ גרויסער עולם, אויסגעפוצט אין סאַמעט און לאַמעס און טייערע פעלצן, האָט פול געמאַכט דעם אַזוי גערופענעם „גילדערנעם“ זאַל, און ווען דער פירשט האָט זיך צום סוף באַוויזן, איינגאַנצן אַ שיינער דיקער פון די טייערע שטיינער און מיט אַ גנעדיקן שמייכל אויפן תמיד טריבן, און איצט נאָך דער קרענק, אָפּגעצערטן פנים, האָבן די אָפיצירן די ערשטע פה־אחד אויסגעשריגן:

— זאָל לעבן דער פירשט העטמאַן! זאָל לעבן דער ווילנער וואָיעוואָדע!

ראַדזיוויל האָט געוואָרפן מיט די אויגן איבער די פאַרזאַמלטע בירגער, ווילנדיק זיך איבערצייגן, צי זיי וועלן איבערחזרן דעם אויסגעשריי פון די זעלנער. אַ צוואַנציק שטימען פון די מער שרעקעוודיקע ברוסטן האָבן טאַקע איבערגעחזרט דעם אויסגע־

שריי און דער פירשט האָט באַלד גענומען זיך בייגן און דאַנקען פאַר דעם אמתדיקן און „איינשטימיק" געפיל.

— מיט אייך, גנעדיקע הערן! — האָט ער געזאָגט — וועלן מיר זיך אַן עצה געבן מיט די, וואָס ווילן אונטערגעבן דאָס פאָטערלאַנד! איך דאַנק אייך! איך דאַנק אייך!...

און ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן זאַל, האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר באַקאַנטע, נישט־קאַרגנדיק אין די שמועסן קיין טיטלען: „הער ברודער" און „ליבער שכן" — און נישט איין אָנגעכמורעט פּנים האָט זיך אויסגעגליטערט אונטער דער השפּעה פון די וואַרעמע שטראַלן פון שרייהס גנאָד.

— עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין — האָבן געזאָגט די, וועלכע האָבן ערשט נישט לאַנג געקוקט קרום אויף זיינע מעשים — אַז אַזאַ שררה און אַזאַ הויכער סענאַטאָר זאָל נישט אויסן זיין די טובה פון פאָטערלאַנד; אָדער ער האָט נישט געקענט זיך אַנדערש נוהג זיין, ווי ער האָט זיך נוהג געווען, אָדער עס שטעקן אין דעם עפּעס סודות, פון וועלכע עס וועט אַרויסקומען אַ נוצן פאַר דער רעפּובליק.

— פון דעם צווייטן שונא האָבן מיר שוין טאַקע מער מנוחה, ווייל ער וויל זיך דורך אונדז נישט צעקריגן מיט די שוועדן.

— הלוואי זאָל זיך אַלץ ענדערן צום גוטן!

עס זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, אָדער מיט די בליקן זיך געזאָגט: „מיר זענען דאָ, ווייל מ'האָט אונדז געלייגט דעם חלף אויפן האַלדז".

אָבער זיי האָבן געשוויגן, בשעת די איבעריקע, וואָס זענען מער נוטה צו שלום, האָבן געזאָגט הויך, אפילו אַזוי הויך, אַז דער פירשט זאָל זיי קענען דערהערן:

— בעסער דעם קעניג צו בייטן, איידער די רעפּובליק צו באַגראָבן.

— זאָל־זשע קרוין־פוילן טראַכטן וועגן זיך, און מיר וועגן זיך.

— ווער האָט דען, איבעריקנס, אונדז געגעבן אַ ביישפּיל, אויב נישט גרויס־פוילן?

— Extrema necessitas, extremis nititur rationibus!*)

— Tentanda omnia!**)

— לאָמיר דעם גאַנצן בטחון האָבן אין אונדזער פירשט און אויף אים איבגאַנצן זיך פאַרלאָזן. זאָל ער ליטן און די מאַכט האָבן אין זיין האַנט.

— ער איז ראוי אי צום ערשטן און אי צום צווייטן. אויב ער וועט אונדז נישט אַרויסראַטעווען, וועלן מיר אומקומען... די ישועה ליגט אין אים...

— ער איז אונדז נענטער, ווי יאַן קאַזשימיעזש, ווייל ער איז דאָך אונזער בלוט!

ראַדזיוויל האָט מיט אַ גיריקן אויער אויפגעכאַפּט דיזאָ־יקע שטימען, וועלכע עס האָט דיקטירט די פּחדנות אָדער חנופה און ער האָט נישט גענומען אין אַכט, אַז עס האָבן זיי אַרויסגעבראַכט די מיילער פון שוואַכע מענטשן, וועלכע וואָלטן אין אַ סכנה די ערשטע אים פאַרלאָזט; פון מענטשן, וואָס אויף יעדן בלאָז פון ווינט האָבן זיי זיך געוואַקלט ווי אַ כוואַליע. און ער האָט געקוואָלן פון דיזאָיקע אויסדריקן און אָפּגענאַרט זיך אַליין אָדער דאָס אייגענע געוויסן, איבערחזרנדיק פון די אויפגעכאַפּטע זאַצן דאָס, וואָס האָט לויט זיין מיינונג אים אַממייסטן רעכטפאַרטיקט:

— Extrema necessitas, extremis nititur rationibus!

אָבער ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן אַ גרויסער גרופּע פון שליאַכטשיצעס און נאָך דערהערט פון הער יוזשיצס מויל די ווערטער: „ער איז אונדז נענטער, ווי יאַן קאַזשימיעזש!" — האָט זיין פּנים זיך פולשטענדיק אויסגעלייטערט. בלויז דאָס פאַרגלייכן און צונויפשטעלן אים מיטן קעניג האָט געשמייכלט זיין גאווה, ער

*) אין אַן עת צרה זענען אַלע מיטלען כשר.

**) אַלץ דאַרף מען פּרווון.

איז דעריבער באַלד צוגעגאַנגען צום הער יוזשיץ און גע־זאָגט:

— איר זענט גערעכט, הער ברודער, ווייל אין יאַן קאַ־זשימיעזשן איז אויך אַ גאַרניעץ בלוט פֿאַרהאַן גאָר אַ קוואַרט ליטוויש בלוט, און אין מיר איז קיין אַנדער בלוט, אַ חוץ ליטוויש, נישט פֿאַרהאַן... און אויב אַ קאָרט האָט ביז איצט גע־האַט די שליטה איבער אַ גאַרניעץ, איז עס פֿון אייך, הערן ברי־דער, געווענדט, אַז דאָס זאָל אַנדערש ווערן.

— מיר זענען אויך גרייט אויפֿן גאַרניעץ צו טרינקען פֿאַרן געזונט פֿון גנעדיקן הער פֿירשט! — האָט הער יוזשיץ געענטפֿערט.

— אָ, איר האָט מיר זייער גוט צוגעטראָפֿן. זייט זיך משמח, הערן ברידער! כ׳וואָלט גאַנץ ליטע וועלן אַהער פֿאַר־בעטן.

— מ׳וואָלט זי דערצו געדאַרפֿט נאָך בעסער אָרומשניידן, — האָט זיך אָנגערופֿן הער שטשאַניעצקי פֿון דאַלנאָוו, אַ מענטש אַ דרייסטער און אַ פֿלינקער סיי מיט דער צונג און סיי מיט דער שווערט.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — האָט דער פֿירשט געפֿרעגט, איינגראָבנדיק אין אים די אויגן.

— אַז אייער האַרץ, גנעדיקער הער פֿירשט, איז ברייטער פֿון קיידאַני.

ראַדזיוויל האָט געצווונגען אַ שמייכל געטון און איז ווייטער געגאַנגען.

אין דער רגע איז צו אים צוגעגאַנגען דער מאַרשאַל מיט דער מעלדונג, אַז דאָס אָוונט-מאָל איז גרייט. די מאַסן האָבן ווי אַ טייך גענומען פֿליסן נאָכן פֿירשט אין זעלבן זאַל אַריין, אין וועלכן ס׳איז נישט לאַנג די פֿאַרייניקונג מיט שוועדן אויסגערופֿן געוואָרן. דאָרט האָט דער מאַרשאַל אויסגעזעצט די פֿאַרבעטענע לויטן אַמט נאָך, אָנרופֿנדיק יעדן בײַם נאָמען און טיטל. אַפּנים אָבער, אַז דעם פֿירשטס באַפֿעלן זענען אויך אין דעם פּרט געווען פֿריִער אַרויסגעגעבן, ווייל קמיטשיץ האָט באַקומען אַן

אָרט צווישן ראָסיענער שווערטס עגער און פּריילין אַלעקסאַנדראַ.

אין ביידן האָבן די הערצער אַזש אַ צאַפּל געטון, ווען זיי האָבן דערהערט זייער נאָמען אינאיינעם אויסרופן און ביידע האָבן אין דער ערשטער רגע זיך אַ קווענקל געטון; אָבער זיי האָבן זיך מסתמא איבערגעלייגט, אַז אויב זיי וועלן נישט באַשטיין דערויף, וועלן זיי ציִען אויף זיך די אויגן פון אַלע בייגעוועזענע, זיי האָבן דעריבער זיך געזעצט איינער לעבן אַנדערן. ס'איז זיי געווען שלעכט און שווער. הער אַנדזשעי האָט באַ זיך באַשלאָסן צו זײַן גלייכגילטיק, ווי עס וואָלט לעבן אים געזעסן אַ פרעמדע פּערזאָן. באַלד אָבער האָט ער איינגעזען, אַז נישט ער וועט באַוויִיזן צו זײַן אַזוי גלייכגילטיק, און נישט דידאָזיקע שכנטע איז אַזוי פרעמד, אַז זיי זאָלן קענען פאַרבינדן צווישן זיך אַ געוויינטלעכן שמועס. אדרבא, ביידע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין דאָזיקן המון פון מענטשן און פון די פאַרשיידנסטע געפילן, אינטערעסן, ליידנשאַפטן, טראַכט ער נאָר וועגן איר, זי וועגן אים, און טאַקע דערפאַר איז זיי אַזוי שווער, ווייל ביידע האָבן געוואָלט און נישט געקענט אַרויסזאָגן אמתדיק, קלאָר און אָפן אַלץ, וואָס איז זיי געלעגן אויפן האַרצן. זיי האָבן הינטער זיך געהאַט אַ פאַרגאַנגענהייט, זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין צוקונפט. די אַמאָליקע געפילן, צוטרוי, באַקאַנטשאַפט אפילו, דאָס אַלץ איז געווען צעריסן. קיין שום זאַך האָט זיי נישט פאַרבונדן, אַחוץ דאָס געפיל פון אָפּגענאַרטקייט און פאַרדראָס. ווען אָט דאָס לעצטע רינגעלע וואָלט געפּלאַצט, וואָלטן זיי זיך געפילט אינגאַנצן אויפגעבונדן; אָבער נאָר די צייט האָט געקענט ברענגען די פאַרגעסנקייט, איצט איז נאָך געווען צו פרי.

קמיטשיצן איז געווען אַזוי שלעכט, אַז ער האָט כמעט געליטן יסורים, און פונדעסטוועגן וואָלט ער פאַר קיין שום פרייז אין דער וועלט נישט אָפּגעטרעטן דאָס אָרט, וואָס דער מאַרשאַל האָט אים באַשטימט. מיטן אויער האָט ער אויפגעכאַפּט דעם שאָרך פון איר קלייד, ער האָט געקוקט, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער קוקט נישט, אויף יעדער באַוועגונג איר ער; האָט געשפּירט

די וואַרעמקייט, וואָס האָט פֿון איר געשלאָגן. און דאָס אַלץ צו־זאַמען האָט אים פֿאַרשאַפֿט עפּעס אַ פֿיינלעכן פֿאַרגעניגן.

באַלד האָט ער דערקענט, אַז אויך זי איז וואַך, הגם זי האָט אויף אים כּלומרשט זיך נישט אומגעקוקט. ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַן אומבאַזיגבאַרער חשק אַ קוק צו טון אויף איר, ער האָט דעריבער פֿון אַ זייט גענומען וואַרפֿן פֿון צייט צו צייט אַ בליק אויף איר, ביז ער האָט נישט דערזען דעם קלאָרן שטערן, די אויגן, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט די שוואַרצע ווימפּערן, און דאָס ווייסע פּנים, וואָס איז נישט געווען באַמאָלט מיט רויטער שמינקע, ווי בײַ אַנדערע דאַמען.

ס'איז שיינענדיק געווען אין דאָזיקן פּנים עפּעס אַזוינס פֿאַר אים ציִענדיקס אַז דאָס האַרץ האָט אַזש אין אָרימען ריטער אַ צאַפּל געטון פֿון פֿאַרדראָס און ווייטיק. „אין אַזאַ באַחנט מלאכל זאָל קענען שטעקן אַזאַ פֿאַרביסנקייט!" — האָט ער זיך געטראַכט. אָבער זײַנע תּרעומות אויף איר זענען געווען צו גרויס, דעריבער האָט ער תּיכּף אין האַרצן צוגעגעבן: „זי גייט מיך גאָר נישט אָן, זאָל דיך אַן אַנדערער נעמען!"

און מיטאַמאָל האָט ער דערשפּירט, אַז ווען עפּעס אַן „אַנדערער" וואָלט נאָר געפּרוּווט אויסצונוצן זײַן דערלויבעניש וואָלט ער אים צעהאַקט אויף פּיץ־פּיצלעך. בלויז אויפֿן געדאַנק וועגן דעם האָט אים אַ שרעקלעכער כּעס אָנגעכאַפּט. ער האָט זיך באַרויִקט ערשט דאַמאָלס, ווען ער האָט זיך דערמאַנט, אַז דאָס זיצט דאָך ער אַליין און נישט קיין אַנדערער לעבן איר און אַז אין דער רגע על־כּל־פּנים מאַכט קיינער נישט קיין פּרוּוו זיך צו איר צוצושאַרן.

— אויב אַזוי וועל איך אויף איר נאָך אַמאָל אַ קוק־טון און דערנאָך זיך אויסדרייען אין אַן אַנדערער זייט — האָט ער געטראַכט.

און ער האָט ווידער גענומען פֿון אַ זייט וואַרפֿן אויף איר בליקן, אָבער גראָד אין דער רגע האָט זי אויך דאָס אייגענע געטון און ביידע האָבן וואָס גיכער די אויגן אַראָפּגעלאָזט, שטאַרק פֿאַרשעמט, ווי מ'וואָלט זיי בײַ אַן עבֿרה געכאַפּט.

פֿרײַלין אַלעקסאַנדראַ האָט אויך געפֿירט אַ קאַמף מיט

זיך. פון אַלץ, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן, פון קמיטשיצס אויפפירונג אין בילעוויטשע, פון זאַגלאָבאַס און סקשעטוסקיס ווערטער האָט זי געדרונגען, אַז קמיטשיץ האָט געבלאָנדזשעט; אָבער ער איז נישט געווען אַזוי פיל שולדיק, ער האָט נישט פאַרדינט אַזאַ פאַראַכטונג, אַזאַ אומברחמנותדיק אָפּמשפּטן, ווי זי האָט פריער געמיינט. האָט ער דאָך יענע איידעלע מענטשן פון טויט מציל געווען, האָט ער דאָך פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ גרויסמוטיקע גאווה, אַז ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, האָבנדיק בײַ זיך אַ בריוו, וועלכער האָט געקענט זיין אומשולד באַווייזן, אָדער כל-הפחות אים פון טויט פאַרהיטן, האָט ער פונדעסטוועגן דעמדאָזיקן בריוו נישט געוויזן, קיין וואָרט נישט געזאָגט און געגאַנגען צום טויט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

אָלענקאַ, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן דורך אַן אַלטן זעלנער, וועלכער האָט די פאַראַכטונג פון טויט געשטעלט העכער פון אַלע אַנדערע גוטע מדות, האָט פאַרערט די העלדישקייט פון גאַנצן האַרצן, זי האָט דעריבער נישט געקענט זיך באַפרייען פון דער אומגערנוויליקער התפעלות פאַר דעמדאָזיקן עזותדיקן ריטערלעכן מוט, וועלכן מ'וואָלט אפשר נאָר איינעם מיט דער נשמה געקענט פון גוף אַרויסטרייבן.

זי האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אויב קמיטשיץ האָט ראַדזיווילן געדינט, האָט ער דאָס געטון אין בעסטן גלויבן — ווי אומגערעכט איז דעריבער געווען דאָס חשד-זיין אים אין בכיוונדיקער בגידה! און פונדעסטוועגן איז זי די ערשטע לגבי אים באַגאַנגען דידאָזיקע אומגערעכטיקייט, זי האָט אים נישט געקאַרגט נישט קיין זלזולים, נישט קיין פאַראַכטונג — זי האָט אים נישט געוואָלט מוחל זיין אפילו פאַרן טויט!

— פאַרגעלט די עוולה — האָט דאָס האַרץ איר געזאָגט — אַלץ האָט זיך צווישן אייך געענדיקט, אָבער דו ביסט מחויב זיך פאַר אים מודה צו זיין, אַז דו האָסט אים אומיושרדיק געמשפּט. דאָס איז אויך דיין חוב לגבי זיך אַליין...

אָבער דאָסדאָזיקע מיידל האָט אויך נישט ווייניק שטאָלץ פאַרמאָגט און אפשר אויך אַ ביסל פאַרביסנקייט; ס'איז דערי-

בער איר באַלד געקומען אין זין אַרײַן, אַז יענער ריטער שטייט גאָרנישט נאָך אַזאַ באַפרידיקונג און אַ רויטקייט האָט אַזש אויף איר פּנים אַרויסגעשפּראָצט.

— אויב ער שטייט נישט נאָך איר, זאָל ער זיך באַגיין! — האָט זי זיך אין האַרצן געזאָגט.

אָבער דאָס געוויסן האָט איר ווייטער געזאָגט, אַז צי דער באַוואָלהטער מאָנט פאַר זיין עוולה, צי ער מאָנט נישט, פאַרגעלטן דאַרף מען זי; פון דער צווייטער זייט אָבער האָט די גאווה געבראַכט אַלץ נייע אַרגומענטן.

— אויב מ'זאָל גלייבן אין השערות, וואָלט אויסגעקומען נאָר בחנם זיך מיט בזיונות אָנצועסן. און צווייטנס, יאָ שולדיק, אָדער נישט שולדיק ער טוט דאָס בפיוון, אָדער אין פאַרבלענדעניש, גענוג, אַז ער האַלט מיט בוגדים, מיט די שונאים פון פאָטערלאַנד און העלפט זיי עס אומברענגען. דעם פאָטערלאַנד איז אַלצאיינס, צי ער טוט עס, מחמת עס פעלט אים שכל, אָדער מחמת עס פעלט אים ערלעכקייט. גאָט קען זען זיין אומשולד, אָבער די מענטשן מוזן און דאַרפן אים פאַרמשפטן און דער נאָמען פון אַ בוגד וועט בא אים פאַרבלייבן. יאָ! אויב ער איז אפילו נישט שולדיק, איז דען אָבער נישט רעכט צו פאַראַכטן אַזאַ איינעם, וואָס האָט אפילו קיין שכל נישט, אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל קענען פאַנאַנדערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן מעשים־תעתועים און מעשים־טובים...

דאָ האָט אַ כעס אָנגעכאַפּט דאָס מיידל, און אויף אירע באַקן האָט אַ היץ אַ ויסגעשלאָגן.

— כ'וועל שווייגן! — האָט זי צו זיך געזאָגט — זאָל ער ליידן, ער האָט עס כשר פאַרדינט. כל־זמן איך זע קיין חרטה נישט, האָב איך אַ רעכט צו פאַרמשפטן...

דערויף האָט זי געוואָרפן אַ בליק אויף קמיטשיצן, ווי זי וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, צי עס איז שוין אויף זיין פנים נישט קענטיק קיין חרטה. דאַמאָלס האָבן זיך עס זייערע אויגן באַגעגנט און זיי האָבן זיך ביידע אַזוי פאַרשעמט.

קיין חרטה האָט אפשר אָלענקאַ אין ריטערס פנים נישט

דערזען, זי האָט אָבער דערזען אַ ווייטיק און אַ טיפן צער; זי האָט דערזען, אַז דאָסדאָזיקע פּנים איז געווען אַזוי אויסגעבלייכט, ווי נאָך אַ קרענק; עס האָט זי דעריבער אַ גרויס רחמנות אָנגענומען, טרערן זענען איר מיט געוואַלט געקומען אין די אויגן אַריין און זי האָט נאָך שטאַרקער זיך אַראָפּגעבויגן איבערן טיש, כּדי נישט אויסצוגעבן איר אויפרעגונג.

און דערווייל איז דאָס מאַלצייט געוואָרן וואָס אַמאָל מער באַלעבט.

תּחילת זענען אַפּנים אַלע געווען אונטערן שווערן איינדרוק אָבער וואָס מער דער עולם האָט געטרונקען, אַלץ מער אויפגערוימט איז ער געוואָרן. ס'איז געוואָרן וואָס אַמאָל טומלדיקער.

לסוף האָט זיך דער פּירשט אויפגעשטעלט.

— גנעדיקע הערן, כ'בעט דאָס וואָרט!

— דער הער פּירשט וויל רעדן!... דער הער פּירשט וויל רעדן! — האָט מען פון אַלע זייטן אויסגערופן.

— דעם ערשטן טאָסט הייב איך אויף פאַרן געזונט פון ליכטיקסטן שוועדישן קעניג, וועלכער גיט אונדז הילף קעגן די שונאים און, געוועלטיקנדיק לעת־עתּה איבער דערדאָזיקער מדינה, וועט ער פון איר פריער נישט אָפּטרעטן, ביז ער וועט איינפירן רו. שטעלט זיך אויף, גנעדיקע הערן, ווייל פאַרן דאָזיקן געזונט טרינקט מען שטייענדיק.

די געסט האָבן זיך אויפגעשטעלט, אַ חוץ די פרויען, און אָנגעפילט די בעכערס, אָבער אָן אויסגעשרייען, אָן התלהבות. הער שטשאַוויעצקי פון דאַלבאָוו האָט עפּעס געברומט צו די שכנים, וועלכע האָבן געביסן די וואָנסעס, כּדי זיי זאָלן נישט מיט אַ געלעכטער אַרויספּלאַצן; משמעות, ער האָט חוזק געמאַכט פון שוועדישן קעניג.

ערשט ווען דער פּירשט האָט צום צווייטן מאָל געטרונקען פאַרן געזונט פון די „טייערע געסט", וואָס געדענקען אין קיידאַני צום גוטן און זענען געקומען אפילו פון ווייטע מקומות

וויזן בחוש, אַז זיי האָבן בטחון אין די פֿלעגער פֿון ווירט — האָט אים אָפּגעענטפֿערט אַ הויכער אויסגעשריי:

— מיר דאַנקען! מיר דאַנקען פֿון טיפֿן האַרצן!

— פֿאַרן געזונט פֿון הזר פֿירשט!

— פֿון אונזער ליטווישן העקטאָר!

— זאָל ער לעבן! זאָל לעבן דער פֿירשט העטמאַן, און דער וואָיעוואָדע!

דאַ האָט הער יוזשיץ, וועלכער איז שוין געווען אַביסל שיכּור, אויסגעשריגן מיט אַלע כּוחות:

— זאָל לעבן יאַנוש דער ערשטער, דער ליטווישער גרויס-פֿירשט!

ראַדזיוויל איז אינגאַנצן רויט געוואָרן, ווי אַ מיידל, אַז מ׳רעדט איר אַ שידוך, זעענדיק אָבער, אַז די פֿאַרזאַמלטע שווייגן שטיל און קוקן אויף אים מיט פֿאַרוווּנדערונג, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— אויך דאָס ליגט אין אייער מאַכט, אָבער צו פֿרי ווינטשט איר מיר, הער יוזשיץ, צו פֿרי!

— זאָל לעבן יאַנוש דער ערשטער, דער ליטווישער גרויס-פֿירשט! — האָט דער יוזשיץ איבערגעחזרט מיט דער עקשנות פֿון אַ שיכּור.

הער שטשאַניעצקי האָט זיך אויך אויפֿגעשטעלט און אויפֿגעהויבן דעם כּוס:

— יאָ! — האָט ער קאַלטבלוטיק געזאָגט — ליטווישער גרויס-פֿירשט, פּוילישער קיניג און דייטשישער קייזער!

ווידער האָט אַ ווײַלע אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן — פּלוצלינג האָבן די גאַסט אויף אַמאָל אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער. די אויגן זענען זיי אַרויסגעקראָכן פֿון די לעכער, די וואָנסעס האָבן זיך געשאָקלט אויף די פֿאַררויטלטע פּנימער און דאָס געלעכטער האָט געטרייסלט זייערע קערפּער, אָפּגעשלאָגן זיך אין די געוועלבן און לאַנג אָנגעהאַלטן; אָבער, פּונקט ווי עס איז מיט-אַמאָל אויסגעבראָכן, אַזוי איז עס מיטאַמאָל אויך אָפּגעשטאָרבן

אויף אַלעמענס ליפּן אויפן אָנבליק פון העטמאַנס פּנים, וואָס האָט זיך געביטן.

ראַדזיוויל האָט אָבער איינגעהאַלטן דעם שרעקלעכן כּעס, וואָס האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַר דער ברוסט, און ער האָט געזאָגט:

— ליצנות איז פריי, הער שטשאַניעצקי!

דער שלאַכטשיץ האָט צוגעבלאָזן די ליפּן, און נישט ווערנדיק לחלוטין צעמישט האָט ער געענטפערט:

— און דאָס דעם וואַל-טראָן, מער קענען מיר שוין דעם גנעדיק: הער פירשט נישט ווינטש. אויב דער גנעדיקער הער פירשט קען אַלס שליאַכטשיץ ווערן פּוילישער קעניג, קענט איר אַלס פירשט פון דייטשן רייך דערהויבן ווערן צו דער גדולה פון אַ קייזער. ס'איז אייך פּונקט אַזוי נאָענט אָדער ווייט צו דעם, ווי צו יענעם, און ווער עס גינט אייך דאָס נישט, דער זאָל זיך אויפשטעלן, מיר וועלן אים באַלד דאָ מיט די שווערדן צוהאַקן.

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו די געסט:

— זאָל זיך אויפשטעלן דער, וואָס גינט נישט דעם הער ווילנער וואָיעוואָדע די דייטשע קייזערלעכע קרוין!

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט זיך נישט אויפגעשטעלט. מ'האָט שוין אויך נישט געלאַכט, ווייל אין הצד שטשאַניעצקיס שטים איז געווען אַזוי פיל גאַליקע חוצפּה, אַז אַלעמען איז באַפאַלן אַ פּחד דערפאַר, וואָס וועט געשען...

אָבער ס'איז גאָרנישט געשען, נאָר די לוסט צום מאָלצייט איז קאַליע געוואָרן. בחנם האָט די הויף-דינערשאַפט יעדע ווילע די בעכער אָנגעפילט. דער ווין האָט נישט געקענט פאַרטרייבן די אומעטיקע געדאַנקען אין די קעפּ פון די געסט, און אויך נישט די וואַקסנדיקע אומרויקייט. ראַדזיוויל האָט אויך מיט מאַטערניש דערשטיקט דעם גרימצאָרן, ווייל ער האָט געפילט, אַז אַ דאַנק שטשאַניעצקיס טאָסטן, איז ער שטאַרק געפאַלן אין די אויגן פון דער פאַרזאַמלטער שליאַכטע און אַז בכּיוון אָדער אומגערנווייליק האָט יענער שליאַכטשיץ איינגעפלאַנצט אין דער פאַרזאַמלטער שליאַכטע די איבערצייגונג, אַז דער ווילנער וואָיעוואָדע איז פּונקט

אַזוי נאָענט צום גרויס-פֿירשטלעכן טראָן, ווי צו דער דײַטשישער קרוין. אַלץ איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויץ, אין אַ קאַטאָוועס — אָבער דאָס גאַסט-מאָל איז דאָך דער עיקר געפּראַוועט געוואָרן, כּדי די געמיטער צוצוגעווינען צום געדאַנק פֿון ראַדזיווילס להבֿדיקער ממשלה. נאָכמער, ראַדזיווילן איז אויך געגאַנגען וועגן דעם, אַז אַזאַ אָפּשפּעטן פֿון זײַנע האָפֿנונגען זאָל זיך ניט שלעכט אָפּרופֿן אויך אויף די אָפֿיצירן, וואָס זענען אין דער זאַך פֿאַרטרויט. זייערע פּנימער האָבן טאַקע אויסגעדריקט אַ שטאַרקע אומצופֿרידנהייט.

גאַנצהאַפֿט האָט אָנגעגאָסן איין בעכער נאָכן צווייטן און אויסגעמיטן דעם פֿירשטס בליק, און קמיטשיץ האָט ניט געטרונקען, נאָר געקוקט אויפֿן טיש פֿאַר זיך מיט אַ גערינצלטן שטערן, גלײַך ווי ער וואָלט זיך איבער עפּעס פֿאַרטראַכט אָדער געפֿירט אַן אינערלעכן קאַמף. ראַדזיוויל האָט אַ ציטער געטאָן באַם געדאַנק, אַז אין דאָזיקן מוח קען אַ ליאַדע רגע אויפֿבליצן אַ ליכט און אַרויסבאַקומען דעם אמת פֿון די שאָטנס, און דאַמאָלסט וועט דער דאָזיקער אָפֿיציר, וועלכער בילדעט דאָס אייַנציקע רינגעלע, וואָס פֿאַרבינדט די רעשטלעך פֿון די פּוילישע פֿולקן מיט ראַדזיווילס זאַך, צערײַסן יענץ רינגעלע, ווען אַפֿילו ער זאָל אינאיינעם מיט אים אויך מוזן זיך דאָס האַרץ פֿון דער ברוסט אַרויסרײַסן.

קמיטשיץ איז שוין פֿאַר ראַדזיווילן געווען אַ צו גרויסע לאַסט און ווען ניט יענע וווּנדערלעכע חשיבֿות, וואָס עס האָט אים צוגעגעבן דער צוזאַמענטרעף פֿון די געשעענישן, וואָלט ער שוין לאַנג געפֿאַלן אַ קרבן פֿון זײַן עזותדיקייט און פֿון העטמאַנס כּעס. אָבער דער פֿירשט האָט אַ טעות געהאַט, אויב ער האָט אים אין דער רגע חושד געווען אין בייזע מחשבֿות וועגן זײַן זאַך, ווײַל הער אַנדזשעי איז אינגאַנצן געווען פֿאַרנומען מיט אָלענקאַן און מיט יענעם טיפֿן תּהום, וואָס האָט זיי צעשיידט.

ווײַלנווייז האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער ליבט דאָס דאָזיקע מיידל, וואָס זיצט דערלעבן, מער ווי די גאַנצע וועלט דאָ, ווידער האָט ער דערפֿילט צו איר אַזאַ שנאה, אַז ער וואָלט

איר דעם טויט געמאַכט, ווען ער וואָלט געקענט, איר, אָבער צו דער זעלבער צייט אויך זיך.

דאָס לעבן האָט זיך איט אַזוי פּאַרוויקלט, אַז עס איז פאַר דערדאָזיקער פּשוטער נאַטור געוואָרן צו שווער אַריבערצוטראָגן. ער האָט אַזוי אַרום געשפּירט דאָס, וואָס עס שפּירט אַ ווילדע חיה, וואָס האָט זיך פּאַרוויקלט אין אַ נעץ, פון וועלכער זי קען זיך נישט אַרויספּלאָנטערן.

די אומרויִקע און טריבע שטימונג פון גאַנצן מאַלצייט האָט איט צערייצט ביז צו דער העכסטער מדרגה. ס'איז איט פּשוט ענג געוואָרן נישט צום אויסהאַלטן.

און דאָס מאַלצייט איז מיט יעדער רגע געוואָרן מער באַ-טריבט. די ביגעוועזענע האָט זיך אויסגעדאָכטן, אַז זיי זיצן אונ-טער אַ דאַך פון בליי, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף זייערע קעפּ.

דערווייל איז אַ נייער גאַסט אַריינגעקומען אין זאַל. דער-זעענדיק איט האָט דער פירשט אויסגעשריגן:

— הער סוכאַניעץ פון ברודער באַגוסלאַוו! מסתּמא מיט בריוו?

דער ניי-אָנגעקומענער האָט זיך נידעריק פאַרנייגט.

— יאָ, אייער פירשטלעכע הויכקייט!... כ'פאָר גלייך פון פאָלעסיע.

— גיט-זשע די בריוו, און אַליין זעצט זיך צום טיש, די גנעדיקע הערן וועלן מיר מוחל זיין, וואָס איך וועל דאָס לייע-נען נישט אָפּלייגן, הגם מיר זיצן באַ אַ מאַלצייט, ווייל עס קען זיך דאָרט געפינען נייעס, וועלכע איך וועל מיט אייך זיך וועלן טיילן. הער מאַרשאַל, כ'בעט דאָרט געדענקען וועגן ליבן שליח.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט דער פירשט גענומען פון הער סוכאַניעצס הענט אַ פּעקל בריוו און איילִיק אָפּגעבראָכן דעם זיגל פון ערשטן בריוו.

די ביגעוועזענע האָבן אָנגעשטעלט די נייגעריקע אויגן אויף זיין פּנים און באמת זיך אַרויסצודרינגען פון איט דעם תּוכן פון בריוו. דער ערשטער בריוו האָט אָבער משמעות נישט

אָנגעזאָגט קיין גוטע בשורה, ווייל דעם פּירשטס פּנים איז פאַר־לאָפן געוואָרן מיט בלוט און אין די אויגן האָט אים אויפגעבליצט אַ ווילדער כּעס.

— הערן ברידער! — האָט דער העטמאַן געזאָגט — דער פּירשט באַגוסלאַוו איז מיר מודיע, אַז די, וואָס האָבן בעסער געוואָלט מאַכן אַ קאָנפעדעראַציע, איידער מאַרשירן קיין ווילנע אַקעגן שונא, מאַכן איצט חיוב מייגע גיטער אין פּאָלעסיע. עס איז דאָך לייכטער איבער דעפּער מיט ווייבער מלחמה צו האַלטן!... פייגע ריטער!... קיין וואָרט גישט!... ס׳שאַדט נישט! דער שכר וועט זיי נישט מיידן!...

דערנאָך האָט ער גענומען דעם צווייטן בריוו, אָבער קוים האָט ער אויף אים געוואָרפן אַן אויג, ווי דאָס פּנים האָט אים אויפגעשיינט מיט אַ שמייכל פון טריומף און פרייד.

— די שעראַדזער וואָיעוואָדסטווע האָט זיך אונטערגעגעבן די שוועדן! — האָט ער אויסגעשריגן — און נאָכטוענדיק דעם ביישפּיל פון גרויס־פּוילן האָט זי קאַרל גוסטאַוום שוין אָנגענו־מען.

און אין אַ ווײַלע אַרום ווידער:

— אָט איז די לעצטע פּאָסט! אַ גוטע בשורה, גנעדיקע הערן! יאַן קאַזשימיעזש איז צעקלאַפּט געוואָרן בײַ ווידאַווע און זשאַרנאָוו!... דאָס חיל טרעט פון אים אָפּ! אַליין ציט ער זיך צוריק קיין קראָקע, די שוועדן גייען אים נאָך. עס שרייבט מיר דער ברודער, אַז איך קראָקע מוז פאַלן!!

— לאָמיר זיך פרייען! גנעדיקע הערן! — האָט הער שטשאַ־ניעצקי זיך אָנגערופן מיט אַ משונהדיקער שטים.

— יאָ, לאָמיר זיך פרייען! — האָט דער העטמאַן איבערגע־חזרט, נישט באַמערקנדיק דעם טאָן, מיט וועלכן שטשאַניעצקי האָט זיך אָנגערופן.

און אַ פרייד האָט געשלאָגן פון פירשטס געשטאַלט, דאָס פּנים זיינס איז אין איין רגע ווי ייִנגער געוואָרן און די אויגן האָבן באַקומען אַ גלאַנץ; מיט ציטערדיקע הענט פון גליק האָט

ער אויפגעריסן דעם זיגל פון לעצטן בריוו, האָט אַ קוק געטון, זיך צעשטראַלט אינגאַנצן ווי די זון און אויסגעשריגן:

— וואַרשע איז גענומען!... זאָל לעבן קאַרל גוסטאַוו!

דאָ ערשט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער רושם, וואָס יענע ידיעות האָבן געמאַכט אויף די בייגעזעסענע, איז לגמרי אַן אַנדערער פון דעם, וואָס ער אַליין האָט איבערגעלעבט, וואָרים אַלע זענען געזעסן שטילשווייגנדיק, קוקנדיק מיט אַן אומזיכערן בליק פאַר זיך. מאַנכע האָבן געקנייטשט די ברעמען, אַנדערע האָבן מיט די הענט דאָס פּנים פאַרשטעלט. אפילו דעם העטמאַנס הויף־לייט, אפילו די מענטשן מיט אַ שוואַכן גייסט האָבן נישט געהאַט די העזה זיך מיטצופרייען מיטן פירשט אויף דער ידיעה, אַז וואַרשע איז גענומען, אַז קראָקע מוז פאַלן און אַז איין וואָיעוואָדסטווע נאָך דער אַנדערער פאַרלאָזן דעם געזעצלעכן קעניג און געבן זיך אונטער דעם שׂונא. דערביי איז עפּעס אָפּשטויסנדיק־עקלדיק געווען די צופרידנהייט, מיט וועלכער דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון אַ העלפט פון דער רעפּובליקס חיילות און אייבער פון אירע העכסטע סענאַטאָרן האָט מיטגעטיילט וועגן אירע מפּלות. דער פירשט האָט פאַרשטאַנען, אַז מ׳דאַרף דעם רושם לינדערן.

— גנעדיקע הערן — האָט ער געזאָגט — איך וואָלט דער ערשטער געווייַנט צוזאַמען מיט אייך, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן שאָדן פון דער רעפּובליק, אָבער דאָ לייַדט די רעפּובליק נישט קיין שאָדן, זי בייט נאָר דעם קעניג. אַנשטאָט דעם שלימזלדיקן יאַן קאַזשימיעזש, וועט זי האָבן אַ מלחמה־העלד אַ גרויסן און אַ גליקלעכן. איך זע שוין אַלע מלחמות פאַרענדיקט און די שׂונאים צעקלאַפּט.

— דער גנעדיקער הער פירשט איז גערעכט! — האָט שטשאַניעצקי זיך אָנגערופן — אות־באות האָבן דאָס אייגענע געזאָגט ראַדזשעיאָווסקי און אָפּאַלינסקי בײַ אויישטשע... לאָמיר זיך פרייען, גנעדיקע הערן! אַ טויט יאַן קאַזשימיעזשן!...

בײַ דיזאַזיקע ווערטער האָט הער שטשאַניעצקי מיט אַ רעש

אַוועקגערוקט די שטול, אויפגעשטעלט זיך און אַרויסגעגאַנגען פון זאַל.

— די בעסטע ווײַנען, וואָס זענען נאָר פֿאַרהאַן אין די קעלערס! — האָט דער פירשט אויסגעשריגן.

דער מאַרשאַל איז געלאָפן אויספירן די באַפעלן. אין זאַל האָט געקאָכט, ווי אין אַ בינענשטאָק. ווען דער ערשטער רושם איז אַריבער, האָט די שליאַכטע גענומען שמועסן וועגן די ידיעות און דיסקוטירן, מ'האָט אויסגעפרעגט דעם הער סוכאַניעץ וועגן פרטים פון פּאָלעסיע און דער שכנותדיקער מאַזאָוויע, וועלכע די שוועדן האָבן שוין געהאַט פאַרנומען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען אַרײַנגעקאָליערט אין זאַל פּע-כיקע פּעסלעך און מ'האָט גענומען אַרויסקלאַפּן פון זיי די בעגל. די געמיטער זענען געוואָרן באַלעבט און ביסלעכווײַז וואָס אַמאָל מער אויפגערוימט.

וואָס אַמאָל אָפטער האָבן זיך געהערט די שטימען: „פאַרפאַלן! ניטאָ שוין קיין אַנדערע ברירה!“ — „אפשר וועט זײַן בעסער! מ'דאַרף שלום מאַכן מיטן גורל!“ — „דער פירשט וועט אונדז נישט לאָזן קיין עוולה טון!“ — „ס'איז אונדז ווײַלער ווי אַנדערע... זאָל לעבן יאַנוש ראַדזיוויל, אינדזער וואָיעוואָדע, העטמאַן און פירשט!“

— דער ליטווישער גרויס-פירשט! — האָט הער יוזשיץ ווידער געשריגן.

אָבער דאָס מאָל האָט אים שוין נישט אָפגעענטפערט אַ שטילשווײַגן און אויך נישט קיין געלעכטער, אדרבא, אַ פּאָר צענדליק הייזעריקע שטימען האָבן מיט איינמאָל אַ רעווע געטאָן.

— מיר ווינטשן דאָס! פון גאַנצן האַרצן ווינטשן מיר! זאָל ער אונדז לעבן! זאָל ער געוועלטיקן!

דער מאַגנאַט האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַ פּנים, רויט ווי פּורפּיר.

— איך דאַנק אײַך, הערן ברידער!... — האָט ער ערנסט געזאָגט.

אין זאַל איז פון די ליכט און מע נישלעכע אויסהיכונגען געוואָרן אַזוי הייס, ווי אין אַ באָד.

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט זיך דורך קמיטשיצן אַריבערגע־בויגן צום ראָסיענער שווערט־טרעגער.

— ס'איז מיר נישט גוט — האָט זי געזאָגט — לאָמיר פון דאַנען אַרויסגיין.

איר פנים איז טאַקע געווען בלאַס און אויפן שטערן האָבן געבלישטשעט טראָפנס שווייס.

אָבער דער ראָסיענער שווערט־טרעגער האָט געוואָרפן אַן אומרויקן בליק אויפן העטמאַן. אין דער מורא, צי ער וועט אים נישט נעמען פאַר אומגוט, אויב ער וועט פאַרלאָזן דעם טיש אויפן שלאַכט־פעלד איז דאָס געווען אַ מוטיקער זעלנער, אָבער פאַרן פירשט האָט ער מורא געהאַט אימת־המות

און ווי אַלס צולאָג צו די צרות, האָט דער העטמאַן אין דערזעלבער רגע אויסגערופן:

— אַ שונא איז מיר דער, וואָס וועט מיט מיר אַלע כוסות ביזן באָדעם נישט אויסטרינקען, ווייל איך בין היינט מלא־שמחה!

— האָסט געהערט? — האָט דער שווערט־טרעגער גע־פרעגט.

— פעטער, כ'קען נישט מער, ס'איז מיר נישט גוט! — האָט אָלענקאַ מיט אַ רחמים־בעטנדיקער שטים געזאָגט.

— אויב אַזוי, גיי אַוועק אַליין — האָט דער שווערט־טרעגער געענטפערט.

דאָס פריילין האָט זיך אויפגעשטעלט, באַמיענדיק זיך אַרויס־צוגנבענען זיך אַזוי, אַז קיינער זאָל זי נישט באַמערקן; אָבער עס האָבן איר כוחות אויסגעפעלט און זי האָט פון שוואַכקייט באַנאַנלען פון שטול זיך אָנגעכאַפט.

מיטאַמאָל האָט אַ שטאַרקע ריטערלעכע האַנט זי אַרומגענו־מען און אונטערגעהאַלטן שוין כמעט אַ פאַרחלשטע.

— איך וועל אייך אָפפירן! — האָט הער אַנדזשעי גע־זאָגט.

און נישט פרעגנדיק וועגן אַ דערלויבעניש, האָט ער אַרומגענומען איר טאַליע, ווי מיט אַן אייזערנער רייף, אָבער זי האָט אים וואָס אַמאָל מער אַראָפּגעשווערט און צום סוף, נאָך איידער זיי זענען צוגעקומען צו דער טיר, איז זי מאַכטלאָז געבליבן הענגען אויף זיין אָרעם.

דאַמאָלס האָט ער זי גענומען אויף די הענט אַזוי לייכט, ווי אַ קינד, און אַ־ויסגעטראָגן פון זאַל.

9. קאַפּיטל.

יענעם אָוונט באַך, נאָכן פאַרענדיקטן מאָלצייט, האָט הער אַדזשי דווקא געוואָלט זיך זען מיטן פּירשט, אָבער מ'האָט אים געענטפערט, אַז דער פּירשט איז פאַרנומען מיט אַ געהיימען געשפרעך מיטן הער סוכאַניעץ.

ער איז דעריבער געקומען צומאָרגנס אין דערפרי און איז תיכף צוגעלאָזט געוואָרן צום פּירשט.

— גנעדיקער הער פּירשט — האָט ער געזאָגט — כ'בין געקומען מיט אַ בקשה.

— וואָס ווילסטו, כ'זאָל פאַר דיר טון?

— כ'קען דאָ לענגער נישט לעבן. יעדער טאָג איז פאַר מיר אַ גרעסער אָפּקומעניש. איך האָב דאָ גאָרנישט וואָס צו טון אין קיידאַני. זאָל דער גנעדיקער הער פּירשט פאַר מיר אויסקלערן עפּעס אַ שליחות, זאָל ער מיך אַרויסשיקן, ווו ער וויל. כ'האָב געהערט, אַז די פּולקן זאָלן מאַרשירן אויף זאָלטאַרענקאָ; כ'וועל מיט זיי מיטגיין.

— זאָלטאַרענקאָ וואָלט גערן מיט אונדז זיך געשלאָגן,

אָבער קומען צו אונדז קען ער נישט, ווייל דאָ שטייען שוין די שוועדן, און מיר קענען אויך אויף אים נישט מאַרשירן אָן די שוועדן... גראַף מאַגנוס רוקט זיך זייער פּאַמעלעך פאָרויס און מען ווייסט פאַרוואָס! דערפאַר, וואָס ער טרויט מיר נישט. אָבער פאַרוואָס איז דיר אַזוי שלעכט אין קיידאַני בײַ אונדזער זייט.

— דער גנעדיקער הער פירשט טוט מיט מיר חסדים, און דאָך איז מיר אַזוי שלעכט. אַז איך קען דאָס אפילו מיט ווערטער נישט אַרויסזאָגן, דעם אמת געזאָגט, האָב איך געמיינט, אַז אַלץ וועט אַנדערש צוגיין... כ'האָב געמיינט, אַז מיר וועלן זיך שלאָגן, אַז מיר וועלן לעבן אין פייער און אין רויך, אויפן זאַטל טאָג און נאַכט. דערצו האָט מיך גאָט באַשאַפן. און דאָ זיץ, הער אויס שמועסן און וכּוחים, ווער פאַרפוילט פון ליידיק־גיין, אָדער יאָג זיך נאָך אייגענע, אָנשטאָט נאָכן שונא... איך קען נישט אויסהאַלטן, איך קען גאָר פשוט נישט... איך וויל הונדערט מאָל בעסער דעם טויט, ווי גאָט איז מיר ליב, אָן אמת אָפּקומעניש!

— כ'ווייס פונוואַנען דערדאָזיקער יאוש שטאַמט. ביסט פאַרליבט. דאָס איז אַלץ! אַז דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו זיך אויסלאַכן פון דידאָזיקע יסורים. כ'האָב נעכטן געזען, אַז איר זענט צווישן זיך ברוגז, דו און דאָס מיידל, און אַז דערדאָזיקע ברוגז ווערט וואָס אַמאָל גרעסער.

— זי גייט מיך גאָרנישט אָן, און איך זי אויך נישט. וואָס איז געווען, איז שוין אַריבער!

— און וואָס, זי איז נעכטן קראַנק געוואָרן?

— יאָ.

דער פירשט האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— כ'האָב דיר שוין אַמאָל געראָטן און ראָט דיר נאָך אַמאָל — האָט דער העטמאַן געזאָגט — אויב עס גייט דיר וועגן איר, נעם זי, צי זי וויל, צי זי וויל נישט. איך וועל אײַך הייסן געבן קידושין. ס וועט זײַן אַ ביסל געשרייען און יללות... עס שאַדט נישט! נאָך דער חתונה וועסטו זי נעמען אין דײַן קוואַרטיר

אריין... און אויב זי וועט נאָך צומאָרגנס ווייבען, איז אַ סימן, אַז דו ביסט אַ לא־יצלח!

— איך בעט דעם גנעדיקן הער פירשט וועגן עפּעס אַ מיליטערישער שליחות, און נישט וועגן אַ חתונה! — האָט קמי־טשיק האַרט געענטפערט.

— ווילסטו, הייסט עס, זי נישט?

— כ'וויל נישט. נישט איך זי, נישט זי מיך! ווען אפילו די נשמה זאָל אין מיר צעריסן ווערן, וועל איך זי וועגן קיין שום זאַך נישט בעטן. כ'וואָלט נאָר וועלן זיין וואָס ווייטער, כדי כ'זאָל וועגן אַלץ פאַרגעסן, כל־זמן איך וועל נישט פון זינען אַראָפּ. דאָ איז נישטאָ וואָס צו טון, און דאָס ליידיק־גיין איז ערגער פון אַלץ, ווייל דאָס עגמת־נפש פאַרצערט דעם מענטש ווי אַ קרענק. זאָל דער גנעדיקער הער פירשט זיך דערמאָנען, ווי ס'איז אים נאָך נעכטן ענג געווען, ביז די גוטע בשורות זענען נישט אָנגעקומען... אַזוי איז מיר היינט און אַזוי וועט מיר ווייטער זיין. וואָס זאָל איך טון? פאַרן קאָפּ זיך אָנכאַפּן, כדי די ביטערע געדאַנקען זאָלן נישט אַ תל מאַכן פון אים, און זיצן? וואָס וועל איך דאָ אויסזיצן? גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ צייטן דאָס זענען, גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ מלחמה דאָס איז! אַ מלחמה, וואָס איך קען זי נישט פאַרשטיין און מיטן מוח נישט באַנעמען... פון וואָס עס ווערט נאָך ערגער. ווי גאָט איז מיר ליב, אויב דער גנעדיקער הער פירשט וועט מיר נישט געבן וואָס צו טון, וועל איך אוודאי אַנטלויפן, אַ באַנדע צונויפקלויבן און שלאָגן...

— וועמען? — האָט דער פירשט געפרעגט.

— וועמען? כ'וועל גיין קיין ווילנע און דעם שונא אין רוקן באַפאַלן, ווי כ'בין כאָוואַנסקין באַפאַלן. זאָל דער גנעדיקער הער פירשט לאָזן מיין פולק מיט מיר מיטגיין, וועט זיך די מלחמה אָנהייבן!

— דיין פולק איז מיר דאָ נייטיק קעגן דעם אינערלעכן שונא.

— דאָס איז דאָך טאַקע דער צער און דער ווייטיק, וואָס

מען מוז זיצן אין קיידאַני מיט פאַרלייגטע הענט, אָדער זיך יאָגן נאָך אַ וואָלאָדיאָווסקין, וועלכן עס וואָלט זיך בעסער געוועלן האָבן פאַר אַ חבר לעבן זיך!

— איך האָב פאַר דיר אַ שליחות — האָט דער פירשט געזאָגט — קיין ווילנע וועל איך דיך נישט לאָזן און קיין פולק וועל איך דיר אויך נישט געבן. אין אויב דו וועסט אָקעגן מיין ווילן אַ באַנדע צונויפקלייבן און אָוועקפאָרן, זאָלסטו וויסן, אַז דו וועסט דערמיט אויפהערן מיר צו דינען.

— וועל איך אָבער דעם פאָטערלאַנד דינען!

— דעם פאָטערלאַנד דינט דער, וואָס דינט מיר. איך האָב דיר שוין דאָס דערוויזן. דערמאָן זיך אויך, אַז דו האָסט מיר צוגעשווירן. צום סוף, אויב דו וועסט אויף אייגענער אחריות אַרויסגיין, וועסטו אינאיינעם דערמיט אויך אַרויסגיין פון אונטער מיין אינקוויזיציע, און דאָרט וואַרטן אויף דיר געריכטן מיט אורטיילן... פאַר דיין אייגענער טובה־וועגן דאַרפסטו דאָס נישט טון.

— ווער פרעגט איצט נאָך געריכטן!

— היינטער קאָוונע קיינער נישט, אָבער דאָ, ווו דאָס לאַנד איז נאָך רויק, האָבן זיי ביז איצט נישט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. דו קענסט אמת זיך נישט צושטעלן, אָבער די אורטיילן וועלן אַרויסגעטראָגן ווערן און וועלן אויף דיר חל זיין ביז צו די רויקערע צייטן. ווער עס ווערט איינמאָל פאַרמשפט, דעם וועט דער פסק־דין אויך אין צען יאָר אַרום נישט מיידן, און די לאַודער שליאַכטע וועט שוין זעפּהיטן, אַז ער זאָל דיך נישט מיידן.

— דעם אמת געזאָגט, גנעדיקער הער פירשט, אויב עס וועט קומען דערצו, בין איך גרייט אָפּצוקומען פאַר מיינע זינד. אַמאָל בין איך גרייט געווען צו פירן אַ מלחמה מיט דער גאַנצער רעפּובליק און פון די אורטיילן צו מאַכן זיך אַזוי פיל, וויפיל דער פאַרשטאָרבענער הער לאַשטש, וועלכער האָט זיך מיט זיי געהייסן דעם אויבער־ראָק אונטערנייען... אָבער איצט איז מיר אַ געשוויר אויפן געוויסן אַרויסגעוואַקסן. דער מענטש האָט מורא צו

פֿאַרקריכן טיפֿער, ווי ער וואָלט וועלן, און אַן אומרויִקייט נאָגט כּסדר זיין נשמה.

— אַזאַ צדיק ביסטו? אָבער גענוג וועגן דעם! כ'האָב דיר געזאָגט, אַז אויב דו ווילסט פֿון דאַנען אַוועקפֿאָרן, האָב איך פֿאַר דיר אַ שליחות און זייער אַ וויכטיקע. גאַנצהאָף קריכט מיר צו־ליב איר אין די אויגן אַריין און בעט זיך בײַ מיר יעדן טאָג. כ'האָב שוין בדעה געהאַט זי אים איבערצוגעבן... אָבער דאָס קען נישט זיין, ווייל איך דאַרף דערצו האָבן אַ מענטש אַ חשוב און נישט אַבי וועמען, און נישט מיט אַ פֿרעמדן, נאָר מיט אַ פּוי־לישן נאָמען, וואָס דאָס אַליין וואָלט עדות געזאָגט, אַז נישט אַלע האָבן מיך פֿאַרלאָזט און אַז עס זענען נאָך פֿאַראַן בירגער תּקיפֿים, וואָס האַלטן מיט מיר... דו ביסט גראָד גוט דערצו, בפֿרט, אַז דו ביסט אַ מענטש מיט מוט און ווילסט בעסער, אַז מען זאָל זיך פֿאַר דיר בייגן, איידער דו זאָלסט זיך אַליין בייגן.

— וועגן וואָס האַנדלט עס זיך, — גנבֿדיקער, האָט פֿרעגט... — וואָס?

— מען דאַרף זיך לאָזן אין אַ ווייטן וועג אַריין...

— נאָך היינט בין איך גרייט!

— און אויף אייגענע הוצאות, ווייל בײַ מיר איז מיט געלט זייער שמאָל. אַ טייל פֿון מיינע גיטער האָט דער שונא פֿאַרנומען, אַ טייל מאַכן די אייגענע חרוב, די איבעריקע הכנסות קומען נישט אָן צו דער צייט; און דאָס גאַנצע חיל, וואָס איז בײַ מיר, ווערט איצט אויסגעהאַלטן אויף מיין חשבון. דער העער שאַצמייס־טער, וועלכער זיצט בײַ מיר פֿאַרשפּאַרט, וועט מיר אוודאי קיין גראָשן נישט געבן, איינמאָל דערפֿאַר, ווייל ער וועט נישט וועלן, און צווייטנס, ווייל ער האָט אַליין נישט. וויפֿיל עס איז פֿאַראַן עפּנטלעכע געלטער, נעם איך, נישט אָנפֿרעגנדיק ביי קיינעם; אָבער וויפֿיל איז דען פֿאַראַן? פֿון די שוועדן ווידער ווערסטו אַליין גיכער באַקומען, איידער געלט, ווייל בײַ זיי אַליין ציטערן די הענט, אַז זיי דערזעען אַ מזומנע מטבע.

— גנבֿדיקער האָט פֿירשט, ס'איז נישט כּדאַי וועגן דעם אַזוי פֿיל צו רעדן! אויב כ'זאָל פֿאָרן איז אויף אייגענע הוצאות.

— אָבער דאָרט דאַרף מען מיט אַ ברייטער האַנט אויפטרעטן, גאָרנישט קאַרגן!

— איך וויל גאָרנישט קאַרגן!

דעם העטמאַנס פּנים האָט אויפגעשיינט, ווייל ער האָט באמת נישט געהאַט קיין מזומנים, הגם ער האָט ערשט נישט לאַנג ווילנע צעראַבירט, און דערביי איז ער בטבע געווען אַ קמצן, אמת איז געווען אויך דאָס, אַז די הכנסות פון זיינע גיטער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון ליפלאַנד ביז נאָך קיעוו און פון סמאָלענסק ביז נאָך מאַזאָוויע האָבן באמת אויפגעהערט אַריינצופליסן, און די הוצאות אויפן מיליטער זענען געוואַקסן מיט יעדן טאָג.

— דאָס געפעלט מיר! — האָט ער געזאָגט — גאַנצהאָף וואָלט מיר באַלד גענומען די טאַשן אָפּרייסן, און דו ביסט אַן אַנדערער מענטש. הער־זשע, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— איך הער גוט.

— צוערשט וועסטו פאָרן קיין פּאָלעסיע. דאָס איז אַ סכנה דיקער וועג, ווייל דאָרט זענען פאַרהאַן די קאָנפעדעראַטן, וואָס טרעטן אַרויס קעגן מיר. ווי אַזוי דו וועסט זיך פון זיי אַרויסדרייען, דאָס איז דיין זאַך. יענער יאַקוב קמיטשיץ וואָלט דיך אפשר פאַרשוינט, אָבער היט זיך פאַר האָטקעוויטשן, זשעראָמסקין, און באַזונדערס פאַר וואָלאָדיאָווסקין מיט זיין לאַודער קאָמפּאַניע.

— איך בין שוין געווען אין זייערע הענט און ס'איז מיר גאָרנישט געשען.

— איז גוט. וועסט אָפּטרעטן אין זאַבלודאָוו, וווּ עס זיצט האַראַסימאָוויטש. וועסט אים הייסן, אַז וויפיל עס וועט זיך נאָר לאָזן, זאָל ער איינמאָנען געלט פון די גיטער, פון די עפנטלעכע אָפּגאָבן און פון וואַנען מ'קען נאָר און מיר אָפּשיקן, אָבער נישט דאָ אַהער, נאָר קיין טילצאַ, וווּ עס געפינען זיך שוין מיינע זאַכן. וואָס ער וועט קענען פאַרמשכונען פון די גיטער אָדער איבערוועטאַרן, זאָל ער פאַרמשכונען; וואָס מען וועט קענען נעמען פון די יידן, זאָל ער נעמען... צווייטנס זאָל ער וועגן די קאָנפעדעראַטן טראַכטן, אַז מען זאָל פון זיי ווי עס איז פטור ווערן.

אָבער דאָס איז שוין נישט דיין עסק, איך וועל אים געבן אַן אייגנהאַנטיקע אינסטרוקציע. דו וועסט אים דעם בריוו אָפּגעבן און באַלד זיך לאָזן קיין טיקאָטשין, צום פירשט באָגוסלאַוו.

דאָ האָט דער העטמאַן מפסיק געווען און גענומען הויך אָטעמען, ווייל דאָס לאַנגע רעדן האָט אים שטאַרק פאַרמאַטערט. קמיטשיץ האָט זיך אין אים גיריק איינגעקוקט, ווייל די נשמה האָט זיך אים געריסן צום אַוועקפאָרן און ער האָט געשפּירט, אַז דידאָזיקע נסיעה, אויף וועלכער ער האָט זיך געריכט, אַז זי וועט זיין רייך אין פאַרלויפעניש, וועט זיין אַ באַלזאַם אויף זיינע האַרץ־קלעמעניש.

דער העטמאַן האָט אין אַ ווײַלע אַרום גענומען ווייטער רעדן:

— איך כאַפּ זיך פאַרן קאָפּ אָן, פאַרוואָס דער פירשט באָגוסלאַוו זיצט נאָך אין פּאָלעסיע?... באַ גאָט! ער קען אומברענגען מיך און זיך. הער זיך איין מיט קאָפּ אין דעם, וואָס איך זאָג, ווייל הגם דו וועסט אים אָפּגעבן מיינע בריוו, איז ביי־טיק, אַז דו זאָלסט מיט אַ לעבעדיקן וואָרט זיי קענען אונטערשטיצן און מסביר זיין אַלץ, וואָס לאָזט זיך נישט אָנשרייבן. וויסן זאָלסטו, אַז די נעכטיקע ידיעות זענען געווען גוטע, אָבער נישט אַזוי גוט, ווי איך האָב די שליאַכטע געזאָגט, און אפילו נישט אַזוי גוט, ווי איך האָב לכתחילה אַליין געמיינט. די שוועדן האָבן טאַקע די אויבערהאַנט: זיי האָבן פאַרנומען גרויס־פּוילן, מאַזאָוויע, וואַרשע, די שעראַדזער וואָיעוואָדסטוואָ האָט זיך זיי אונטערגעגעבן, זיי יאָגן נאָך יאַן קאַזשימיעזש צו קראָקע צו און זיי וועלן קראָקע באַלאַגערן, ווי אַ גאָט איז אין הימל. טשאַרניעצקי זאָל זי פאַרטיידיקן, יענער פּריץ־געבאַקענער סענאַטאָר, אָבער, כ'מוז מודה זיין, ער איז אַ גוטער זעלנער. ווער קען פאָרויסזען, מיט וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן?... די שוועדן קענען אמת איינעמען פעסטונגען, און עס איז אפילו נישט געווען קיין צייט קראָקע צו באַפעסטיקן. אָבער דאָסדאָזיקע פעסטונגל קען זיך האַלטן אַ חודש, צוויי, דריי. עס טרעפן פון צייט־צו־צייט אַזעלכע נסים,

זוי די באַ זבאַראַזש, וואָס ליגן אונדז נאָך אַלע אין זכרון... און אָט, אויב עס וועט זיך האַרטנעקיק האַלטן, קען דער טייוול אַלץ איבערקערן קאַפּויר. לערן דיך אויס די סודות פון דער פּאָליטיק. דאַרפסט קודם־כל וויסן, אַז אין ווין וועט מען נישט גערן קוקן אויף אַ וואַקסנדיקע מאַכט פון די שוועדן און זיי קענען געבן הילף... די טאָטערס, כ׳ווייס דאָס גוט, זענען אויך נוטה צו העלפן יאַן קאַזשימיעזשן, אויף די קאָזאַקן און אויף מאָסקווע מאַרשירן זיי אין גרויסע מאַסן, און דאַמאָלס וועלן די אוקראַיִנישע חיילות אונטער פּאָ־אָצקיס קאָמאַנדע קומען צו הילף... הייַנט איז יאַן קאַזשימיעזש אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע, מאָרגן קען אָבער זיין מזל איבערוועגן...

דאָ האָט דער פירשט ווידער געמוזט לאָזן אָפּרוען זיין פאַרמאַטערטער ברוסט, און הער אַנדזשעין האָט באַוועלטיקט אַ משונהדיק געפיל, פון וועלכן ער האָט זיך לעת־עתה אַליין קיין דין־וחשבון נישט געקענט אָפּגעבן. אָט האָט אים, אַן אָנהענגער פון ראַדזיווילן און פון די שוועדן, פאַרשאַפט אַ גרויסן נחת־רוח דער געדאַנק, אַז דאָס מזל קען זיך פון די שוועדן צופּקערן.

— סוכאַניעץ האָט מיר דערציילט — האָט דער פירשט געזאָגט — ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען באַ ווידאַוואַ און זשאַרנאָוו. אין ערשטן באַגעגעניש האָבן די פּאָדערשטע וואַכן אונדזערע... כ׳האָב געוואָלט זאָגן: די פּוילישע, צעריבן די שוועדן אויף שטויב. דאָס איז נישט קיין לאַנד־שטורם... און אַ סברה, אַז די שוועדן האָבן פאַרלוירן דעם גאַנצן מוט.

— אָבער דאָ און דאָרט איז דאָך דער נצחון פאָרט געווען אויף זייער זייט?

— אויף זייער זייט, ווייל יאַן קאַזשימיעזשן האָבן זיך די פּולקן צעבונטעוועט, און די שליאַכטע האָט דערקלערט, אַז זי וועט שטיין אין די רייען, אָבער שלאָגן וויל זי זיך נישט. יעדנפאַלס האָט זי זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויפן גרייען פעלד זענען די שוועדן נישט קיין גרעסערע בריות פון די גרענעץ־חיילות. זאָל זיך נאָר טרעפן איין נצחון און אַ צווייטער, קען דער גייסט זיך בייטן. זאָל נאָר קאַזשימיעזש באַקומען געלט, אַז ער זאָל קע-

בען די שכירות באַצאָלן, וועט מען זיך אויך נישט בונטעווען. פּאָטאָצקי האָט נישט קיין סך מענטשן, אָבער דאָס זענען שטאַרק אויסגעבילדעטע פּולקן און זיי בייסן ווי די בינען. די טאָטערן וועלן מיט אים מיטקומען, און צו די צרות טראַכט דער קורפירשט גאָרנישט אונדז צו העלפן.

— ס'טייטש?

— איך און באָגוסלאַוו האָבן מיר גערעכנט, אַז ער וועט באַלד מיט די שוועדן און מיט אונדז שליסן אַ בונד, ווייל מיר ווייסן דאָך, וואָס פאַר אַ ממשות עס האָבן זיינע געפילן פאַר דער רעפּובליק... אָבער ער איז צו פאָרזיכטיק און טראַכט נאָר וועגן זיין אייגענער טובה. ער וואַרט אפנים אָפּ וואָס עס וועט געשען, און דערווייל שליסט ער אַ בונד, אָבער מיט די פּרייסישע שטעט, וואָס שטייען געטריי אויף יאַן קאַזימיעזשס צד. כ'מיין, אַז עס שטעקט אין דעם עפּעס אַ בגידה, סיידן דער קורפירשט זאָל נישט ווייסן וואָס ער טוט, אָדער גאָר ער איז מסופּק אין דער הצלחה פון די שוועדן. אָבער ביז דאָס וועט קלאָר ווערן, איז דערווייל פאַרהאַן אַ בונד קעגן די שוועדן און זאָל זיך זיי נאָר אין קליינ־פּוילן אַ פוס אויסגליטשן, וועלן באַלד גרויספּוילן און מאַזורן זיך צעבונטעווען, די פּרייסן וועלן גיין מיט זיי און עס קען פּאַסירן...

דאָ האָט דער פירשט אויפגעשוידערט, ווי ער וואָלט געוואָרן איבערגעשראָקן פון דער השערה.

— וואָס קען פּאַסירן? — האָט קמיטשיץ געפרעגט.

— אַז קיין איין שוועדישער פוס וועט פון דער רעפּובליק בשלום נישט אַרויסקומען! — האָט דער פירשט טריב געענטפערט.

קמיטשיץ האָט געקנייטשט די ברעמען און געשוויגן.

— דאַמאָלס — האָט דער העטמאַן ווייטער געזאָגט מיט אַ בידעריקן קול — וואָלט אויך אונדזער מזל געפאַלן אַזוי בידע־ריק, ווי עס איז פריִער געווען הויך...

הער אַנדזשעי האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט מיט פינקל־דיקע אויגן, מיט אַ פאַרוויטלטן פנים און אויסגעשריגן:

— גנעדיקער הער פירשט! וואָס איז דאָס?... פאַרוואָס האָט מיר עפּעס דער גנעדיקער הער פירשט ערשט נישט לאַנג געזאָגט, אַז די רעפּובליק איז פאַרלוירן און אַז נאָר בשותפות מיט די שוועדן, דורך אייער פּערזאָן און להבאדיקער הערשאַפט, קען מען זי מציל זיין?... וואָס זאָל איך גלייבן? צי דאָס, וואָס איך האָב דאַמאָלס געהערט, אָדער דאָס, וואָס איך הער איצט? און אויב עס איז אַזוי, ווי דער גנעדיקער הער פירשט זאָגט איצט, טאָ פאַרוואָס האַלטן מיר מיט די שוועדן, אַנשטאָט זיי צו שלאָגן?.. עס רייסט זיך דאָך די נשמה דערצו!

ראַדזיוויל האָט שאַרף זיך איינגעקוקט אין יונגנמאַן.

— ביזט אַן עזות-פּנים! — האָט ער געזאָגט.

אָבער קמיטשיץ האָט זיך שוין געלאָזט מיטרייסן פון זיין עזותדיקייט און נישט געוווסט פון קיין אָפּהאַלט.

— דערנאָך וועלן מיר רעדן וועגן דעם, וואָס איך בין! איצט גיט מיר, גנעדיקער הער פירשט, אַ תשובה דערויף, וואָס איך פרעג.

— איך וועל דיר געבן אַזאַ תשובה: — האָט דער פירשט געלאַסן געענטפערט — אויב די זאַכן וועלן אָננעמען אַזאַ ווענדונג, ווי איך זאָג, וועלן מיר דאַמאָלס נעמען די שוועדן שלאָגן.

הער אַנדזשעי האָט אויפגעהערט צו שנאָרכן מיט די נאָזלעכער, דערפאַר האָט ער זיך אַ זעץ-געטון מיט דער האַנט אין שטערן און אויסגעשריגן:

— כ'בין אַ שוטה! אַ שוטה!

— איך לייקן דאָס נישט אָפּ — האָט דער פירשט געזאָגט — און וועל צוגעבן, אַז דו כאַפּסט אַריבער די מאָס אין עזותדיקייט. זאָלסט וויסן זיין, אַז איך שיק דיך אַרויס צוליב דעם, אַז דו זאָלסט זיך אַרומזען, ווי דער גורל וועט זיך אויסשפּילן. איך בין אויסן די טובה פון פאָטערלאַנד, מער גאָרנישט. דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, זענען נאָר סברות, וועלכע קענען נישט מקוים ווערן. און וועלן אוודאי נישט מקוים ווערן. אָבער פאָרזיכטיק דאַרף מען זיין. ווער עס וויל, אַז דער שטראָם זאָל אים נישט מיטרייסן, מוז קענען שווימען, און ווער עס גייט דורך אַ וואַלד, אין וועלכן עס

זעגען קיין וועגן נישטאָ, דער מוז אָפּט זיך אָפּשטעלן און מיישב זיין זיך, אין וועלכע זייט ער זאָל גיין... פאַרשטייסט?

— אַזוי קלאָר, ווי די זון.

— צוריקציִען זיך מעג מען און מען דאַרף, אויב עס וועט פאַרן פאָטערלאַנד אַזוי בעסער זיין, אָבער מיר וועלן נישט קענען, אויב דער פירשט באָגוסלאַוו וועט לענגער זיצן אין פּאָלעסיע. ער האָט אַפּנים דעם קאָפּ פאַרלוירן, אָדער וואָס? זיצנדיק דאָרט, מוז ער אויסקלייבן איינעם פון די צוויי צדדים: אָדער די שוועדן אָדער יאַן קאַזשימיעזשן, און דאָס וואָלט גראָד געווען דאָס ערגסטע.

— כ׳בין אַ שוטה, גנעדיקער הער פירשט, ווייל כ׳פאַרשטיי ווידער נישט!

— פּאָלעסיע איז באַנט פון מאַזאָוויע, און אָדער די שוועדן וועלן זי פאַרנעמען, אָדער עס וועלן פון די פּרייסישע שטעט קומען פאַרשטאַרקונגען קעגן די שוועדן. דאַמאָלס וועט מען דאַרפן אויסקלייבן.

— אָבער פאַרוואָס זאָל טאַקע דער פירשט באָגוסלאַוו נישט אויסקלייבן?

— ווייל כּל־זמן ער וועט נישט אויסקלייבן, וועלן די שוועדן זיך אויף אונדז מער אומקוקן און זיך מוזן פאַר אונדז אָננעמען, דאָס אייגענע איז אויך מיטן קורפירשט. און אויב עס וועט אויסקומען זיך צוריקצוציִען און קענען די שוועדן זיך אַ קער צו טון, דאַמאָלס וועט ער דאַרפן זיין דאָס ריגעלע צווישן מיר און יאַן קאַזשימיעזשן... ער וועט מיר דאַרפן פאַרלייכטערן דעם צוריקקער, וואָס ער וואָלט נישט געקענט טון, ווען ער וואָלט לכתחילה זיך געשטעלט אויפן צד פון די שוועדן. היות אָבער ווי אין פּאָלעסיע וועט ער בקרוב מוזן אויסקלייבן איינעם פון די צדדים, זאָל ער דעריבער פאָרן קיין פּרייסן, קיין טילזאַ און דאָרט צופּוואַרטן, וואָס עס וועט זיין. דער קורפירשט זיצט אין דער מאַרקגראַפשאַפט, באָגוסלאַוו וועט דעריבער האָבן די גרעסטע חשיבות אין פּרייסן און איינגאַנצן קענען נעמען די פּרייסן אין די הענט אַריין און דאָס חייל פאַרמערן און בראש פון אַ גרעסערער מאַכט

זיך שטעלן... און דאַמאָלס וועלן סיי די, סיי יענע געבן, וואָס מיר ווילן, אַבי נאָר אונדז ביידן האָבן באַ זיך און אונדזער הויז וועט נישט בלויז נישט פאַלן, נאָר עס וועט נאָך דערהויבן ווערן, און דאָס איז דער עיקר.

— דער גנעדיקער הער פירשט האָט געזאָגט, אַז דער עיקר איז די טובה פון פאָטערלאַנד?

— כאַפּ-זשע מיך נישט באַ יעדן וואָרט, בפרט אַז איך האָב דיר לכתחילה געזאָגט, אַז דאָס איז אַלץ איינס, און הער אויס ווייטער. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דער פירשט באָגוסלאַוו, הגם ער האָט אונטערגעשריבן דעם אַקט פון דער פאַראייניקונג מיט שוועדן דאָ אין קיידאַני, גילט ער פונדעסטוועגן נישט פאַר זייער אָנהענגער. זאָל ער טאַקע אַרויסלאָזן אַ ידיעה, אַז ער לאָזט זיי אויך אַרויס אויפן וועג, אַז איך האָב אים געצוווּנגען אונטערצושרייבן קעגן זיין רצון. די מענטשן וועלן אין דעם לייכט גלויבן, ווייל נישט איינמאָל טרעפט, אַז אפילו לייבלעכע ברידער געהערן צו פאַרשידענע פאַרטייען. און אָט אויף אַזאַ אויפן וועט ער קענען געווינען דעם צוטרוי פון די קאָנפעדעראַטן, פאַרבעטן די אָנפירער צו זיך, כלומרשט אויף אונטערהאַנדלונגען, און דערנאָך זיי כאַפּן און אַרויספירן קיין פרייסן. דאָס וועט זיין אַ כשר מיטל און פאַרן פאָטערלאַנד אַן אויפריכטעניש, ווייל אַנישט וועלן עס דידאָזיקע מענטשן אינגאַנצן חרוב מאַכן.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב צו טון? — האָט קמיטשיץ מיט אַ געוויסער אַנטוישונג געפרעגט.

— דאָס איז קוים אַ טייל און נישט דער וויכטיקסטער. פון פירשט באָגוסלאַוו וועסטו מיט מיינע בריוו פאָרן צו קאַרל גוסטאַוו אַליין. איך קען דאָ מיטן גראַף מאַגנוס צו קיין טאָלק נישט קומען זייט יענער קלאַוואַנער שלאַכט. ער קוקט כסדר אויף מיר קרום און הערט נישט אויף חושד צו זיין, אַז קוים וועט זיך די שוועדן אַ פּוס אויסגליטשן, קוים וועלן די טאַטערס זיך אַ וואָרף-טון אויפן דאָזיקן צווייטן שונא, וועל איך אויך זיך קעגן די שוועדן אַ קער-טון.

— דרינגענדיק פון דעם, וואָס דער גנעדיקער הער פירשט האָט פריער געזאָגט, איז זיין חשד אַ גערעכטער.

— אַ גערעכטער, אָדער אַן אומגערעכטער, איך וויל נישט, אַז עס זאָל אַזוי זיין און אַז ער זאָל מיר אַריינקוקן, וואָסערע טרומפן איך האָב אין דער האַנט. אַגב, איז ער אויך מיר פאַר־זענלעך נישט קיין גוטער פריינט. מסתמא האָט ער שוין נישט איינמאָל אויף מיר מוציא-שם-רע געווען פאַרן קעניג. און איינס פון די ביידע האָט ער זיכער צום קעניג געשריבן: אָדער, אַז כ'בין שוואַך, אָדער, אַז כ'בין אומזיכער. מ'דאַרף דאָס פאַרהיטן. דו וועסט מיינע בריוו אָפּגעבן דעם קעניג: אויב ער וועט דיך אויספרעגן וועגן דער קאַלוואַנער שלאַכט, זאָלסטו זאָגן דעם אמת, גאָרנישט צו געבן, גאָרנישט מינערן. קענסט זיך פאַר אים מודה זיין, אַז כ'האָב דידאָזיקע מענטשן צום טויט פאַרמשפּט, און דו האָסט פאַר זיי אויסגעפועלט אַ באַגנעדיקונג. עס וועט דיר דערפאַר גאָרנישט געשען, אדרבא, די אָפנהאַרציקייט וועט אים אפשר געפעלן. אויפן גראַף מאַגנוס זאָלסטו זיך פאַרן קעניג נישט באַקלאָגן, ווייל דאָס איז דאָך זיין שוואָגער... אָבער אַז דער קעניג וועט דיך גלאַט אַזוי, דרך־אגב פרעגן, וואָס די מענטשן טראַכטן דאָ, זאָלסטו אים זאָגן, אַז זיי באַדויערן, וואָס דער גראַף מאַגנוס קען זיך נישט גענוג אויף דעם העטמאַנס אויפריכטיקע פריינטשאַפט פאַר די שוועדן; אַז דער פירשט אַליין (דאָס הייסט איך) האָב דערפון גרויס עגמת-נפש. אויב ער וועט ווייטער פרעגן, צי ס'איז אמת, אַז דאָס גאַנצע מלוכה-מיליטער האָט מיך פאַרלאָזט, זאָלסטו זאָגן, אַז ס'איז נישט אמת און פאַר אַ ראיה זאָלסטו ברענגען זיך. גיב דיך אָן פאַר אַ פּולקאָווניק, ווייל דו ביסט עס... זאָג, אַז הער גאָשיעווסקיס פאַרטיזאַנטן האָבן אויפגעהעצט דאָס מיליטער צו אַ מרידה, גיב אָבער צו, אַז מיר זענען זיך דם שונאים. זאָג, אַז ווען גראַף מאַגנוס וואָלט מיר צוגעשיקט אַ ביסל האַרמאַטן און רייטער, וואָלט איך שוין לאַנג געווען דערשטיקט דידאָזיקע קאָנפעדעראַטן... אַז דאָס איז אַלעמענס מיינונג. אַ חוץ דעם גיב אויף אַלעם אַכטונג, האָרך זיך איין, וואָס מען רעדט דאָרט אין דער נאָענטער סביבה פון קעניג און זיי מודיע, נישט מיר, נאָר

אויב עס וועט זיך מאַכן אַ שעת־הכּושר, דעם פּירשט באָגוסלאַוו קיין פּרייסן. דו קענסט עס אויך באַזאָרגן דורך דעם קורפּירשטס מענטשן, אויב דו וועסט זיך מיט זיי טרעפן. דו קענסט, דאַכט זיך, דייטש?

— כ׳האָב געהאַט אַ חבר, אַ קורלענדישן שליאַכטשיץ, אַ געוויסן זענד, וועלכן די לאַודער מענטשן האָבן מיר אומגעבראַכט. פון אים האָב איך זיך ניט שלעכט דייטש אויסגעלערנט. אין ליפלאַנד פלעג איך אויך אָפט זיין...

— איז גוט.

— און ווו, גנעדיקער הער פּירשט, וועל איך געפינען דעם שוועדישן קעניג?

— וועסט אים געפינען דאָרט, ווו ער וועט זיין. אין מלחמה־צייט קען ער זיין היינט דאָ, מאָרגן דאָרט. אויב דו וועסט אים טרעפן בײַ קראָקע, איז אודאי גוט, ווייל דו וועסט מיטנעמען בריוו אויך צו אַנדערע פּערזאָנען, וואָס רעזידירן אין יענע מקומות.

— וועל איך נאָך צו אַנדערע פאָרן?

— יאָ. דו מוזסט אָנשפּאַרן צום הער קרוין־מאַרשאַל לובאָמירסקי, וועגן וועלכן עס גייט מיר זייער שטאַרק, אַז ער זאָל צוטרעטן צו אונדזערע פּלענער. דאָס איז אַ מעכטיקער מענטש און אין קליינפּוילן האָט ער אַ גרויסע השפּעה. ווען ער וואָלט אויך אַן אמת זיך וועלן שטעלן אויפן צד פון די שוועדן, וואָלט יאַן קאַזשימיעזש שוין ניט געהאַט וואָס צו טאָן אין דער רעפּובליק. פאַרן שוועדישן קעניג זאָלסטו ניט פאַרהוילן, אַז דו פאָרסט פון מיר צו אים כּדי אים פאַר די שוועדן צו געווינען... באַרים זיך ניט דערמיט, אָבער דו זאָלסט זיך כּלומרשט אין איילעניש פאַררעדן. דאָס וועט אים שטאַרק צו מיר צובינדן. הלוואי, העֶר לובאָמירסקי זאָל וועלן צו אונדז צושטיין. ער וועט זיך קווענקלען, כ׳ווייס עס; אָבער כ׳האָף, אַז מיינע בריוו וועלן די וואָגשאָל איבערוועגן, ווייל ס׳איז פאַראַן אַ טעם, צוליב וועלכן ער מוז שטאַרק וועגן מיין פריינטשאַפט זאָרגן. כ׳וועל דיר זאָגן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, כּדי דו זאָלסט וויסן, ווי זיך דאָרט נוהג צו זיין.

שוין לאַנג ווי דער הער מאַרשאַל האָט פון דע־ווייטנס באַ מיר
געטאַפּט דעם דפק און געוואָלט דערגיין, צי כ׳וואָלט מיין בת
יחידה פאַר זיין זון הערצאָקליוּשן נישט געוואָלט פאַרקנסן. דאָס
זענען נאָך קינדער, אָבער מען וואָלט געקענט אַן אָפּמאַך שליסן,
און דער הער מאַרשאַל איז אין אים שטאַרק פאַראינטערעסירט,
מער ווי איך, ווייל נאָך אַזאַ רייכע יורשטע איז אין דער רעפּוּב־
ליק נישטאָ, און ווען די צוויי פאַרמעגנס וואָלטן זיך פאַראייניקט,
וואָלט אין דער גאַנצער וועלט נישט געווען אירס גלייכן... דאָס
איז אַ פעטער ביסן! היינט ערשט, ווען דער הער מאַרשאַלעק זאָל
נאָך האָבן די האָפענונג, אַז אויך די גרויס־פירשטישע קרוין וועט
זיין זון קענען באַקומען אין נדן מיט מיין טאָכטער... דידאָזיקע
האָפענונג זאָלסטו אין אים וועקן, און ס׳וועט אים פאַרשמעקן, ווי
אַ גאָט איז אין הימל, ווייל זיין אייגן הויז ליגט אים מער אין
זינען, ווי די רעפּובליק...

— און וואָס זאָל איך אים זאָגן?

— דאָס, וואָס איך וועל נישט קענען אָנשרייבן... אָבער
מען דאַרף דאָס קונציק איינטעררוקן. זאָל דיך גאָט אָפּהיטן, אַז
דו זאָלסט דיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט וועגן דעם, אַז דו האָסט
פון מיר געהערט, אַז איך באַגער די קרוין. ס׳איז נאָך צופרי צו
רעדן וועגן דעם... אָבער זאָג, אַז די גאַנצע שליאַכטע אין זשאַ־
מעט און אין ליטע רעדט דאָ וועגן דעם און זעט דאָס גערן; אַז
די שוועדן אַליין דערמאָנען הויך וועגן דעם; אַז דו האָסט עס
אויך באַם קעניג געהערט... וועסט אַכטונג געבן, ווער עס איז
דאָרט פון די הויף־לייט דעם מאַרשאַלס אַ מקורב און דו וועסט
אים אונטערוקן אַזאַ געדאַנק: זאָל לובאָמירסקי אַריבערגיין צו
די שוועדן, און אַלס שכר פאַרלאַנגען דעם זיווג פון הערצאָקליוּשן
מיט ראַדזיווילס טאָכטער, און דערנאָך זאָל ער אונטערשטיצן ראַ־
דזיווילס קאַנדידאַטור אויפן גרויס־פירשטנטום. וועט עס הערצאָק־
ליוּש מיט דער צייט ירשענען. דאָס איז נאָך נישט אַלץ; רוק אויך
אונטער דאָס, אַז אויב הערצאָקליוּש וועט אַמאָל די ליטווישע קרוין
טראָגן, וועט מען אים מיט דער צייט אויך אויפן פוילישן טראָן
אַרויפזעצן, און אַזוי אַרום וואָלטן אין צוויי משפחות צוויי קרוי־

בען זיך ווידער געקענט פאַרייניקן. אויב זיי וועלן זיך פאַרן דאָזיקן געדאַנק מיט ביידע הענט נישט אָנכאַפּן, איז אַ סימן, אַז זיי זענען קליינע מענטשן. ווער עס צילט נישט הויך און שרעקט זיך פאַר הויכע פּלענער, דער זאָל זיך צופרידנשטעלן מיט אַ קאָמאַנדע־שטעקעלע, מיט אַ שטאַב, מיטן אַמט פון אַ קאַשטעלאַנדל, זאָל ער דינען און בייגן דעם קאַרק, דורך קאַמערדינער חסידים אַ סכּועלן, ווייל ער איז עפּעס בעסערס נישט ווערט!... מיך האָט גאָט צו עפּעס אַנדערש באַשאַפן און דערפאַר דערוועג איך זיך אויסצושטרעקן די האַנט נאָך אַלץ, וואָס ליגט נאָר אין די מענטשלעכע כּוחות, און צו דערגיין ביז צו דער גרענעץ, וואָס גאָט אַליין האָט אָנגעצייכנט דער מענטשלעכער מאַכט!

דאָ האָט דער פירשט באמת אויסגעשטרעקט די האַנט, גלייך ווי ער האָלט וועלן אין זיי עפּעס אַן אומגעזעענע קרוין אַרייננאַפן און ער האָט זיך אינגאַנצן צעפלאַמט, ווי אַ פאַקל, אָבער מיטאַמאָל האָט אים פון אויפרעגונג ווידער פאַרפעלט לופט צום אָטעמען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָבער באַרויִקט און געזאָגט מיט אַן איבערגעהאַקטער שטים:

— אָט... ווען די נשמה פליט... ווי צו דער זון... קומט די קרענק מיט איר התראה... זאָל זיך טון, וואָס עס וויל... כ׳וויל בעסער, אַז דער טויט זאָל מיך טרעפן אויפן טראָן... איידער אין קעניגלעכן קאָרידאָר...

— אפשר אַ דאָקטאָר רופן? — האָט קמיטשיץ געפרעגט.

ראַדזיוויל האָט גענומען שאָקלען מיט דער האַנט.

— מ׳דאַרף נישט... מ׳דאַרף נישט... ס׳איז מיר שוין בעסער... אָט איז אַלץ, וואָס כ׳האָב דיר געהאַט צו זאָגן... אַ חוץ דעם זאָלסטו האַלטן אָפן די אויגן, אָפן די אויערן... גיב אויך אַכטונג, וואָס די פּאַטאָצקיס האָבן בדעה צו טון. זיי גייען אײַנאײַנעם און זענען געטרײַ די וואַזאַס... און זיי זענען גרויסע תּקיפים... קאָניעצפּאָלסקי און די סאָבּיעסקיס ווייסט מען

צו ווען מען זיי זעבען בוטה... קוק און לערן זיך... אָט איז דאָס שטיקעניש אַריבער... האָסט אַלץ גוט פאַרשטאַנען?

— יאָ, אויב איך וועל אין עפּעס אַ פעלער באַגיין, וועל איך אַליין זיין דער חייב.

— די בריוו האָב איך שוין אָנגעשריבן, נאָר נאָך אַ פּאָר איז געבליבן אָנצושרייבן. ווען ווילסטו זיך לאָזן אין וועג אַריין?

— נאָך היינט! וואָס גיכער!...

— האָסטו נישט עפּעס אַ בקשה צו מיר?

— גנעדיקער הער פירשט!... — האָט קמיטשיץ אָנגעהויבן.

און מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט.

די ווערטער זענען מיט שווערִיקייטן אים פון מויל אַרויסגעגאַנגען, און אויפן פּנים איז קענטיק געווען אַ ווילן זיך צו באַהערשן און אַ צעמישעניש.

— רעד דרייסט! — האָט דער העטמאַן געזאָגט.

— איך בעט — האָט קמיטשיץ געזאָגט — אַז דער ראַסיענער שווערט־טרעגער און זי... זאָלן דאָ קיין שום עולה נישט ליידן!...

— קענסט זיין זיכער. אָבער איך זע, אַז דו ליבסט נאָך דאָסדאָזיקע מיידל?...

— עס קען נישט זיין! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — איך ווייס דען!... אַ שעה האָב איך זי ליב, אַ שעה פיינט... דער טייוול אַליין ווייסט! אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט, ווי געזאָגט... נאָר אַ פּיין איז געבליבן... איך וויל זי נישט, אָבער איך וויל נישט, אַז אַן אַנדערער זאָל זי נעמען... זאָל דער גנעדיקער הער פירשט דערצו נישט צולאָזן... כ'ווייס אַליין נישט, וואָס איך רעד... איך מוז פאָרן, פאָרן וואָס גיכער! זאָל דער גנעדיקער הער פירשט זיך נישט רעכענען מיט מיינע ווערטער. ווי נאָר איך וועל פון טויער אַרויספאָרן, וועט מיר גאָט צוריקגעבן דעם פאַרשטאַנד...

— איך פאַרשטיי, אַז כּל־זמן די ליבשאַפט ווערט מיט דער

צייט נישט אָפּגעקילט, איז הגם עס ווילט זיך אַליין נישט, בריט דאָך דער געדאַנק, אַז אַן אַנדערער וועט נעמען. אָבער קענסט וועגן דעם רויק זיין, ווייל איך וועל קיינעם דאָ נישט צולאָזן און אַרויספאָרן פון דאַנען וועלן זיי נישט. אינגיכן וועט אומעטום פול זיין מיט פרעמדע זעלנער און עס וועט זיין בחזקת-סכנה!... בעסער וועל איך זי קיין טוראָגי אַרויסשיקן, בא טילצאַ, ווו די פירשטין האַלט זיך אויף... זיי רויק, יענדרעק!... גיי, גרייט זיך אין וועג אַריין, און קום צו מיר אויף מיטאָג...

קמיטשיץ האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען, און ראַדזיוויל האָט געגומען טיף אָפּעטעמען. ער איז צופרידן געווען פון קמיטשיצס אָפּפאָרן. ס'איז אים געבליבן זיין פולק און זיין נאָמען אַלס אָנהענגער, און די פּערזאָן גופא איז אים ווייניקער אָנגעגאַנגען...

אדרבא, אַרויספאָרנדיק, האָט קמיטשיץ אים געקענט אָפּגעבן וויכטיקע פאַרדינסטן; אין קיידאַני איז ער אים שוין לאַנג געווען צו לאַסט. דער העטמאַן איז מיט אים זיכערער געווען פון דער־ווייטנס, ווי פון דער נאָנט. קמיטשיצס ווילדע פאַנטאַזיע און היציקייט האָבן אַ ליאַדע רגע געקענט אין קיידאַני ברענגען צו אַ שטורעם און אויפרייס, וואָס וואָלטן געווען אַ סכנה פאַר ביידן. זיין אַרויספאָרן האָט די סכנה באַזייטיקט.

— פאָר, טייוול, און דין! — האָט דער פירשט אַ ברום געטון, קוקנדיק אויף דער טיר, דורך וועלכער דער אָרשער כאָ־ראַנזשי איז אַוועקגעגאַנגען.

דערנאָך האָט ער גערופן דעם פאַזש און געהייסן בעטן צו זיך גאַנצהאָפּן.

— דו וועסט איבערנעמען קמיטשיצס פולק — האָט ער צו אים געזאָגט — און די קאָמאַנדע איבער אַלע רייטער. קמיטשיץ פאָרט אַוועק.

דורך גאַנצהאָפּס קאַלטן פּנים איז דורכגעלאָפן אַ בליץ פון פרייד. די שליחות האָט אים געמיטן, דערפאַר אָבער איז ער עולה־לגדולה געוואָרן.

ער האָט זיך שטילשווייגנדיק פאַרנייגט און געזאָגט:

— דורך אַ געטרייער דינסט וועל איך דעם גנעדיקן הער פירשט פאַרן חסד אָפּדאַנקען!

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט און געוואַרט.

— און וואָס ווילסטו נאָך דערציילן? — האָט דער פירשט געפרעגט.

— גנעדיקער הער פירשט! הייגט באַגינען איז געקומען אַהער אַ שליאַכטשיץ פון ווילקאָמיעזש, וועלכער האָט געבראַכט די ידיעה, אַז הער סאַפּיעהאַ מאַרשירט מיט חיילות אויפן גנעדיקן הער פירשט.

ראַדזיוויל האָט אַ ציטער געטון, אָבער כהרף־עין האָט ער זיך באַגוועלטיקט.

— קענסט אַוועקגיין! — האָט ער געזאָגט צו גאַנצהאָפן.

און דערויף זיך טיף פאַרטראַכט.

10. קאַפּיטל.

קמיטשיק האָט זיך זייער פלייסיק פאַרנומען מיט די הכנות צו דער נסיעה און אויך מיטן אויסקלויבן די מענטשן, וועלכע האָבן אים געזאָלט באַגלייטן, ווייל ער האָט באַשלאָסן נישט צו פאָרן אָן אַ געוויסער באַגלייטונג, איינמאָל כדי זיך אַליין צו באַוואָרענען און צווייטנס כדי צוצוגעבן מער חשיבות זיין פּערזאָן אַלס שליח. ער האָט זיך געאיילט און דעריבער האָט ער נאָך דעמזעלבן טאָג געוואָלט זיך לאָזן אין וועג אַריין, באַנאַכט, אָדער אויב דאָס נאָסע וועטער וואָלט נישט אויפגעהערט, צומאָרגנס באַגינען. ער האָט צום סוף אויסגעפינען זעקס זיכערע מענטשן, וועלכע האָבן אַמאָל נאָך באַ אים געדינט, אין יענע גוטע צייטן, ווען ער האָט פאָרן אָנקומען קיין לוביטש כאָוואַנסקין צרות אָנגעטון, אַלטע אָרשער רוצחים, וואָס זענען גרייט געווען צו גיין מיט אים אפילו אין עק וועלט. געווען זענען דאָס בלויז שליאַכטשיצעס און באָיאַרן, די לעצטע רעשטלעך פון דער אַמאָליקער מעכטיקער באַנדע, וואָס איז דורך די בוטרימס אויסגעקוילעט געוואָרן. בראש פון זיי האָט זיך געשטעלט דער וואַכמייסטער

סאַראַקאַ, אַ דינער פֿון די קמיטשיצס פֿון לאַנג-אַן, אַן אַלטער און זייער דורכגעטריבענער זעלנער, הגם ער האָט געהאַט אויף זיך אַ סך אורטיילן פֿאַר זייער אַ סך הפקרדיקע מעשׂים.

נאָכן מיטאָג האָט דער העטמאַן געגעבן דעם הער אַנדזשעי די בריוו און אַ זכערקייטס-בריוו צו די שוועדישע קאָמענדאַנטן, מיט וועלכע דער יינגער שליח האָט אין די גרעסערע שטעט זיך געקענט טרעפֿן; ער האָט זיך מיט אים געזעגנט און משלח געווען גענוג צערטלעך, כּמעט ווי אַ פֿאָטער. אָנזאָגנדיק אים, אַז ער זאָל זיין געוואָרנט און איבערגעלייגט.

דערווייל האָט זיך פֿאַרנאַכט דער הימל גענומען אויסלייטערן, די שוואַכע האַרבסט זון האָט זיך באַוויזן איבער קיידאַני און פֿאַרגאַנגען הינטער די רויטע כמאַרעס, וואָס האָבן זיך אין לאַנגע פֿאַסן געצויגן אויף מערב.

קיין שום זאַך האָט קמיטשיצן נישט געשטערט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין. קמיטשיץ האָט גראָד געמאַכט אַן צפשייד-כּוסה מיט גאַנצהאָפֿן, כאַרלאַמפּן און אַ פֿאָר אַנדערע אָפֿיצירן און די נאַכט איז שוין געווען צוגעפֿאַלן, ווען סאַראַקאַ איז אַריינגעקומען און געפֿרעגט:

— מיר פֿאָרן, הער קאָמענדאַנט?

— אין אַ שעה אַרום! — האָט קמיטשיץ געענטפֿערט.

— די פֿערד און די מענטשן זענען גרייט, זיי זענען שוין אויפֿן הויף...

דער וואַכמייסטער איז אַרויסגעגאַנגען, און זיי האָבן נאָך אָפֿטער גענומען אָנקלאַפּן מיט די כּוסות, הגם קמיטשיץ האָט מער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער טרינקט, ווי געטרונקען אויף אַן אמת. ער האָט נישט געפֿילט קיין שום טעם אין וויין און ער איז אים נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין, נישט אויפֿגעהייטערט זיין געמיט, און יענע זענען שוין דערווייל געווען בגילופֿנ-דיק.

— גנעדיקער הער פּולקאָווניק! — האָט גאַנצהאָף געזאָגט — דערמאַן מיך צום גוטן פֿאַרן פֿירשט באָגוסלאַוו... דאָס איז אַ גרויסער ריטער, וואָס נאָך אַזאַ איינער איז אין דער גאַנצער

רעפּובליק נישטאָ. אַז דו וועסט קומען אַהין, איז ווי דו וואָלסט קיין פראַנקרייך געקומען. אַן אַנדער לשון, אַנדערע מנהגים, און יעדער קען זיך דאָרט הויף־מאַניערן אויסלערנען, לייכטער נאָך, ווי אין קעניגלעכן הויף.

— כ'געדענק דעם פירשט באַגוסלאַוו באַ בערעסטעטשקאָ — האָט כאַרלאַמפּ זיך אָנגערופן — ער האָט געהאַט איין רעגימענט דראַגונער, אײַנגעטאַנצן אויפן פראַנצויזישן שטייגער אויסגעמוסטערט, און דיזיקע דראַגונער האָבן געדינט סיי אַלס פוס־גייער און סיי אַלס רייטער. די אָפיצירן אַליין זענען געווען פראַנצויזן, אַחוץ אַ פּאָר האָלענדער, און אויך צווישן די זעלנער איז דער גרעסטער טייל געווען פראַנצויזן. און אַלע זענען זיי געווען פּראַנטען, און ס'האָט פון זיי געשמעקט מיט פאַרשידענע ריחות, ווי פון אַן אַפּטייק. אין דער שלאַכט האָבן זיי מיט די שווערטן מוראדיק געשניטן און מ'האָט וועגן זיי דערציילט, אַז יעדער פון זיי, ווען ער האָט אַ מענטשן צעשניטן, האָט ער צו אים געזאָגט: Pardonnez moi! — אַזוי העפלעך זענען זיי געווען אַפילו מיט גידעריקע ברואים. און פירשט באַגוסלאַוו איז מיטן טיכל איבער דער שפּאַדע צווישן זיי געריטן, תמיד אַ שמייכלדיקער, אַפילו אין גרעסטן קאָכעניש, ווייל אַזאַ מאָדע איז באַ די פראַנצויזן, צו לאַכן אינמיטן בלוט פאַרגיסונג. דאָס פּנים האָט ער געהאַט מיט שמינקע באַמאָלט און די ברעמען מיט קויל אײַנגעשוואַרצט, וואָס די אַלטע זעלנער האָבן אים גענומען פאַר אומגוט און דערפאַר אַ נאָמען געגעבן „יונה". און תיכף נאָך דער שלאַכט האָט מען אים נייע קרויזן געבראַכט, כדי ער זאָל זיין תמיד אויסגעפּוצט, ווי אויף אַ שמחה, און מ'האָט אים די האָר מיט אַ ברען־אײַזן געברענט און פון זיי משונהדיקע צאַצקעס געמאַכט. אָבער דאָס איז אַ העלדישער שררה און דער ערשטער איז ער אין גרעסטן פייער געגאַנגען. דעם הער קאַליגאָווסקי האָט ער דאָך אויף אַ האַנט־געפעכט אַרויסגערופן דערפאַר, וואָס ער האָט אים דאָרט מיט עפּעס פּוגן־בכּבוד געזען. און דער האַר קעניג האָט אָוש געמוזט צווישן זיי שלום־מאַכן.

— נישקשה! — האָט גאַנצהאָף געזאָגט — איר וועט זיך

דאָרט חידושים אָנקוקן, אויך דעם שוועדישן קעניג בכבודו ובעצמו וועט איר זען, און דאָס איז אַ מלחמה-העלד, נאָך אונדזער פירשט, דער גרעסטער אין דער וועלט.

— און אויך דעם הער טשאַרניעצקי — האָט כאַרלאַמפּ צוגעגעבן — ער ווערט וואָס אַמאָל מער באַרימט.

— הער טשאַרניעצקי שטייט אויף יאַן קאַזשימיעזשס צד און דערפאַר איז ער אונדזער שונא! — האָט גאַנצהאָף שאַרף זיך אָנגערופן.

— וואונדערלעכע זאַכן קומען פאָר אויף דער וועלט — האָט כאַרלאַמפּ אַ פאַרטראַכטער געזאָגט — ווען עמיצער וואָלט אַזוי מיט אַ יאָר אָדער צוויי צוריק געזאָגט, אַז די שוועדן וועלן קומען אַהער, וואָלטן מיר אַלע געמיינט, אַז מיר וועלן זיי שלאָגן און דערווייל זעט, וואָס עס טוט זיך...

— נישט מיר אַליין, די גאַנצע רעפּובליק האָט זיי מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען! — האָט גאַנצהאָף אויסגערופן.

— יאָ! גאַנץ ריכטיק! — האָט קמיטשיץ אַ פאַרטראַכטער זיך אַריינגעמישט.

— אַ חוץ דעם הער סאַפּיעהאַ און דעם הער גאָשיעווסקי און דעם הער טשאַרניעצקי און די קרוין-העטמאַנס! — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט.

— לאָמיר בעסער וועגן דעם נישט רעדן — האָט גאַנצהאָף געענטפערט — נו, גנעדיקער הער פּולקאָווניק, קומט געזונטערהייט צוריק... עס וואַרט דאָ אויף אייך גרויס כבוד...

— און פריילין בילעוויטש — האָט כאַרלאַמפּ צוגעגעבן.

— פריילין בילעוויטש זאָל אייך גאַרנישט אָנגיין! — האָט קמיטשיץ האַרט אַ זאָג געטון.

— אוודאי נישט, ווייל איך בין שוין צו אַלט. דאָס לעצטע מאָל... וואַט-צו, גנעדיקע הערן... ווען איז דאָס געווען?... אַהאַ! דאָס לעצטע מאָל בשעת די וואַלן פון יאַן קאַזשימיעזש, וואָס געוועלטיקט היינט איבער אונדז מיט חסד...

— איר מעגט אייער צונג דערפון אָנגעווייבען! — האָט

גאַנצהאָף איבערגעהאַקט — הײַנט געװעלטיקט איבער אונדז מיט חסד קאַרל גוסטאַװ.

— ריכטיק... געװױנהײט איז די צװײטע נאַטור... דאָס לעצטע מאָל, הײסט עס, בשעת די װאַלן פֿון יאַן קאַשזימיעזש, אונדזער עקס-קעניג און ליטװישער גרױס-פֿירשט, האָב איך זיך שרעקלעך פֿאַרליבט אין אײן פֿרײלין פֿון פֿירשטין װישניאָװיעצקאַס הױף-דאַמען. אַ רײצנדיקע בעסטיעלע איז דאָס געװען... אָט װיפֿיל מאָל איך האָב איר געװאָלט בענטער אין די אױגן אַ קוק טון, האָט מיר הער װאָלאָדיִאָװסקי די שװערט אונטערגעשטעלט. כ׳האָב זיך געװאָלט מיט אים שלאָגן, דערװײל איז באַהין אינדערמיט אַרײַנגעקומען, דערזעלבער באָהון, װעלכן װאָלאָדיִאָװסקי האָט װי אַ האָז צעטרײבערט. װען נישט דאָס, װאָלט איר מיך איצט קײן לעבעדיקן נישט געזען. אָבער דאַמאָלס בין איך גרײט געװען זיך צו שלאָגן, אפֿילו מיטן טײװל. אגב, האָט װאָלאָדיִאָװסקי זיך פֿאַר איר אָנגענומען נאָר פֿון פֿרײַנטשאַפֿט װעגן, װײַל זי איז געװען פֿאַרקנסט פֿאַר אַן אַנדערן, נאָך אַן ערגערן מחבל... ע׳, איך זאָג אײַך, כ׳האָב געמײנט, אַז כ׳װעל אײַנגעטרוקנט װערן... ס׳איז מיר קײן עסן און קײן טרינקען נישט אײַנגעגאַנגען... ערשט װען דער פֿירשט אונדזערער האָט מיך פֿון װאַרשע אַזש קײן סמאָלענסק געשיקט האָט זיך מיר די ליבשאַפֿט אױפֿן װעג אַרױסגעטרײסלט. נישטאָ עפּעס בעסערס, װי אַ נסיעה, אױף אַזעלכע גרימענישן. נאָכן ערשטן מײל איז מיר שױן געװאָרן גרינגער און נאָך אײדער איך בין ביז װילנע צוגעפֿאָרן, איז זי מיר שױן אין קאָפּ נישט געלעגן און עד היום בין איך אַ בחור געבליבן. נישטאָ עפּעס בעסער, װי אַ נסיעה אױף אַן אומגליקלעכער ליבע!

— אַזױ זאָגט איר? — האָט קמיטשיץ געפֿרעגט.

— אַזױ װאָר װי איך לעב! זאָל, זײ גײן צו אַלדע שװאַרצע יאָר, אַלע מײדלעך פֿון גאַנץ ליטע און קרױן-פּױלן! איך דאַרף זײ שױן נישט האָבן.

— און איר זענט אַן אַ זײ געזונט אַװעקגעפֿאָרן?

— אַן אַ זײ געזונט, כ׳האָב נאָר אַ רױט בענדל הינטער

זיך געוואָרפן, ווי עס האָט מיר געראָטן איין אַלטע מויד, אַ זייער געניטע אין זאַכן פון ליבע.

— פאַר אייער געזונט! — האָט גאַנצהאָף זיך אָנגערופן, ווענדענדיק זיך ווידער צום הער אַנדזשעי.

— פאַר אייער געזונט! — האָט קמיטשיץ געענטפערט — איך דאַנק פון טיפן האַרצן!

— ביז צום באָדעם! ביז צום באָדעם! פאַר אייך איז שוין צייט אויפן פערד זיך צו זעצן, און אונדז דאַרף אויך שוין די דינסט האָבן. זאָל אייך גאָט פירן און דערפירן!

— זייט געזונט!

— אַ רויט בענדל וואַרפן הינטער זיך — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט — אָדער אויפן ערשטן נאַכטלאַגער דאָס פייער אַליין מיט אַן עמער וואַסער באַגיסן. געדענקט.. אויב איר ווילט פאַרגעסן!

— בלייבט געזונט!

— מיר וועלן זיך אַזוי גיך נישט זען!

— און אפשר ערגעץ אויפן שלאַכט-פעלד — האָט גאַנצהאָף צוגעגעבן — הלוואַי, לעבן זיך, און נישט קעגן זיך.

— עס קען אַנדערש נישט זיין! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

און די אָפיצירן זענען אַרויסגעגאַנגען.

דער זייגער האָט פון טורעם אַראָפּ געשלאָגן זיבן. אויפן הויף האָבן פערד געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס אין די שטיינערנע פליטעס און דורכן פענסטער האָט מען געזען מענטשן, וואָס וואַרטן גרייטערהייט. אַ מאָדנע אומרויִקייט האָט דעם הער אַנדזשעי באַוועלטיקט. עס האָט זיך איבערגעחזרט: „כ'פאָר! כ'פאָר!". דער זכּרון האָט אים פאַר די אויגן פאַרבייגערוקט אומבאַקאַנטע לענדער און אַ מאַסע פון אומבאַקאַנטע פנימער, וואָס ער האָט געזאָלט אָנזען, און צו דער גלייכער צייט האָט אים אויך אַ פאַרוווּנדערונג אָנגעכאַפּט אויפן געדאַנק וועגן דערדאָזיקער נסיעה,

גלייך ווי ער וואָלט פריִער וועגן איר קיינמאָל נישט געטראַכט.

— מ׳דאַרף זיך זעצן אויפן פערד און פאָרן, און וואָס עס וועט זיין, וועט זיין! — האָט ער זיך געטראַכט.

איצט אָבער, ווען די פערד האָבן שוין געשנאָרכט הינטערן פענסטער און די שעה פון אָפּפאָרן האָט געשלאָגן, האָט ער געפילט, אַז יענס לעבן וועט זיין פרעמד, און אַלץ, מיט וואָס ער האָט זיך צונויפגעלעבט, צו וואָס ער האָט זיך צוגעוויינט, מיט וואָס ער איז צונויפגעוואַקסן מיט לייב און לעבן, וועט פאַרבלייבן אין דעם לאַנד, אין דער געגנט, אין דער שטאָט. דער אַמאָליקער קמיטשיץ וועט אויך דאָ בלייבן, און אַ זעקפּאָרן וועט אַן אַנדערער מענטש, וואָס וועט פאַר אַלעמען זיין אַזוי פרעמד, ווי אַלע וועלן פאַר אים דאָרט פרעמד זיין. ער וועט דאָרט דאַרפן אָנהייבן אַ גאַנץ ניי לעבן, און איין גאָט ווייסט, צי עס וועט דערויף קלעקן חשק.

העל אַנדזשעיס נשמה איז געווען טויט-מיד און דערפאַר האָט ער זיך אין דער רגע געשפּירט אומבאַהאָלפן לגבי דעמדאָזיקן נייעם לעבן און נייע מענטשן... ער האָט זיך געטראַכט, אַז דאָ איז אים געווען שלעכט און דאָרט וועט זיין שלעכט, און ווייניקסטנס זייער שווער.

אָבער שוין צייט! שוין צייט! מ׳דאַרף דאָס היטל אָנטון און פאָרן!

אָבער טאַקע אָן אַ זיי-געזונט?

שוין-זשע קען מען זיין אַזוי נאָנט, און דערנאָך אַזוי ווייט, אַז מען זאָל אַוועקפאָרן און קיין וואָרט נישט זאָגן? אָט צו וואָס עס איז דערגאַנגען! אָבער וואָס זאָל ער איר זאָגן?... זאָל ער גיין און זאָגן: „אַלץ איז קאַליע געוואָרן... גייט זיך אין אייער וועג, און איך וועל גיין אין מיין וועג!" צו וואָס, צו וואָס גאָר דאָס זאָגן, ווען עס איז אויך אָן זאָגן אַזוי געשען. איז ער דאָך שוין נישט איר חתן, פונקט ווי זי איז נישט און וועט נישט זיין זיין ווייב. פאַרפאַלן, ס׳איז צעריסן געוואָרן דאָס, וואָס איז גע-

וועט, און עס וועט זיך שוין מער אויפסניי נישט באַהעפטן. אַ שאָד די צייט, די ווערטער און די נייע יסורים.

— כ'וועל נישט גיין! — האָט קמיטשיק געטראַכט.

אָבער פון דער צווייטער זייט פאַרייניקט זיי נאָך דער רצון פון בר־מינן. מ'דאַרף דייטלעך און אָן כּעס זיך צונויפ־רעדן וועגן אַן אייביקן צעשיידן זיך און זאָגן איר: „איר ווילט מיך נישט, גיב איך אייך דעריבער צוריק דאָס וואָרט. לאָמיר ביידע באַטראַכטן, ווי עס וואָלט קיין צוואה נישט געווען.... און זאָל יעדער זוכן גליק, וווּ ער קען".

אָבער זי קען ענטפערן: „איך האָב דאָס שוין לאַנג אייך מודיע געווען, צו וואָס חזרט איר מיר דאָס איבער?"

— כ'וועל נישט גיין! זאָל זיין וואָס עס וויל! — האָט קמיטשיק זיך איבערגעחזרט.

און אַרויסוואַרפנדיק דאָס היטל אויפן קאָפּ איז ער פון דער קוואַרטיר אין קאָרידאָר אַרויסגעגאַנגען. ער האָט גלייך גע־וואָלט צום פערד אַראָפּגיין און וואָס גיכער אויף יענער זייט טויער זיך געפינען.

מיטאַמאָל האָט אים אין קאָרידאָר עפּעס ווי פאַר די האָר אָנגעכאַפּט...

ס'האָט אים באַהערשט אַ־אַ חשק זי צו זען, צו איר צו רעדן, אַז ער האָט אויפגעהערט זיך מיישב צו זיין: יאָ גיין, אָדער נישט גיין. ער האָט אויפגעהערט צו פשטלען זיך און איז געלאָפן, און בעסער געזאָגט, געפלויגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט זיך וועלן אין וואַסער אַריינוואַרפן.

הארט פאַר דער טיר, פאַר וועלכער די שמירה איז שוין געווען אַראָפּגענומען, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויפן ראָסיעבער שווערט־טרעגערס יינגל.

— דער הער שווערט־טרעגער איז אין דער קוואַרטיר? — האָט ער געפרעגט.

— דער הער שווערטטרעג ר איז באַ די אָפיצירן אין וואָפן־מאַגאַזין.

— און דאָס פרײלין?

— דאָס פרײלין איז דאָ.

— גײ זאָג, אַז הער קמיטשיק פאָרט אַװעק אין אַ װײטן װעג און װיל זען דאָס פרײלין.

דאָס ייִנגל האָט געפאָלגט דעם באַפעל, אָבער נאָך אײדער ער איז צוריקגעקומען מיט אַ תשובה, האָט קמיטשיק אַ דריק געטון די קליאַמקע און איז קײנעם נישט אָנפרעגנדיק אַרײַנגעגאַנגען.

— איך קום זיך געזעגענען מיטן פרײלין — האָט ער געזאָגט — װײל איך װײס נישט, צי מיר װעלן זיך באַם לעבן זען.

מיטאַמאָל האָט ער זיך צום ייִנגל אױסגעדרײט:

— װאָס שטײסטו נאָך דאָ!

— גנעדיקע פרײלין! — האָט קמיטשיק װײטער געזאָגט, װען די טיר האָט זיך הינטער אים פאַרמאַכט — כ'האָב געװאָלט פאָרן אָן אַ זײַגעזעגנט, אָבער כ'האָב נישט געקענט. אײן גאָט װײסט, װען כ'װעל צוריקקומען און צי כ'װעל צוריקקומען, װײל אַ סיבה קען גאַנץ לײכט פּאַסירן. לאָמיר זיך בעסער נישט צעשײדן מיט אַ כּעס אין האַרצן און מיט תּרעומות, כּדי עס זאָל עמיצן פון אונדז גאָטס שטראָף נישט טרעפן. עי! אַ סך איז דאָ צו רעדן, אַ סך איז דאָ צו רעדן, אָבער די צונג איז דאָך אַלץ נישט בכּוח אַרױסצוזאָגן, נו, קײן מאָל איז נישט געװען, גאָט האָט אַ פּנים נישט באַשערט, און איצט, װען דו, מענטש, זאָלסט אַפילו מיטן קאָפּ אין די מױער זיך שלאָגן װעט אױך שױן גאָרנישט העלפן! באַשולדיקט־שע מיך נישט, װעל איך אײַך אױך נישט באַשולדיקן. אױף יענע צװאה לאָמיר שױן גאָרנישט קוקן װײל װי איך האָב שױן געזאָגט: אַז עס איז פון גאָט נישט באַשערט, װעט שױן דער מענטש גאָרנישט אױפטון. זאָל אײַך גאָט געבן גליק און מנוחה. דער עיקר איז, אַז מיר זאָלן זיך מוחל זײַן, װאָס מיר האָבן זיך פאַרשולדיקט אײנער פאַרן אַנדערן. כ'װײס נישט, װאָס עס װעט מיך טרעפן דאָרט װוּ כ'פאָר... אָבער איך קען שױן מער נישט אײַנזיצן אין פײַן, אין קריגע־

רייען, אין פּאַרדראַס... דער מענטש דרייט זיך אַרום צווישן די פיר ווענט אין שטוב און קען זיך קיין עצה נישט געבן, גנעדיק פריילין, קיין עצה קען ער זיך נישט געבן! דער מענטש האָט גאָרנישט וואָס צו טון, נאָר מיטן האַרץ־קלעמעניש זיך אַרומצוטראָגן, נאָר גאַנצע טעג צו טראַכטן, אַז דער קאָפּ טוט אַזש וויי, וועגן די צרות און צום סוף גאָרנישט אויסטראַכטן... איך מוז האָבן דעמדאָזיקן אַרויספּאַר, ווי אַ פיש וואַסער, ווי אַ פויגל לופט, ווייל אַ נישט וואָלט איך משוגע געוואָרן!

— זאָל אייך גאָט געבן גליק — האָט פריילין אַלעקסאַנדראַ געזאָגט.

און זי איז געשטאַנען פאַר אים, ווי אַ פאַרבליפטע פון הער קמיטשיצס אָפּפּאָרן, פון זיין אַנבליק און זיינע ווערטער. איר פּנים האָט אויסגעדריקט אַ צעמישעניש און אַ פאַרחידושטקייט און ס'איז קענטיק געווען, אַז זי פירט מיט זיך אַ קאַמף, כּדי זי זאָל קענען קומען צו זיך; דערווייל האָט זי מיט ברייט אויפגעמאַכטע אויגן געקוקט אויפן יונגן ריטער.

— איך האָב אויף אייך קיין תּרעומות... — האָט זי אין אַ ווייַלע אַרום געזאָגט.

— הלוואי וואָלט דאָס אַלץ נישט געווען! — האָט קמיטשיץ געענטפערט — עפּעס ווי דער שטן וואָלט זיך צווישן אונדז אַוועקגעשטעלט און ווי מיט אַ ים אונדז פונאַנדערגעשיידט. נישט אים אַריבערצושווימען און נישט אים אַריבערצוגיין. דער מענטש האָט נישט געטון דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, איז נישט געגאַנגען דאָרט, וווּ ער האָט געפּלאַנט, נאָר ווי ער וואָלט פון עפּעס געשטויסן געוואָרן, ביז מיר זענען ביידע אויף אומוועגן פאַרקראָכן. אָבער קוים דאַרפן מיר זיך צעשיידן, איז דאָך בעסער, אַז מיר זאָלן זיך כאָטש פונדערווייטנס צו ווינטשן: „זאָל גאָט פירן אין רעכטן וועג!" איר דאַרפט אויך וויסן, אַז תּרעומות און כּעס איז עפּעס אַנדערש, אין פּאַרדראָס איז עפּעס אַנדערש, פון כּעס וואָלט איך זיך באַפרייט, אָבער דער פּאַרדראָס זיצט אין מיר — אפשר נישט אויף אייך. וואָרים איך ווייס דען אויף וועמען און אויף וואָס?... טראַכטנדיק, ווער איך גאָרנישט אויס־

טראַכטן, אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז עס וועט גרינגער זיין אי מיר און אי אייך, אויב מיר וועלן זיך צונויפרעדן. איר האַלט מיך פאַר אַ בוגד... און דאָס שטעכט מיך מער פון אַלץ, ווייל אַזוי זאָל מיין נשמה אַ תיקון באַקומען, ווי איך בין נישט געווען און וועל נישט זיין קיין בוגד!

— איך טראַכט שוין נישט אַזוי! — האָט אָלענקאַ געזאָגט.

— אוי! ווי אַזוי האָט איר דאָס געקענט כאָטש איין שעה טראַכטן... איר האָט דאָך מיך געקענט, אַז אַמאָל בין איך געווען גרייט אויף הפקרדיקע מעשים: אַנטלויפן, עמעצן אונטערצינדן, דערשיסן, דאָס איז עפּעס אַנדערש, אָבער באַגיין אַ בגידה צוליב ריווח, צוליב כבוד — קיינמאָל נישט!... זאָל מיך גאָט אָפּהיטן און משפּטן!... איר זענט אַ פרוי און קענט נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קען דאָס פאָטערלאַנד אויסלייזן, איר דאַרפט דעריבער נישט באַשולדיקן און אויך נישט אָפּמשפּטן. און פאַרוואָס האָט איר באַשולדיקט?... און פאַרוואָס האָט איר אָפּגעמשפּט?... גאָט איז מיט אייך!... איר זאָלט וויסן, אַז דאָס פאָטערלאַנד קען אויסגעלייזט ווערן דורכן פּירושט ראַדזיוויל און דורך די שוועדן, און ווער עס טראַכט אַנדערש, און דער עיקר ווער עס טוט אַנדערש, דער ברענגט טאַקע אום דאָס פאָטערלאַנד. אָבער איך האָב נישט קיין צייט צו דיסקוטירן, ווייל איך מוז פאָרן. איר זאָלט נאָר וויסן, אַז כ'בין נישט קיין בוגד, נישט קיין פאַרקויפטע נשמה. זאָל איך אומקומען, אויב איך וועל עס אַמאָל זיין!... איר זאָלט וויסן, אַז איר האָט מיך אומיושרדיק מבזה געווען, אומיושרדיק צום טויט פאַרמשפּט... דאָס זאָג איך אייך אונטער אַ שבועה און פאָרן אָפּפאָרן און אינאיינעם דערמיט זאָג איך אויך: איך בין מוחל פון גאַנצן האַרץ, אָבער דערפאַר זייט אויך איר מיר מוחל!

פרייילין אַלעקסאַנדראַ איז שוין איינגאַנצן געקומען צו זיך.

— דאָס, וואָס איר זאָגט, אַז איך האָב אייך אומזיסט חושד

געוועז, איז עס אמת און מיין שולד, און וועלכער איך בין זיך מודה... און בעט זי מיר מוחל זיין...

דאָ האָט איר שטים אַ ציטער געטון און אירע בלויע אויגן זענען מיט טרערן פאַרלאָפן געוואָרן, און ער האָט גענומען רופן באַגייסטערט:

— כ'בין מוחל! כ'בין מוחל! איך וואָלט אייך אפילו מיין טויט מוחל געווען!...

— זאָל־זשע אייך גאָט פירן און צוריק אַרויספירן אויפן רעכטן וועג, כדי איר זאָלט אַראָפּגיין פון דעם, אַ בער וועלכן איר בלאָנדזשעט.

— לאָזט שוין צורו! לאָזט שוין צורו! — האָט קמיטשיץ היציק אויסגערופן — כדי עס זאָל ווידער נישט קומען צו אַ ברוגז צווישן אונדז, איך בלאָנדזשע, אָדער איך בלאָנדזשע נישט, רעדט נישט וועגן דעם! זאָל יעדער גיין נאָך זיין געוויסן, און די כוונות וועט גאָט משפטן. ס'איז בעסער, וואָס איך בין געקומען אַהער, וואָס איך בין נישט אַרויסגעפאָרן אָן אַ זיי־געזונט. דערלאַנגט־זשע מיר די האַנט אויפן וועג... ווייל מאָרגן וועל איך אייך שוין נישט זען, אויך נישט איבערמאָרגן, אויך נישט אין אַ חודש, אפשר קיינמאָל נישט... עי, אָלענקאַ!... און אין קאָפּ שווינדלט... אָלענקאַ! ווען מיר זיך שוין טאַקע נישט זען?...

גרויסע טרערן, ווי די פערל, האָבן גענומען פון אירע ווימפּערן אויף די באַקן אַראָפּפליסן.

— הער אַנדזשעי!... פאַרלאָזט די בוגדים!... און אַלץ קען זיין...

— שטיל!... שטיל!... — האָט קמיטשיץ געזאָגט מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים — עס קען נישט זיין!... כ'קען נישט... בעסער רעד גאָרנישט... הלוואי וואָלט איך געהרגעט געוואָרן! וואָלט איך יסורים פאַרשפּאָרט... גאָט! פאַרוואָס קומט אונדז דאָס!... זייט געזונט!... דאָס לעצטע מאָל... און דערנאָך זאָל מיר דער טויט דאָרט ערגעץ די אויגן צומאַכן... פאַרוואָס וויינט איר?.. וויינט נישט, ווייל איך וועל משוגע ווערן!...

און אין דער גרעסטער אויפרעגונג האָט ער זי אַ כאַפּ־גע־

פון האַלב מיט געוואַלט און הגם זי האָט זיך נישט געלאָזט, האָט ער גענומען איר קושן די אויגן, דאָס מויל, דערנאָך האָט ער זיך צו אירע פיס געוואָרפן — צום סוף האָט ער זיך אַ ריס געטון ווי אַ משוגענער און אָנכאַפנדיק זיך פאַר דער טשופּרינע, איז ער אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב, שרייענדיק:

— דער טייוול וועט דאָ נישט העלפן, נישט בלויז אַ רוי-טער פּאָדעם!...

דורכן פענסטער האָט אים נאָך אָלענקאַ געזען, ווי ער האָט זיך אײַליק אויפן פערד געזעצט, דערנאָך האָבן זיך זיבן רייטער אין וועג אַריין געלאָזט. די שקאָטן, וואָס האָבן געהאַלטן די וואַך אין טויער, האָבן געקלימפּערט מיטן געווער, פּרעזענטירנדיק די ביקסן; דערנאָך האָט זיך דאָס טויער פאַרמאַכט הינטער די ריי-טער און מ'האָט זיי שוין נישט געזען אויפן פינצטערן וועג, צווישן די ביימער.

די נאַכט איז אויך שוין געווען אינגאַנצן צוגעפאַלן.

11. קאַפּיטל.

קאָוונאָ און דאָס גאַנצע לאַנד אויפן לינקן ברעג פון דער ווליע און אויך אַלע וועגן זענען געווען פאַרנומען דורכן שונא; נישט קענענדיק פאָרן קיין פּאָלעסיע דורכן גרויסן טראַקט, וואָס גייט פון קאָוונע קיין גראָדנע און פון דאָרט קיין ביאַליסטאָק, איז קמיטשיץ דעריבער געפאָרן דורך זייטיקע וועגן פון קיידאַני גלייך אַרונטער, מיטן לויף פון ניעוויאַזש אַזש ביז צום ניעמען און נאָכדעם ווי ער איז אים דורכגעגאַנגען לעבן ווילקי, האָט ער זיך געפונען אין דער טראָקער וואָיעוואָדסטווע.

דעמדאָזיקן גאַנצן, איבעריקנס נישט זייער גרויסן טייל וועג, האָט ער דורכגעמאַכט רויק, ווייל דידאָזיקע געגנט איז געלעגן ווי אונטער ראַדזיווילס האַנט.

די שטעטלעך, און דאָ און דאָרט אויך די דערפער, זענען געווען פאַרנומען דורך דעם העטמאַנס הויף-פולקן, אָדער דורך קליינע אָפּטיילונגען פון שוועדישע רייטער, וועלכע דער העטמאַן האָט בכיוון אַזוי ווייט אַרויסגערוקט אַקעגן זאַלטאַרענ-

קאָס מחנות, וואָס זענען געשטאַנען האַרט הינטער דער ווילִיע, כּדי עס זאָל לייכטער קענען קומען צו אַן אָנגריף און צו אַ מלחמה.

זאָלטאָרינקאָ האָט אויך גערן געשלאָגן זיך מיט די שוועדן, ווי דער העטמאַן האָט געזאָגט, די אָבער, וועלכע ער האָט געהאָלפן, האָבן נישט געוואָלט מיט זיי מלחמה־האַלטן, ווײַ־ביקסטנס האָבן זיי עס געוואָלט צופּלייגן אויף ווי לאַנג עס וועט זיך נאָר לאָזן; זאָלטאָרינקאָ האָט דעריבער באַקומען די האַרבסטע באַפעלן, אַז ער זאָל אויף יענע זײַט נישט אַריבערגיין און אין פאַל, אַז ראַדזיוויל אַליין וועט צוזאַמען מיט די שוועדן אויף אים מאַרשירן, זאָל ער זיך וואָס גיכער צוריקציִען.

צוליב דידאָזיקע טעמים איז דאָס לאַנד אויף דער רעכטער זײַט פון דער ווילִיע געווען רויִק, היות אָבער ווי דורכן טײַך האָבן זיך אָנגעקוקט פון איין זײַט די קאָזאַקישע וואַכן, פון דער צווייטער זײַט די שוועדישע און ראַדזיווילס וואַכן, האָט אַ ליאַדע רגע איין שאָס פון אַ ביקס געקענט אַ שרעקלעכע מלחמה פאַנאַנדערבלאָזן.

צוליב דעם, וואָס די מענטשן האָבן דאָס פאָרויסגעזען האָבן זיי זיך באַצײַטנס באַהאַלטן אין זיכערע ערטער. דאָס לאַנד איז דעריבער געווען רויִק, אָבער אויך פּוסט. אומעטום האָט הער אַנדזשעי געזען אויסגעליידיקטע שטעטלעך, איבער די הויפן זענען די פענסטער־לאָדנס געווען אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגער און גאַנצע דערפער האָט ער געטראָפן אָן אײַנוווינער.

די פעלדער זענען אויך געווען פּוסט, ווײַל קיין תבואה־הויפנס האָט מען יענעם יאָר אויף זיי נישט אָנגעשטעלט. דער פּראָסטער המון איז געלאָפן אין די טיפע וועלדער און דאָרט אַהין מיטגענומען און געטריבן כּל המינים בהמות, די שליאַכטע ווידער איז אַנטלאָפן אין שכנותדיקן קורפירשטלעכן פּרײַסן, וועל־כעס איז לעת־עתה געווען פולשטענדיק באַוואָרנט פון דער מלחמה. בלויז אויף די וועגן און וואַלד־שליאַכן איז די באַוועגונג געווען אַן אומגעוויינטלעכע, ווײַל די צאָל פון די פּליטים האָבן נאָך פאַר־

גרעסערט די, וועלכע האָבן פון לינקן ברעג פון דער וויליע, פון אונטער זאַלטאַרענקאַס נגישות, זיך געקענט אַריבערקריגן.

זייער צאָל איז געווען זייער אַ גרויסע. געווען זענען עס פויערן, ווייל די שליאַכטע, וועלכע האָט ביז איצט נישט באַוויזן אַנצוקומען פון לינקן ברעג, איז אַוועק אין געפאַנגענשאַפט, אָדער פאַרלוירן די קעפּ אויף די שוועלן פון די הייזער.

הער אַנדזשעי האָט אַזוי אַרום יעדע ווײַלע באַגעגנט גאַנצע עדות פויערן מיט ווייבער און קינדער, וועלכע האָבן געטריבן פאַר זיך סטאַדעס שאָף, פערד און רינדער. דער טייל פון דער טראַקער וואָיעוואָדזטווע, וואָס האָט געגרענעצט מיטן קורפירשטלעכן פרייסן, איז געווען פאַרמעגלעך און געבענטשט מיט שפע, דער רייכער המון האָט דעריבער געהאַט וואָס צו ראַטעווען און צו באַהאַלטן. דער אַנרוקנדיקער ווינטער האָט נישט אָפּגעשראָקן די פּליטים, וועלכע האָבן גיכער געוואָלט וואַרטן אויף בעסערע צייטן אין די וועלדער, אין מיט־שניי־באַדעקטע געצעלטן איידער אין די היימישע דערפער אויפן טויט פון שוגאַס הענט אויסקוקן.

קמיטשיץ האָט זיך אָפטמאָל דערנענטערט צו די אַנטלויפנדיקע מחנות אָדער צו די פייער־הויפנס, וואָס האָבן אין די נעכט אין די וואַלד־געדיכטענישן געבלישטשעט. אומעטום, ווו ער האָט נאָר באַגעגנט מענטשן פון לינקן ברעג וויליע, פון לעבן קאָוונע אָדער פון נאָך ווייטערע מקומות, האָט ער געהערט שרעקלעכע מעשיות וועגן די אכזריותן פון זאָלטאַרענקאָ און זיינע פאַרבונדעטע, וועלכע האָבן אויסגעקוילעט די מענטשן נישט אַכטנדיק אויפן עלטער און מין, געבערענט דערפער, אפילו די ביימער אין די סעדער אויסגעהאַקט, איבערלאָזנדיק נאָר ערד און וואַסער. קיינמאָל נאָך האָבן די טאָטערישע באַנדעס נישט איבערגעלאָזט הינטער זיך אַזעלכע חורבנות.

נישט בלויז מיטן טויט אַליין האָט מען די איינוווינער געשטראָפט, ווייל צום ערשט האָט מען זיי געפייניקט מיט די שרעקלעכסטע ענויים, וואָס דער מענטשלעכער מוח קען נאָר אויסטראַכטן. אַ סך פון דידאָזיקע מענטשן זענען אַנטלאָפן גייסטיק

גערירט. זיי האָבן אין די נעכט פאַרהילכט די וואַלד־טיפענישן מיט אימהדיקע געשרייען; אַנדע־רע האָבן כסדר געפיבערט און געלעבט איז שרעק פאַר אַן אַנפאַל, הגם זיי זענען שוין געווען אויף דער זייט ניעמאַן או ווילייע, הנם די וועלדער און די געדיכטענישן און די זומפן האָבן זיי שוין אָפגעטיילט פון זאַלטאַרעבקאָס באַנדעס. אַ סך האָבן אויסגעשטרעקט די הענט צו קמיטשיצן און זיינע אָרשער רייטער, בעטנדיק צו ראַטעווען און זיך איבער זיי מרחם צו זיין, גלייך ווי דער שונא וואָלט געשטאַנען האַרט לעבן זיי.

עס זענען אַנטלאָפן קיין פרייסן אויך שליאַכעצקע קאָטשן, וועלכע האָבן געפירט זקנים, ווייבער און קינדער; נאָך זיי האָבן זיך געצויגן וועגנס מיט דינער, עסנוואַרג, בהמות און חפצים, אַלץ אין אַ מהומה, בהלה און געקלאַג אויפן וואָגלעניש.

הער אַנדזשעי האָט פון צייט צו צייט געטרייסט דידאָזיקע אומגליקלעכע, זאָגנדיק זיי, אַז בקרוב וועלן שוין די שוועדן דעם טייך אַריבערגיין און יאָגעם שונא העט וייט פאַרטרייבן. דאַמאָלס האָבן די פליטים די הענט צום הימל אויסגעשטרעקט און געזאָגט:

— זאָל גאָט געבן געזונט, זאָל געבן גליק דעם פירשט וואָיעוואָדע דערפאַר, וואָס ער האָט אַן איידל פאָלק צו אונדזער שיץ אַראָפּגעבראַכט. אַז די שוועדן וועלן אַריינקומען, וועלן מיר זיך אומקערן אַהיים, צו אונדזערע חורבות...

און אַלע האָבן דעם פירשט געבענטשט. פון מויל צו מויל האָט מען זיך איבערגעגעבן די ידיעות, אַז אַ ליאַדע רגע וועט ער אַריבערגיין די ווילייע בראש פון אייגענע און שוועדישע חיילות. מ׳האָט לכתחילה גערימט די שוועדישע „ענייוות“, דיסציפלין און גוטן באַגיין זיך מיט די איינוווינער. ראַדזיווילן האָט מען גערופן „דער ליטווישער גדעון“, „שמשון“, דער גואל. די מעגטשן פון די געגנטן, וווּ ס׳איז נאָך אויפגעגאַנגען אַ פאַרע און אַ רויך פון פרישן בלוט און הייסן אַש, האָבן אויף אים אויסגעקוקט, ווי אויף אַ ישועה.

און הערנדיק דידאָזיקע ווונטשן, דידאָזיקע תחנונים, איז

קמיטשיצס אמונה אין ראַדזיווילין נאָך פעסטער געוואָרן און ער האָט זיך אין האַרצן איבערגעחזרט:

— אָט וואָס פּאַר אַ האַר איך דין! כ'וועל די אויגן צו־מאַכן און בלינדערהייט זיין מזל נאָכגיין. ער איז אָפּט שרעק־לעך און אומפּאַרשטענדלעך, אָבער ער האָט אַ קלוגערן קאָפּ פון אַנדערע, ער ווייסט בעסער, וואָס מען דאַרף און נאָר ער אַליין קען ברענגען די ישועה.

ס'איז אים געוואָרן גרינגער און היימלעכער אויפן דאָזיקן געדאַנק, ער איז דעריבער געפּאָרן ווייטער מיט אַ שטאַרקערן מוט אין האַרץ, אָפּגעבנדיק זיך מיט דער בענקעניש נאָך קיידאַ־ני און מיט די געדאַנקען וועגן אומגליקלעכן מצב פון פאָטער־לאַנד.

די בענקעניש איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. קיין רויט בענדל האָט ער הינטער זיך נישט געוואָרפן, דאָס ערשטע פייער מיט אַן עמער וואַסער נישט באַגאָסן, ווייל ערשטנס האָט ער געפילט, אַז דאָס וועט גאָרנישט העלפן, און צווייטנס האָט ער נישט געוואָלט.

— עי, ווען זי וואָלט דאָ געווען, ווען זי וואָלט געהערט דאָסדאָזיקע מענטשלעכע געוויין און געיאָמער, וואָלט זי נישט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל מיך מחזיר־למוטב־זיין, וואָלט זי צו מיר נישט געזאָגט, אַז איך בלאָנדזשע, ווי יענע אפּיקורסים, וואָס האָבן פון אמתן גלויבן זיך אָפּגעקערט. אָבער עס שאַדט גאָר־נישט! פריער אָדער שפּעטער וועט זי זיך איבערצייגן, וועט זי איינזען, אַז איר שכל האָט דאָ אונטערגעהינקט... און דאַמאָלס וועט זיין, וואָס גאָט וועט ווילגעפעלן. אפשר וועלן מיר זיך נאָך אין לעבן באַגעגענען.

און די בענקעניש האָט זיך פאַרשטאַרקט אין יונגן ריטער, אָבער איניינעם דערמיט האָט די איבערצייגונג, אַז ער טרעט איבער אַ ריכטיקן, און נישט פאַלשן וועג, אים געגעבן אַ רו, וואָס אַזעלכע האָט ער שוין לאַנג נישט געהאַט. דאָס פּייַנלעכע גע־ראַנגל פון געדאַנקען, גרימענישן, ספקות האָט אים ביסלעכווייז אָפּגעלאָזט און כמעט אַ פרייַלעכער איז ער געפאָרן פאָרויס און

זיך טיף אַריינגעלאָזט אין די אַנבאַרעגיקע וועלדער. זייט ער איז נאָך דעם רומפּלען אַרומיאָגן זיך מיט כאַוואַנסקין קיין לובּיטש געקומען, האָט ער נישט געפילט, אַז עס זאָל אים אַזוי ווויל זיין אויף דער וועלט.

אין דעם איז כאַרלאַמפּ גערעכט געווען, אַז עס איז נישטאָ עפּעס בעסערס ווי אַ נסיעה אויף נשמהדיקע דאגות און אומרויִקייט. געזונט איז הער אַנדזשעי געווען ווי אייזן, און דער מוט האָט זיך בײַ אים געשטאַרקט מיט יעדער רגע און צוזאַמען דערמיט אויך דער חשק צו שטורמישע פּאַרלויפּעבישן, ער האָט זיי געזען פאַר זיך און געשמייכלט צו זיי און געיאָגט די באַגלייטונג אָן אָפּרו, אָפּשטעלנדיק זיך נאָר אויף קורצע נאַכטלעגערס.

פאַר די אויגן פון זיין נשמה איז אים אַלענקאַ כסדר געשטאַנען אַ פאַרוויינטע, ציטערנדיק אין זיינע אָרעמס ווי אַ פייגעלע און ער האָט זיך געזאָגט: כ׳וועל צוריקקערן.

אַמאָל פלעגט זיך פאַר אים פאַרביירוקן דעם העטמאַנס געשטאַלט, אַ באַטריבטע, אַ גרויסע, אַ בייזע. אָבער אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט זיך פון איר וואָס אַמאָל מער דערווייטערט, איז דידאָזיקע געשטאַלט אים געוואָרן כמעט טייער. ביז איצט האָט ער זיך געבויגן פאַר ראַדזיווילן, איצט האָט ער אים אָנגעהויבן ליב צו האָבן. ביז איצט האָט ראַדזיוויל אים מיטגעריסן, ווי אַ מעכטיקער וואַסער-ווירבל רייסט מיט און ציט צו אַלץ, וואָס פאַלט אַריין אין זיין קרייז; איצט האָט קמיטשיץ געפילט, אַז ער וויל פון גאַנצן האַרצן שווימען מיט אים צוזאַמען.

און פונדערווייטנס איז דער ריזיקער וואָיעוואָדע וואָס אַמאָל אַלץ מער אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון יונגן ריטער און כמעט אָן איבערמענטשלעכן פאַרנעם באַקומען. נישט איינמאָל, ווען הער אַנדזשעי האָט די אויגן צום שלאָף צוגעמאַכט, האָט ער געזען דעם העטמאַן ווי ער זיצט אויף אַ טראָן, וואָס שטייגט אַריבער דעם שפּיץ פון אַ סאָסנע. אַ קרוין האָט ער אויפן קאָפּ, דאָס פנים, ווי תמיד, באַטריבט, גרויס, אין די הענט האָט ער אַ

שווערט און אַ סצעפּטער, און בײַ די פֿיס ליגט די גאַנצע רעפּובליק.

און ער האָט זיך אין האַרץ געזעגנט פֿאַר דער גרויסקייט.

אויפֿן דריטן טאָג פֿון דער נסיעה האָבן זיי ווײַט הינטער זיך געלאָזט דעם ניעמען און אַרײַן אין אַ לאַנד, וואָס איז נאָך געדיכטער געווען באַדעקט מיט וועלדער. אויף די וועגן האָבן זיי כּסדר באַגעגנט גאַנצע מחנות פּליטים, און די שליאַכטע, וועלכע האָט קיין כּלי־זיין נישט געקענט טראָגן, איז כּמעט אָן אויסנאַם אַנטלאָפֿן קיין פּרייסן פֿאַר די פֿײַנטלעכע אָפּטיילונגען, וועלכע זענען דאָ נישט געהאַלטן געוואָרן אין דער מורא, ווי בײַ די ברעגעס פֿון דער ווילייע, דורך די שוועדישע און ראַדזיווילס פּולקן, און האָבן זיך דעריבער אָפּט אַרײַנגעלאָזט טיף אין לאַנד אַרײַן, אַזש ביז צו דער גרענעץ פֿון קורפֿירשטלעכן פּרייסן. שלל איז געווען זייער הויפּט־ציל.

נישט איינמאָל זענען דאָס געווען באַנדעס, וועלכע האָבן כּלומרשט געהערט צו זאָלטאַרענקאָס חיילות, אָבער אין דער אמת האָבן זיי נישט אָנערקענט איבער זיך קיין שום קאָמאַנדע — פּשוטע רויבער־אָפּטיילונגען, אַזוי גערופֿענע „פּאַרטיעס", מיט וועלכע עס האָבן אָפֿט אויך אָרטיקע גזלנים אָנגעפֿירט. אויסמײַדנדיק אַ באַגעגעניש אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד מיט מיליטער און אַפֿילו מיט די אָרטיקע דינער, זענען זיי באַפֿאַלן די קלענערע דערפֿער, הויפֿן און רײַזנדע.

די שליאַכטע מיט אירע הויף־מענטשן האָט זיי פּאַרטיליקט אויף אייגענער האַנט און מיט זיי באַצירט די סאָסנעס בײַ די וועגן. פֿונדעסטוועגן איז אין די וועלדער לײַכט געווען זיך אָנצושטויסן אויף זייערע שפּאַרע אָפּטיילונגען און דערפֿאַר האָט הער אַנדזשעי איצט געמוזט זײַן אויסערגעוויינטלעך פֿאָרזיכטיק.

אָבער אַ ביסל ווײַטער, אין פּילווישקי, בײַ דער שעשופּע, האָט שוין הער קמיטשיץ געטראָפֿן אַ באַפֿעלקערונג, וואָס איז רויִק אויפֿן אָרט געזעסן. די אײַנוווינער האָבן אים אָבער דערציילט, אַז נישט לענגער, ווי מיט אַ פּאָר טעג צוריק, איז אויף

דער סטאַראָסטווע אָנגעפאַלן זאָלטאַרענקאָס אַ מעכאַניקע אָפּטיי־לונג, וועלכע האָט געציילט ביז פינף הונדערט מאַן און וואָלט ווי געוויינטלעך אוודאי אַלע מענטשן אויסגעקוילעט און די שטאָט פאַרברענט, ווען נישט די אומגעריכטע הילף, וואָס איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

— מיר האָבן זיך שוין געהאַט מיאש געווען פון יעדער רעטונג — האָט געזאָגט דער פאַכטער פון אַריינפאָר־הויז, בײַ וועלכן הער אַנדזשעי איז איינגעשטאַנען — ווי מיטאַמאָל האָט גאָט אַראָפּגעשיקט עפּעס אַ פּולק. תּחילת האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס איז אַ נייער שונא, און צום סוף זענען דאָס גאָר געווען אייגענע. זיי האָבן זיך באַלד אַ וואָרף געטון אויף זאָלטאַרענ־קאָס הײַדוקעס און אין איין שעה זיי אויסגעקוילעט, בײַרט אַז אויך מיר האָבן צוגעהאָלפן.

— וואָס פאַר אַ פּולק איז דען דאָס געווען? — האָט הער אַנדזשעי געפרעגט.

— זאָל זיי גאָט געבן געזונט!... זיי האָבן זיך נישט אויסגעגעבן ווער זיי זענען, און מיר האָבן אויך נישט די העזה געהאַט צו פרעגן. זיי האָבן אָנגעפאַשעט די פערד, גענומען היי און ברויט וויפיל עס איז געווען און אַוועקגעפאָרן.

— אָבער פונוואַנען זענען זיי געקומען און וווהין זענען זיי געגאַנגען?

— געקומען זענען זיי פון קאַלאָוואַ רודאַ, און אַוועק אויף דרום. און מיר, הגם מיר האָבן שוין פריער געוואָלט אין די וועלדער אַנטלויפן, האָבן מיר זיך איבערגעלייגט און געבליבן, ווייל דער הער וויצע־סטאַראָסטע האָט אויך אונדז געזאָגט, אַז נאָך אַזאַ לעקציע וועט דער שונא אַזוי גיך צו אונדז נישט אַריינ־שמעקן.

קמיציצן האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט די ידיעה וועגן יענער שלאַכט, ער האָט דעריבער ווייטער געפרעגט:

— און ווייסט איר נישט, ווער עס האָט מיט יענעם פּולק אָנגעפירט?

— מיר ווייסן נישט, אָבער מיר האָבן דעם פּולקאָווניק

געזען, ווייל ער האָט אויפן מאַרק מיט אונדז גערעדט. יונג איז ער און דין, ווי אַ נאָדל. ער זעט נישט אויס צו זיין אַזאַ העלד, ווי ער איז...

— וואָלאָדיאָווסקי! — האָט הער קמיטשיץ אויסגערופן.

— צי ער איז וואָלאָדיאָווסקי, אָדער נישט, זאָלן אים די הענט געבענטשט זיין, זאָל אים גאָט העלפן, אַז ער זאָל ווערן אַ העטמאַן.

הער אַנדזשעי האָט זיך טיף פאַרטראַכט. אפֿנים, אַז ער איז געגאַנגען מיט דעם זעלבן וועג, דורך וועלכן עס האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק דורכמאַרשירט הער וואָלאָדיאָווסקי מיט די לאַודער מענטשן. דאָס איז אויך געווען גאַנץ נאַטירלעך, ווייל ביידע זענען געגאַנגען קיין פּאָלעסיע. אָבער דעם הער אַנדזשעי איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז צוליבדיק די נסיעה, וועט ער אפֿשר קענען זיך אָנשטויסן אויפן קליינעם ריטער און אַרייַנפאַלן אין זיינע הענט, און אין אַזאַ פאַל וואָלטן ראַדזיווילס אַלע בריוו מיט אים צוזאַמען אַריבער אין רשות פון די קאָנפעדעראַטן. אַזאַ פאַל וואָלט געקענט צו נישט מאַכן זיין גאַנצע שליחות און מי-יודע וואָסערע שאָדנס ברענגען ראַדזיווילס זאַך. הער אַנדזשעי האָט צוליב דעם באַשלאָסן צו בלייבן אַ פּאָר טעג אין פּילווישקע, כּדי דער לאַודער פּאָלק זאָל האָבן צייט אָפּצופאָרן וואָס ווייטער.

די מענטשן און די פערד, וואָס זענען כמעט אין איין אָטעם געגאַנגען פון קיידאַני (ווייל אונטערוועגס האָבן זיי זיך ביז איצט נאָר אויף קורצע פּאַשע אָפּגעשטעלט), האָבן אויך געדאַרפט זיך אויסרוען, הער אַנדזשעי האָט דעריבער געהייסן די זעלנער אַראָפּנעמען די פּאַק-זאָטלען פון די פערד און זיך צעלייגן אין דער קרעטשמע אויף גוט.

אויפן צווייטן טאָג האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער האָט געטון ווי אַ בר-דעת, ווייל ער האָט באַגיבען נאָך נישט באַוויזן זיך אָנצוטון, ווי דער קרעטשמער האָט זיך פאַר אים געשטעלט און געזאָגט:

— איך ברענג אייך בייעס, גנעדיקער האַר.

— גוטע?

— נישט קיין גוטע, נישט קיין שלעכטע, נאָר דאָס, אַז מיר האָבן געסט. אַ שרעקלעך גרויסער הויף איז זיך דאָ היינט איבערפרי צונויפגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט אין סטאַראָסטעס הויז. פאַרהאַן אַ רעגימענט פוסגייער, און וויפל רייטער, קאַטשן, און דינער!... מען האָט געמיינט, אַז דער קעניג אַליין איז געקומען צו פאָרן.

— וועלכער קעניג?

דער קרעטשמער האָט גענומען דרייען דאָס היטל אין דער האַנט.

— אַכט, אַז מיר האָבן איצט צוויי קעניגס, אָבער קיינער פון זיי איז נישט געקומען, נאָר דער פירשט שטאַלמייסטער.

קמיטשיץ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— וואָס פאַר אַ פירשט שטאַלמייסטער? פירשט באָגיסלאַוו?...

— יאָ, גנעדיקער הער. דער ברודער-זון פון ווילנער וואָיעוואָדע.

הער אַנדזשעי האָט אַזש מיט די הענט אַ פּאַטש געטאָן פון פאַרוואונדערונג.

— אָט האָבן מיר זיך באַגעגנט!

פאַרשטייענדיק, אַז זיין גאַסט איז דעם פירשט באָגיסלאַווס אַ באַקאַנטער, האָט דער קרעטשמער זיך נידעריקער פאַרנייגט, ווי דעם פאַרגאַנגענעם טאָג, און איז אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב, און קמיטשיץ האָט גענומען איילעק זיך אָנטאָן און אין אַ שעה אַרום איז ער שוין געווען פאַרן סטאַראָסטעס הויז.

אין גאַנצן שטעטל האָט געווימלט פון זעלנער. די פוסגייער האָבן די ביקסען אין קאָזלעס אויפן מאַרק אויסגעשטעלט; די רייטער האָבן זיך שוין פון די פערד אַראָפּגעזעצט און פאַרנומען די דערבייאיקע בנינים. זעלנער און הויף-לייט אין די פאַרשידנסטע הלבשות זענען געשטאַנען פאַר די הייזער אָדער זיך איבערגעגאַנגען איבער די גאַסן. די אָפיצירן האָט מען גע-

הערט רעדן פראַנצויזיש און דייטש. קיין איין פוילישער זעלנער, קיין שום פוילישער וואָפן, די פוסגייער און דראַגונער זענען געווען אָנגעטון אויסטערליש, אַנדערש אַפילו ווי די אויס־לענדישע פולק, וועלכע הער אַנדזשעי האָט אין קיידאַני געזען, ווייל זיי זענען געווען אָנגעטון נישט אויפן דייטשיש, נאָר אויפן פראַנצויזישן שטייגער. די זעלנער זענען אָבער געווען שיין און פּרעכטיק, אַז מ׳האָט יעדן איינציקן געקענט פאַר אַן אָפיציר אָנ־נעמען, און הער אַנדזשעי איז נתפעל געוואָרן פון זייער אָנבליק. די אָפיצירן האָבן אויך אויף אים בייגעריק געקוקט, ווייל ער איז געווען יום־טובדיק אויסגעפּוצט אין סאַמעט און אין גאָלד־שטאָף, און זעקס מענטשן, אָנגעטון אין נייע בגדים, זענען אים נאָכגע־גאַנגען אַלס באַגלייטער.

אויפן הויף פון סטאַראָסטעס הויז האָבן זיך געדרייט הויף־לייט, אַלע אויסגעפּוצט לויטן פראַנצויזישן נוסח: די פּאַזשן אין ברייטע מיצלעך מיט פעדערן, די נושאי־כלים אין סאַמעטענע קאַפּטענעס, די שטאַל־קנעכט אין שוועדישע, הויכע שטיוול מיט רונדיקע כאַלעוועס.

אַפנים, אַז דער פירשט האָט נישט געהאַט בדעה לענגער זיך אויסצוהאַלטן אין פּילווישקי און ער האָט נאָר אָפּגעטרעטן אויף פּאַשע, ווייל די קאַטשן האָט מען נישט אַריינגעפירט אין די שאָפּעס, און די פערד האָבן די שטאַל־קנעכט על־רגל אחת געפיטערט פון בלעכערנע זיפּן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין דער האַנט.

קמיטשיץ האָט פאַרן אָפיציר, וואָס האָט געהאַלטן די וואַך פאַרן הויז, זיך פאַרשטעלט ווער ער איז און מיט וואָס ער פאָרט, און יענער איז אַוועק אָפּגעבן אַ באַריכט דעם פירשט. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער גיך צוריקגעקומען מיט דער מעלדונג, אַז דער פירשט וויל תיכף־ומיד זען דעם העטמאַנס שליח און אָנווייזנדיק קמיטשיצן דעם וועג, איז ער צוזאַמען מיט אים אַריין אין הויז.

נאָכדעם, ווי זיי זענען דורכגעגאַנגען דאָס פעדערהויז, האָבן זיי אין דער ערשטער עס־שטוב געטראָפן אַ פּאָר הויף־לייט,

וואָס זענען מיט אויסגעצויגענע פיס געזעסן אויף שטולן און געשמאַק געשלאָפן, זיי האָבן משמעות זייער כּרי געמוזט אַרויספאָרן פון לעצטן פּאַשע־אָרט. פאַר דער טיר פון דער ווייטערדיקער שטוב האָט דער אָפיציר זיך פאַרהאַלטן און פאַרבייגנדיק זיך פאַרן הער אַנדזשעי, האָט ער געזאָגט אויף דייטש:

— דאָרט איז דער פירשט.

הער אַנדזשעי איז אַרייַנגעגאַנגען און זיך פאַרהאַלטן אויף דער שוועל. דער פירשט איז געזעסן פאַר אַ שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען אין עק שטוב און אַזוי פאַרטאָן זיך אייַנגעקוקט אין זיין פּנים, וואָס איז ווייזט אויס נאָר־וואָס באַצויגן געוואָרן מיט רויטער און ווייסער שמינקע, אַז ער האָט נישט באַמערקט דעם אַרייַנגעקומענעם. צוויי קאַמערדינער האָבן קניענדיקערהייט אים צוגעקנעפּלט די שנאָלן אויף די געלענקען פון די פיס בייַ די הויכע רייזע־שטיוול, און ער האָט מיט די פינגער געלאָסן זיך פונאַנדערגעקעמט די געדיכטע, באַם שטערן גלייך אַרומגעשניטענע גזשיבע פון דעם העל־בלאָנדן פּערוק און אפשר גאָר פון די אייגענע געדיכטע האָר.

געווען איז דאָס נאָך אַ יונגער מענטש, פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, און אויסגעזען האָט ער העכסטנס אויף פינף און צוואַנציק. קמיטשיץ האָט אים געקענט, אָבער שטענדיק אויף אים געקוקט מיט נייַגעריקייט, אייַנמאָל צוליב דעם גרויסן ריטערלעכן רום, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם פירשט באָגוסלאַוו און וועלכן עס האָבן אים דער עיקר פאַרשאַפט די דועלן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט מיט פאַרשידענע אויסלענדישע מאַגנאַטן, און צווייטנס, צוליב זיין אייגנאַרטיקער פיגור, וואָס אַז עמעצער האָט זי נאָר אייַנמאָל געזען, האָט ער זי אייביק געמוזט געדענקען. וואָרים דער פירשט איז געווען הויך און פעסט געבויט, אָבער איבער זייַנע ברייטע אַקסלען האָט זיך דערהויבן אַ קאָפּ, וואָס איז געווען אַזוי קליין, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי מ׳וואָלט אים פון אַן אַנדער גוף אַראָפּגענומען. אַ פּנים האָט ער אויך געהאַט אַן אומגעוויינטלעך קליינס, כּמעט ווי פון אַ יונגל, אָבער אויך אין אים

אין גישט געווען קיין פּראָפּאָרציע, ווייל אַ נאָז האָט ער געהאַט אַ גרויסע, אַ רוימישע און אויגן זייער גרויסע, פון אַן אומבאַשרייבלעכער שיינקייט און גלאַנץ, און מיט אַ בליק פון כמעט אַן אָדלערישער שאַרפקייט. לגבי דידאָזיקע אויגן און נאָז, איז די רעשט פנים, וואָס איז דערצו נאָך געווען אַרומגעראַמט מיט לאַנגע געדיכטע געקרייזלטע האָר, כמעט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן; אַ מויל האָט ער געהאַט כמעט אַ קינדישס, איבער אים קליינע וואָנסעלעך, וואָס האָבן קוים באַדעקט די אויבערשטע ליפּ. די דעליקאַטקייט פון דער צערע, וואָס איז בולטער געוואָרן דורך דער רויטער און ווייסער שמינקע, האָט אים ענלעך געמאַכט אויף אַ פרייילין, און צו דערזעלבער צייט האָבן די עזותדיקייט, גדלות און זיכערקייט אין זיך, וואָס זיין פנים האָט אויסגעדריקט, נישט געלאָזט פאַרגעסן, אַז דאָס איז דער באַרימטער chercheur de noises, ווי מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן אין פראַנצויזישן הויף. אַ מענטש, בײַ וועלכן אַ שאַרף וואָרט איז זייער לייכט אַרויסגעגאַנגען פון מויל, נאָך לייכטער אָבער די שווערט פון דער שייד.

אין דייטשלאַנד, אין האָלאַנד און אין פראַנקרייך האָט מען דערציילט ניסים-ונפלאות וועגן זיינע קריגערישע מעשים, צאַנקערייען, אינצידענטן און דועלן. ער האָט דאָס אין האָלאַנד אין גרעסטן קאָך פון דער שלאַכט זיך אַ וואָרף געטון צווישן די אומפאַרמיידלעכע פּולקן פון די שפּאַנישע פוס-גייער און מיט דער אייגענער פירשטלעכער האַנט איינגענומען פולקן און האַרמאַטן; ער האָט בראש פון די רעגימענטן פון פירשט פון אָראַניע איינגענומען באַטעריעס, וואָס אַלטע פירער האָבן געהאַלטן, אַז זיי זענען נישט צום איינעמען; ער האָט בײַם רהיין, בראש פון פראַנצויזישע שיסער, צעקלאַפּט שווערע דייטשישע פולקן, וואָס זענען אין דער דרייסיק-יעריקער מלחמה אויסגעבילדעט געוואָרן; ער האָט אין אַ דועל, אין פראַנקרייך, פאַרוווּנדעט דעם צווישן די פראַנצויזישע ריטער באַרימטסטן פעכט-מייסטער, דעם פירשט דע פרעמואַס; אַ צווייטער באַרימטער מחבל, באַראָן פאָן געץ, האָט אים אויף די קני געבעטן, אַז ער זאָל אים שענקען דאָס

לעבן; ער האָט פאַרוואונדעט דעם באַראָן גראַץ, פאַרוואָס ער האָט פון ברודער יאַנוש געמוזט אויסהערן ביטערע פאָרוואורפן, אַז ער איז מבזה זיין פירשטלעכע ווערדע, שטעלנדיק זיך צום קאַמף מיט מענטשן פון אַ נידעריקערן שטאַנד. ער האָט צום סוף פאַרן גאַנצן פראַנצויזישן הויף, אויף אַ באַל אין לוווּר, דערלאַנגט אַ פּאַטש דעם מאַרקיז דע ריע דערפאַר, וואָס ער האָט אים מיט עפּעס אַ שטעכווערטל פוגע-בכבוד געווען.

די דועלן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אינקאָגניטאָ איבער די קלענערע שטעט, אכסניות און אַריינפאָר-הייזער, זענען פאַרשטייט זיך, נישט אַריינגעגאַנגען אין חשבון.

געווען איז דאָס אַ געמיש פון ווייבערישקייט און אומגעצוימטן מוט. בשעת די זעלטענע און קורצע באַזוכן אין פאָטערלאַנד, האָט ער פאַרטריבן די צייט מיט אַרומקריגן זיך מיט דער פאַמיליע סאַפּיעהאַ און מיט געיעג. אָבער דאַמאָלס האָבן די וואַלדוועכטער געמוזט אים אויסזוכן בערינס מיט קליינע בערעלעך, אַלס אַממייסטן געפערלעכע און פאַרביטערטע, אויף וועלכע ער האָט זיך געיאָגט באַוואָפנט בלויז מיט אַ יאַגד-שפּיז. ווייטער האָט ער זיך געגודעט אין לאַנד און, ווי געזאָגט, איז ער אַראָפּגעקומען אומגערן, צום אָפטסטן אין מלחמה-צייט; מיט אַ גרויסן נצחון האָט ער זיך אויסגעצייכנט באַ בערעסטעטשקאַ, מאָהילאָוו, סמאָלענסק. די מלחמה איז געווען זיין עלעמענט, הגם זיין פלינקער און בויגעוודיקער מוח האָט געטויגט אויך צו אינטריגעס און צו דיפּלאָמאַטישע שפּיצלעך.

אין זיי האָט ער געקענט זיין געדולדיק און אויסהאַלטעוודיק, אַ סך מער, ווי אין די „ליבשאַפטן“, וואָס אַ לאַנגע ריי פון זיי האָט דערגאַנצט די געשיכטע פון זיין לעבן. אין די הויפן, אין וועלכע דער פירשט פלעגט זיך אויפהאַלטן, האָט ער אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די מענער, וואָס האָבן געהאַט שיינע פרויען. מסתמא דערפאַר איז ער אַליין ביז איצט נישט געווען באַווייבט, הגם סיי זיין הויכער יחוס, און סיי זיין פאַרמעגן, וואָס האָט כמעט קיין שיעור און קיין ערך נישט געהאַט, האָבן פון אים געמאַכט איינעם פון די אַממייסטן געגאַרטע שידוכים אין אייראָפּע. עס

האָבן זיך מיט אים געוואָלט משדך זיין די פראַנצויזישע קעניגלעכע פאַמיליע, מאַריאַ לודוויקאַ די פּוילישע, דער פירשט פון אָראַניע און דער פעטער דער קורפירשט פון בראַנדענבורג, אָבער ער האָט ביז איצט בעסער געוואָלט בלייבן אַ פרייער בחור.

— קיין נדן דאַרף איך נישט — פלעגט ער ציניש זאָגן — און אַנדערע תענוגים פעלן מיר אַזוי אויך נישט.

אויף אַזאַ אופן איז ער דערגאַנגען צום עלטער פון פינף און דרייסיק יאָר.

שטייענדיק אויף דער שוועל האָט קמיטשיץ זיך בייגעריק אייַנגעקוקט אין זיין פּנים, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין שפּיגל, און דער פירשט האָט פאַרטראַכטערהייט צעקעמט די האָר פון דער גזשיבקע איבערן שטערן. צום סוף, ווען הער אַנדזשעי האָט אַ הוסט געטון איינמאָל און אַ צווייט מאָל, האָט ער געזאָגט, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ:

— ווער איז דאָרט? דער שליח פון פירשט וואָיעוואָדע?

— נישט קיין שליח, אָבער פון פירשט וואָיעוואָדע! — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט.

דאַמאָלס האָט דער פירשט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און דערזעענדיק דעם גלענצענדיקן יונגן מאַן, האָט ער דערקענט, אַז נישט מיט קיין פּשוטן דינער האָט ער דאָ צו טון.

— זייט מיר מוחל, הער ריטער — האָט ער העפלעך געזאָגט — ווייל איך זע, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט בנוגע דעם אַמט פון דער פּערזאָן. אָבער אייער פּנים איז מיר באַקאַנט, הגם איך קען זיך דעם נאָמען נישט דערמאַנען? איר זענט דעם פירשט העטמאַנס אַ הויף-מאַן?

— איך הייס קמיטשיץ — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט — און קיין הויף-מאַן בין איך נישט, נאָר אַ פּאָלקאָווניק פון דער צייט אָן, וואָס כ'האָב דעם פירשט העטמאַן אַן אייגענעם פּאָלק אָראָפּגעבראַכט.

— קמיטשיץ! — האָט דער פירשט אויסגערופן — דער זעלבער קמיטשיץ, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען אין דער לעצ-

טעך מחנה, וועלכע איז כּוואַנזקין הינטן־אַרום באַפאַלן און שפּעטער אויף אײַנגענער האָבנט אויך נישקשהדיק זיך געהאָלפֿן?... איך האָב דאָך אַ סך וועגן אײַך געהערט!

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט דער פּירשט גענומען אויפֿמערקזאַמער און מיט אַ געוויסן נחת־רוח קוקן אויפֿן הער אַנדזשעי, ווײַל דערפֿון, וואָס ער האָט וועגן אים געהערט, האָט ער געדרונגען, אַז דאָס איז אַ מענטש פֿון זײַן שניט.

— זעצט זיך, הער ריטער — האָט ער געזאָגט — עס פֿרייט מיך מיט אײַך בעסער זיך צו באַקענען. און וואָס הערט מען דאָרט אין קיידאַני?

— אָט איז אַ בריוו פֿון פּירשט העטמאַן — האָט קמיטשיץ געענטפֿערט.

די קאָמאַנדירער, וועלכע האָבן געענדיקט צו פֿאַרקנעפּלען דעם פּירשטס שטיוול, זענען אַרויסגעגאַנגען, און דער פּירשט האָט אָפּגעבראָכן דעם זיגל און גענומען לייענען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אויף זײַן פּנים אָפּגעשלאָגן אַ לאַנגווײַליקייט און אַן אומצופֿרידנקייט. ער האָט אַ וואָרף געטון דעם בריוו אונטערן שפּיגל און געזאָגט:

— גאָרנישט קיין נײַעס! דער פּירשט וואָיעוואָדע עצהט מיר, אַז כ'זאָל זיך אַריבערטראָגן קיין פּרײַסן, קיין טילצאָ אָדער טויראַגי, וואָס, ווי איר זעט, איך טו טאַקע. בנאמנות, כ'פֿאַרשטיי נישט דעם ברודער... ער איז מיר מודיע, אַז דער קורפּירשט איז אין דער מאַרק־גראַפֿשאַפֿט און אַז ער קען קיין פּרײַסן דורך די שוועדן זיך נישט דורכקריגן, און שרײַבט צו דער זעלבער צײַט, אַז די האָר שטעלן זיך אים אַזש אויפֿן קאָפּ קאַפּויער, וואָס איך שטעל זיך נישט מיט אים אין פֿאַרבינדונג מכּוח הילף. אָבער ווי אַזוי זאָל איך דאָס טון? אויב דער קורפּירשט קען זיך דורך די שוועדן נישט דורכקריגן, הייסט ווי אַזוי וועט מײַן שליח זיך דורכקריגן? אין פֿאַלעסיע בין איך געזעסן, ווײַל איך האָב עפּעס אַנדערש נישט געהאַט צו טון. כ'וועל אײַך זאָגן, מײַן ריטער, אַז עס איז מיר שרעקלעך לאַנגווײַליק געוואָרן. די בערן, וואָס זענען לעבן ט קאָטשין, האָב איך אַלע אויסגעשטאָכן. פֿון

די מיידלעך פון יענעם קאַנט שפירט זיך אַ ריח פון פעל, וועלכע די באַזלעכער מיינע קענען נישט פאַרטראָגן... אָבער!... פאַר־שטייט איר, הער ריטער, פראַנצויזיש אָדער דייטש?

— כ׳פאַרשטיי דייטש — האָט קמיטשיק געזאָגט.

— געלויבט איז גאָט!... כ׳וועל רעדן דייטש, ווייל פון אייער לשון ווערן מיר די ליפּן אָנגעלאָפן.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט דער פירשט אַרויסגערוקט די אונטערשטע ליפּ און געגומען זי לייכט אָנרירן מיט די פינגער, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, צי זי איז נישט אָנגעלאָפן געוואָרן אָדער געפּלאַצט; דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אין שפּיגל אַריין און ווייטער געזאָגט:

— עס זענען צו מיר דערגאַנגען קלאַנגען, אַז לעבן לוקאָוו האָט עפּעס אַ שליאַכטשיץ סקשעטוסקי אַ בילד־שיין ווייב. דאָס איז חייט!... איך האָב אָבער פונדעסטוועגן געשיקט מענטשן, אַז זיי זאָלן זי כאַפּן און צוהערברענגען... דערווייל, איר ווייסט עס גלייבן, הער קמיטשיק, האָט מען זי גאַרנישט געטראָפן אינ־דערהיים!

— דאָס איז אַ גליק — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט — ווייל דאָס איז די פרוי פון אַ חשובן ריטער, אַ באַרימטן זבאַראַ־זשער העלד, וועלכער האָט פון זבאַראַזש דורך כמיעלניצקיס לאַ־גער מאַכט זיך דורכגעריסן.

— דעם מאַן האָט מען באַלאַגערט אין זבאַראַזש, און איך וואָלט דאָס ווייב באַלאַגערט אין טיקאָטשין... מיינט איר, אַז זי וואָלט זיך אויך אַזוי האַרטנעקיק פאַרטיידיקט?

— דער גנעדיקער הער פירשט וואָלט קיין מלחמה־ראַט נישט געדאַרפט באַ אַזאַ באַלאַגערונג, זאָל ער זיך אויך באַגיין אָן מיין מיינונג! — האָט הער אַנדזשעי שאַרף געענט־פערט.

— אמת! אָן עבֿרה וועגן דעם צו רעדן — האָט דער פירשט געזאָגט — איך קער צוריק צום ענין: האָט איר נאָך עפּעס בריוו?

— וואָס איך האָב געהאַט צום גנעדיקן הער פירשט, האָב

איך אָפּגעגעבן, און אַ חוץ דעם האָב איך נאָך צום שוועדישן קעניג, צי ווייסט איר נישט, גנעדיקער הער פּירשט, ווו איך זאָל אים זוכן?

— כ'ווייס גאָרנישט. פון וואַנען זאָל איך וויסן? אין טיקאָטשין איז ער נישטאָ, איך קען אייך דערפאַר גוט־זאָגן, ווייל ווען ער וואָלט דאָרט איינמאָל אַריינגעשמעקט, וואָלט ער אויף דער ממשלה איבער דער גאַנצער רעפּובליק מוותר געווען. וואַרשע איז שוין אין די שוועדישע הענט, ווי איך האָב דאָס אייך געשריבן, אָבער דאָרט וועט איר אויך זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט נישט געפינען. ער מוז זיין בא קראָקע, אָדער אין קראָקע גופא, אויב ער איז ביז איצט אין קעניגלעכן פּרייסן נישט אַוועק אין וואַרשע וועט איר אַלץ געוווּיר ווערן. לויט מיין מיינונג, מוז קאַרל גוסטאַוו וועגן די פּרייסישע שטעט אַ טראַכט טון, ווייל ער קען זיי הינטער זיך נישט איבערלאָזן. ווער וואָלט זיך דאָס געריכט, אַז ווען די גאַנצע רעפּובליק פאַרלאָזט איר קעניג, ווען די גאַנצע שליאַכטע פאַרייניקט זיך מיט די שוועדן, ווען די וואָיעוואָדסטוועס גיבן זיך אונטער איינע נאָך דער אַנדערער — דווקא דאָמאָלס ווילן די פּרייסישע שטעט, די דייטשן און די פּראָטעסטאַנטן, נישט הערן וועגן די שוועדן און זענען זיך גאָר מבין צו אַ ווידערשטאַנד. זיי ווילן אויסהאַלטן, זיי ווילן די רעפּובליק ראַטעווען און יאַן קאַזשימיעזשן דערהאַלטן! אָנהייבנדיק דידאָזיקע אַרבעט האָבן מיר געמיינט, אַז עס וועט אַנדערש זיין, אַז זיי דווקא וועלן קודם־כל העלפן אונדז און די שוועדן צו צעשניידן דאָסדאָזיקע לאַבן ברויט, וואָס איר רופט אַ רעפּובליק. און דאָ רירט מען זיך אפילו נישט פון אָרט! נאָך אַ נס, וואָס דער קורפירשט האָט זיי דאָרט אויפן אויג. ער האָט זיי שוין פאָרגעלייגט הילף קעגן די שוועדן, אָבער די דאַנציקער טרויען אים נישט און זאָגן, אַז זיי האָבן אַליין גענוג כוחות...

— מיר הייסן שוין וועגן דעם אין קיידאַני — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

— אויב זיי האָבן נישט גענוג כוחות, האָבן זיי יעדנפאַלס אַ גוטן חוש־הריח — האָט דער פּירשט לאַכנדיק ווייטער גע-

זאָגט — ווייל דעם בעסטער קורפירשט, מיין איך, גייט־אָן די רעפּובליק פּונקט אַזוי פיל, וויפיל מיך, אָדער דעם ווילנער וואָיעוואָדע.

— דער גנעדיקער הער פירשט וועט מיר דערלויבן דאָס אָפּצושפּאַרן — האָט קמיטשיץ האַסטיק געזאָגט — דעם ווילנער וואָיעוואָדע גייט נאָר די רעפּובליק אָן, און פאַר איר איז ער גרייט צו קעמפן ביזן לעצטן אָטעם און לעצטן טראָפּן בלוט.

דער פירשט באָגוסלאַוו האָט גענומען לאַכן.

— איר זענט יונג, ריטער, יונג! אָבער דאָס איז נישט וויכטיק! דעם קורפירשט גייט וועגן דעם, אַז ער זאָל קענען דאָס קעניגלעכע פּרייסן פאַרכאַפּן און נאָר דערפאַר לייגט ער אים פאָר זיין הילף. אַז ער וועט עס איינמאָל אין זיינע הענט האָבן, וועט ער צומאָרגנס גרייט זיין שלום צו מאַכן מיט די שוועדן, יאָ אפילו מיטן טערק און מיטן טייוול. זאָלן אים נאָך די שוועדן אַ שטיק גרויס־פּוילן צוגעבן, איז ער גרייט זיי צו העלפן מיט אַלע כוחות צו פאַרנעמען די רעשט. די צרה איז אָבער דאָס, וואָס אויך די שוועדן שאַרפן די ציין אויף פּרייסן און דערפון נעמט זיך דער אומצוטרוי צווישן זיי און דעם קורפירשט.

— מיט פאַרוווּנדערונג הער איך אייערע ווערטער, גנעדיקער הער פירשט! — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן.

— דער טייוול האָט מיך שיִער נישט גענומען אין פּאָלעסיע — האָט דער פירשט געענטפערט — וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געמוזט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט... אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טון? צווישן מיר און דעם פירשט וואָיעוואָדע איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז כל־זמן דער מצב אין פּרייסן וועט נישט קלאָר ווערן, וועל איך אָפן נישט אַריבערגיין אויף די זייט פון די שוועדן. און ס'איז ריכטיק אַזוי, ווייל אויף אַזאַ אופן בלייבט אָפן אַ טיר. כ'האָב אפילו געשיקט געהיימע שליחים צו יאַן קאַזשימיעזשן, מיטטיילנדיק, אַז איך בין גרייט אין פּאָליעסיע דעם לאַנד־שטורעם צונויפצורופן, אַבי ער זאָל מיר אַ מאַניפעסט צושיקן. דער קעניג, ווי דער קעניג, וואָלט זיך אפשר געלאָזט אין באָד אַריין פירן, אָבער די קעניגין טרויט מיר משמעות נישט און

האָט אים געמוזט דערפֿון אָפּרעדן. ווען נישט די ווײַבער, וואָלט איך הײַנט געשטאַנען בראָש פֿון דער גאַנצער פּאָלעסיער שליאַכטע, און נאָך מער: יענע קאָנפֿעדעראַטן, וואָס מאַכן איצט חרובֿ־ומחרבֿ דעם פֿירשט יאַנושס גיטער, וואָלטן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי צו שטעלן זיך אונטער מײַן קאָמאַנדע. איך וואָלט זיך אויסגערופֿן פֿאַר יאַן קאַזשימיעזשס אַן אָנהענגער, און אין דער אמתן, האָבנדיק אַ מאַכט אין דער האַנט, וואָלט איך זיך געדונגען מיט די שוועדן. אָבער יונגע באַבע פֿאַרשטייט אַן עסק און טרעפֿט דעם פֿאַרבאָרגנסטן געדאַנק. אַן אמתער קעניג איז דאָס, און נישט אַ קיניגין! זי האָט מער שׂכל אין איין פֿינגער, ווי יאַן קאַזשימיעזש אין גאַנצן קאָפּ.

— דער פֿירשט וואָיעוואָדע... — האָט קמיטשיץ אָנגעהויבן.

— דער פֿירשט וואָיעוואָדע — האָט באָגוסלאַוו אומגעדולדיק איבערגעהאַקט — פֿאַרשפּעטיקט זיך תּמיד מיט זײַנע עצות; ער שרײַבט מיר אין יעדן בריוו: „טו דאָס און דאָס“. און איך האָב דאָס שוין לאַנג טאַקע געטון. דער פֿירשט וואָיעוואָדע פֿאַרלירט נאָך אַ חוץ דעם קאָפּ... אָט הערט, ריטער, וואָס נאָך ער פֿאַרלאַנגט פֿון מיר...

דאָ האָט דער פֿירשט געכאַפּט דעם בריוו און גענומען לייענען אויף אַ קול:

„אַליין זאָלט איר, גנעדיקער הער פֿירשט, אין וועג זײַן געוואָרנט, און וועגן די אויסוואָרפֿן, די קאָנפֿעדעראַטן, וואָס האָבן זיך קעגן מיר צעבונטעוועט און ווילדעווען אין פּאָלעסיע, געדענקט אין גאָט, גנעדיקער הער פֿירשט, גיט וועגן זיי אַ טראַכט, און צערײַבט זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן צום קעניג נישט גיין. זיי גרייטן זיך צו מאַרשירן אויף זאַבלודאָוו, און דאָרט איז פֿאַרהאַן שטאַרק ביר; אַז זיי וועלן זיך אָנשיכּורן, זאָל מען זיי אויסשעכטן, יעדער ווירט זאָל אויסשעכטן זײַנע. ווײַל קיין בעסערן סוף פֿאַרדינען זיי נישט; אָבער אַז די מנהיגים וועלן אָפּגערוימט ווערן, וועלן זייערע כּוחות צעברעקלט ווערן“.

דאָ האָט באָגוסלאַוו אַ וואָרף געטון דעם בריוו מיט אומצו־פרידנהייט אויפֿן טיש.

— הערט־זשע, הער קמיטשיץ — האָט ער געזאָגט — דאַרף איך, הייסט עס, אין איין צייט אי אַרויספּאָרן קיין פּרייסן און אי איינאָרדענען אַ שחיטה אין זאַבלודאָוו; אין איין צייט אי זיך נאָך אויסגעבן פֿלומרשט פֿאַר יאַן קאַזשימיעזשס אַן אָנהענגער און פֿאַר אַ פּאַטריאָט און אי אויסקוילן די דאָזיקע מענטשן, וואָס ווילן דעם קעניג און דאָס פֿאָטערלאַנד פֿאַראַטן? האָט דאָס אַ זין? בינדט זיך דען איינס מיטן צווייטן? באמת, דער פֿירשט העטמאַן פֿאַר־לירט דעם קאָפּ. אָט האָב איך אויך איצט, גייענדיק דאָ אַהער קיין פּליווישקי, באַגעגנט אויפֿן וועג עפּעס אַ גאַנצן צעבונטעט־וועטן פֿולק, וואָס האָט געאײַלט קיין פּאָלעסיע. איך וואָלט גערן איבער זייערע בייכער דורכגעפּאָרן, שוין דערפֿאַר, ווײַל דאָס וואָלט מיר אַ נחת־רוח פֿאַרשאַפֿט; אָבער כּל־זמן איך בין נישט קיין אָפֿענער שוועדישער פּאַרטיזאַנט, כּל־זמן דער קורפֿירשט האַלט נאָך פֿלומרשט מיט די פּרייסישע שטעט, דאָס הייסט מיט יאַן קאַ־זשימיעזשן, קען איך זיך אַזעלכע נחת־רוחס נישט דערלויבן. באמת, איך קען נישט... אַלץ, וואָס איך האָב געקענט טון, איז טרייבן פּאָליטיק מיט דידאָזיקע מורדים, פּונקט ווי זיי האָבן מיט מיר פּאָליטיק געטריבן. זיי האָבן מיך דערבײַ חושד געווען אין אַ מגע־ומשא מיטן העטמאַן, אָבער זיי האָבן קיין באַשײַנפּערלעכן באַ־ווײַז נישט געהאַט.

דאָ האָט דער פֿירשט בהרחבהדיק זיך צעשפּרייט אויף דער שטול, אויסגעצויגן די פֿיס און פֿאַרלייגנדיק די הענט אונטערן קאָפּ, האָט ער גענומען איבערחזרן:

— עט, אַ תּוהו־ובוהו איז אין אייער רעפּובליק, אַ תּוהו־ובוהו!... אין דער וועלט זעט מען דאָס גאָרנישט!...

דערנאָך איז ער אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן; אַפּנים, עפּעס אַ געדאַנק איז אים געקומען אין קאָפּ אַרײַן, ווײַל ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטון אין פּערוק און געפֿרעגט:

— און איר וועט נישט זײַן אין פּאָלעסיע?

— וואָס הייסט? — האָט קמיטשיץ געזאָגט — איך מוז

דאָרט זיין, ווייל כ'האָב אַ בריוו מיט אַ אינסטרוקציעס צו האַראַסימאָוויטשן, צום וויצע-סטאַראָסטע אין זאַבלודאָוו.

— באַ גאָט? — האָט דער פירשט זיך אָנגערופן — האַראַסימאָוויטש איז דאָ מיט מיר. ער פאָרט מיטן העטמאַנס זאַכן קיין פרייסן, ווייל דאָרט האָבן מיר מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די קאָנפעדעראַטן. וואַרט, איך וועל אים הייסן רופן.

דאָ האָט דער פירשט אַ געשריי געטון אויפן קאַמערדינער און געהייסן אים רופן דעם וויצע-סטאַראָסטע, און אַליין האָט ער געזאָגט:

— אַ גאַנץ גוטער טראַף! איר וועט זיך איינשפּאָרן אַ וועג... הם... ס'איז אפשר אויך אַ שאָד, וואָס איר וועט קיין פּאָלעסיע נישט פאָרן, ווייל דאָרט איז צווישן די מנהיגים פון דער קאָנפעדעראַציע פאַרהאַן אויך אייערס אַ קרוב.. איר וואָלט אים געקענט געווינען אויף אייער זייט.

— כ'וואָלט דערצו קיין צייט נישט געהאַט — האָט קמיציטש געזאָגט — ווייל איך איל מיך צום שוועדישן קעניג און צום הער לובאָמירסקי.

— אַ, האָט איר בריוו אויך צום הער קרוין-מאַרשאַל? ער, כ'שטויס מיך אָן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך... אַמאָל האָט דער הער מאַרשאַל געטראַכט מזוג צו זיין זיין זינדל מיט יאַנושס טאָכטער... ווייל נישט אַ מאָל דער העטמאַן אויף אַ דעליקאַטן אופן איצט באַנייען די אונטערהאַנדלונגען?...

— וועגן דעם טאַקע האַנדלט עס זיך.

— ביידע זענען זיי נאָך ממש קינדער... הם! אַ דעליקאַטע שליחות איז דאָס, ווייל דעם העטמאַן שטייט נישט אָן דער ערשטער זיך איינצובעטן. אגב..

דאָ האָט דער פירשט דעם שטערן געראָנצלט.

— אגב, וועט דערפון גאָרנישט זיין... נישט פאַר הערראַקלושן איז דעם פירשט העטמאַנס טאָכטער. איך זאָג דאָס אייך! דער פירשט העטמאַן דאַרף פאַרשטיין, אַז זיין פאַרמעגן מוז בלייבן אין די הענט פון די ראַדזיווילס.

קמיטשיק האָט מיט פאַרווונדערונג געקוקט אויפֿן פּירשט, וועלכער האָט וואָס אַ מאָל אײַליקער געשפּאַנט איבער דער שטוב. מיטאַמאָל האָט ער זיך פֿאַ האַלטן פֿאַרן הער אַנדזשעי און געזאָגט:

— גיט מיר דאָס ריטערלעכע וואָרט, אַז איר וועט ענט־פֿערן דעם אמת אויף מײַן שאלה.

— גנעדיקער הער פּירשט — האָט קמיטשיק געזאָגט — עס זאָגן ליגן נאָר די, וואָס האָבן מורא, און איך האָב פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט.

— האָט דער פּירשט וואָיעוואָדע געהייסן האַלטן פֿאַר מיר בסוד די אונטערהאַנדלונגען מיט לובאָמירסקין?

— ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ באַפֿעל, וואָלט איך וועגן הער לובאָמירסקין לגמרי נישט געווען דערמאָנט.

— איר האָט זיך געקענט פֿאַררעדן. גיט דאָס וואָרט!

— איך גיב — האָט קמיטשיק געזאָגט, קנײַטשנדיק די ברעמען.

— אַ שטיין האָט איר מיר פֿון האַרץ אַראָפּגענומען, ווײַל כ'האָב געמיינט, אַז דער פּירשט וואָיעוואָדע פֿירט מיט מיר אויך אַ טאָפּלט שפּיל.

— איך פֿאַרשטיי נישט, גנעדיקער הער פּירשט.

— כ'האָב נישט געוואָלט אין פֿראַנקרײַך חתונה האָבן מיטן פֿרײַלין ראָהאַן, נישט רעכענענדיק שוין אַ האַלבן שאָק אַנדערע פּרינצעסינס, וואָס מען האָט מיר געשדכנט... ווייסט איר פֿאַר וואָס?

— כ'ווייס נישט.

— ווײַל עס איז פֿאַרהאַן אַ מדובר צווישן מיר און דעם פּירשט וואָיעוואָדע, אַז זײַן מיידל און זײַן עשירות וואַקסן פֿאַר מיינעטוועגן. אַלס אַ געטרײַער דינער פֿון די ראַדזיווילס, מעגט איר וועגן אַלץ וויסן.

— אַ דאַנק פֿאַרן צוטרוי... אָבער דער גנעדיקער הער פּירשט האָט אַ טעות... איך בין נישט קיין דינער פֿון די ראַדזיווילס.

באָגוסלאַוו האָט ברייט די אויגן אויפגעמאַכט.

— וואָס־זשע דען זענט איר?

— אַ העטמאַנישער. און נישט קיין הויפישער פּוּלקאָוו־ניק בין איך, און דערצו נאָך דעם פירשט־וואָיעוואָדעס אַן אייגענער?

— אַן אייגענער?

— ווייל איך שטאַם פון די קישקעס און דעם העטמאַנס מוטער איז אַ געבוירענע קישקע.

דער פירשט באָגוסלאַוו האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף קמי־טשיצן, וועמענס פּנים איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ לייכטער רויטקייט. מיטאַמאָל האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט און גע־זאָגט:

— איך בעט אייך איבער, קוזין, און גראַטוליר אייך מיטן יחוס...

די לעצטע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט עפּעס אַ ביטולדיקער, הגם געקינסטעלטער העפלעכקייט, פון וועלכער הער אַנדזשעי האָט זיך אָבער געפילט פּשוט געטראָפן. זיינע באַקן זענען נאָך מער רויט געוואָרן און ער האָט שוין געעפנט דאָס מויל פּעס צו זאָגן, ווי די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און גובער־נאַטאָר האַראַסימאָוויטש האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

— פאַרהאַן אַ בריוו צו אייך — האָט פירשט באָגוסלאַוו געזאָגט.

האַראַסימאָוויטש האָט זיך פאַרנייגט פאַרן פירשט און דער־נאָך פאַרן הער אַנדזשעי, וועלכער האָט דערלאַנגט דעם פירשטס בריוו.

— לייענט! — האָט פירשט באָגוסלאַוו געזאָגט.

האַראַסימאָוויטש האָט גענומען לייענען:

„הער האַראַסימאָוויטש! איצט איז צייט צו ווייזן די פריינט־שאַפט פון אַ גוטן דינער צום האַר. וויפיל געלט איר קענט צו־נויפקלייבן אי איר אין זאַבלודאָוו און אי הער פּשיגאָנסקי אין אָזשעל..."

— דעם הער פּשיגאָנסקי האָבן די קאָנפעדעראַטן אין אָזשעל

צעהאַקט — האָט דער פּירשט איבערגעריסן — דערפאַר מאַכט הער האַראַסימאָוויטש פּליט...

דער וויצע-סטאַראָסטע האָט זיך פאַרנייגט און ווייטער געלייענט:

„אי הער פּשינסקי אין אָזשעל, מעג זיין פון עפּנטלעכע אָפּגאָבן, מעג זיין פון פּאַכט, פון אַרענדעס...

— די קאָנפעדעראַטן האָבן זיי שוין צוגענומען — האָט פּירשט באָגוסלאַוו ווידער איבערגעהאַקט.

„...שיקט מיר וואָס גיכער (האָט האַראַסימאָוויטש ווייטער געלייענט). אפשר קענט איר אויך וועלכע עס איז דע־פּער באַ די שכנים אָדער שטאָט־לייט פאַרזעצן, נעמענדיק אויף זיי וואָס מער געלט; און ווו עס וועט זיך נאָר מאַכן אַ געלעגנהייט צו באַקומען געלט, באַמיט זיך און שיקט עס אַוועק צו מיר. די פּערד און אַלע זאַכן, וואָס עס איז נאָר דאָרט פאַרהאַן, יאָ! אויך דעם גרויסן לייכטער אין אָזשעל און נאָך אַנדערע חפצים, די בילדער און שמוק־זאַכן, און דער עיקר יענע קאַנאָנען, וואָס שטייען אין גאַנצן באַם ברודער, דעם גנעדיקן הער פּירשט, שיקט אַרויס, ווייל אַנישט זענען זיי אין אַ סכנה אַריינצופאַלן אין די הענט פון רויבער...“

— ווידער אַ פאַרשפּעטיקטע עצה, ווייל די קאַנאָנען גייען שוין מיט מיר! — האָט דער פּירשט זיך אָנגערופן.

„...אויב עס וועט מיט די לאַפעטן צו שווער זיין, שיקט בלויז די האַרמאַטן אָן די לאַפעטן, דעקט זיי אָבער צו, כדי מען זאָל נישט וויסן, וואָס מען פירט. און די דאָזיקע זאַכן, וואָס גיכער קיין פּרייסן באַזאָרגן, היטנדיק זיך צום מערסטן פאַר יענע בוגדים, וואָס האָבן נאָכדעם, ווי זיי האָבן אין מיין מיליטער אַ מרידה אַרויסגערופן, דריקן זיי מיינע סטאַראָסטוועס...

— אוי, דריקן זיי! זיי וועלן זיי אויף קוואַרק צעקוועטשן! — האָט דער פּירשט ווידער איבערגעריסן.

„...דריקן זיי מיינע סטאַראָסטוועס און גרייטן זיך צו מאַרשירן אויף זאַבלודאָוו, גייענדיק אַפּנים צום קעניג. שלאָגן זיך מיט זיי איז שווער, ווייל זיי זענען דאָך אַסך, אָבער איך זאָלט זיי

אָדער אַרײַנלאָזן און גוט אָנשיכּורן און באַנאַכט שלאָפנדיקערהייט אויסקוילען (יעדער ווירט קען דאָס מאַכן) אָדער זיי מיט שטאַרקן ביר פאַרסמען, אָדער גאָר, וואָס עס לאָזט זיך דאָרט לייכט מאַכן, אָפּלאָזן אויף זיי אַ קופּע רוצחים, וועלכע זאָלן איבער זיי אַ הוליע טון...״

— נו, קיין שום נייעס נישט! — האָט פירשט באָגוסלאַוו געזאָגט — איר קענט, הער האַראַסימאָוויטש, ווייטער פאָרן מיט אונדז...

— פאַרהאַן נאָך אַ צוגאָב — האָט דער וויצע־סטאַראָסטע געענטפערט.

און גענומען ווייטער לייענען:

„...די ווייבער, אויב מען קען זיי נישט אויספירן (ווײַל דאָ בײַ אונדז קען מען זיי שוין אין ערגעץ נישט באַקומען), זאָל מען זיי פון דער האַנט אַוועק פאַר מזומן געלט פאַרקויפן...״

דאָ האָט הער האַראַסימאָוויטש אַליין מפסיק געווען און זיך פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט.

— בײַ גאָט! די ווייבער גייען אויף אַ מרחק פון אַ האַלבן טאָג גאַנג הינטער אונדז און זענען אוודאי אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון יענעם צעבונטעוועטן פולק, וואָס איז פאַר אונדז פאַרבײַגעגאַנגען. עס וועט זײַן אַ היזק אויף אַ טויזנט רויטע גילדן. זאָל דער גנעדיקער הער פירשט פאַר מיר עדות זאָגן, אַז ער האָט מיך אַליין געהייסן וואַרטן, ביז מ'וועט די פּעסלעך אויף די וועגנס אַרויפפּאַקן.

הער האַראַסימאָוויטשס שרעק וואָלט נאָך גרעסער געווען, ווען ער וואָלט געקענט דעם הער זאַגלאָבאַ און ווען ער וואָלט געוווּסט, אַז ער געפינט זיך טאַקע אין יענעם פולק. דערווײַל אָבער האָט פירשט באָגוסלאַוו זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— זאָל עס זיי וווּיל באַקומען! לייענט ווייטער!

„...און אויב קיין קונה וועט זיך נישט געפינען...״

פירשט באָגוסלאַוו האָט זיך אַזש בײַ די זײַטן אָנגעכאַפּט פאַר געלעכטער:

— ער האָט זיך שוין געכאַפּט — האָט ער געזאָגט — נאָר מען וועט אים דאַרפן באַרגן.

„און אויב קיין קונה וועט זיך נישט געפינען (האָט הארעסימאָוויטש געלייענט מיט אַן אונטעקטער שטים), זאָל מען זיי אין דער ערד פאַרגראָבן, אַז קיינער זאָל נישט זען און מער ווי צוויי זאָלן וועגן דעם נישט וויסן. אַ פעסל אָדער צוויי זאָל מען אָבער אין אַזשעל און אין זאַבלודאַוו איבערלאָזן, און דאָס פון די בעסערע און זיסערע, כדי זיי זאָלן זיי פאַרשמעקן, און אַריינגיין אין זיי אַ היפּש ביסל סם, כדי די עלטסטע על כל-פנים זאָלן אויספּגרן, וועט זיך דאָס חייל צעטריפן. באַ גאָט, פירט דאָס אַלץ אויס בשלמות, אָבער בסוד-סודות, געדענקט אין גאָט!... און דאָס, וואָס איך שרייב, זאָלט איר פאַרברענען און ווער עס וועט וועגן עפּעס וויסן, זאָלט איר גים שיקן צו מיר. אָדער זיי וועלן אַליין געפינען און אויסטרינקען, אָדער מען קען עמעצן דינגען, וואָס זאָל זיי דידאָזיקע משקה אַוועקשענקען...“

דער וויצע-כמאַראָסטע האָט געענדיקט דאָס לייענען אין געניטמען קוקן אויפן פּירשט באַוסלאַוו, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן אינסטרוקציע, און דער פירשט האָט געזאָגט:

— כ'זע, אַז מיין ברודער טראַכט זייער אַ סך וועגן די קאָנפעדעראַטן, אַ שד נאָר, וואָס, ווי תמיד, צו שפּעט!... וועגן ער וואָלט מיט צוויי, אָדער כאָטש מיט אַ וואָך צוריק געפאַלן אויף יענער קלוגער המצאה, וואָלט מען געקענט פּרווון. און איצט גייט אייך געזונטערהייט, הער הארעסימאָוויטש, ווייל מיר דאַרפן אייך שוין נישט האָבן.

האַרעסימאָוויטש האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

פירשט באַוסלאַוו האָט זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל אין גאַנוטען זיך שטאַרק איינקוקן אין זיין אייגענער פיגור, דערביי האָט ער לייכט געדרייט מיטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, דאָ האָט ער זיך אָפּגערוקט פון שפּיגל און דאָ צוגעגאַנגען, דאָ געטרייסלט מיט די לאָקן, דאָ געוואָרפן בליקן פון אַ זייט, נישט

לויקנדיק לגמרי אויף קמיטשיצן, וועלכער איז געזעסן אין שאָטן, אומגעדרייט מיט די פּלייצעס צום פענסטער.

ווען ער וואָלט אָבער נאָר איין בליק געוואָרפן אויף הער אַנדזשעיס פּנים וואָלט ער דערקענט, אַז אין יענעם שליח קומט פאָר עפּעס משונהדיקס. וואָרים קמיטשיצס פּנים איז געווען בלייך, אויפן שטערן האָבן אים אַרויסגעשלאָגן געדיכטע טראָפּנס שווייס, און די הענט האָבן אים קאָנוווּלסיוו געציטערט. אַ ווײַלע האָט ער זיך אויפגעהויבן פון דער שטול און באַלד זיך ווידער אַוועקגעזעצט, ווי אַ מענטש וואָס ראַנגלט זיך מיט זיך און וויל אין זיך איינהאַלטן דעם אויסברוך פון כעס אָדער יאוש. צום סוף האָבן זיך זײַנע שטריכן צוזאַמענגעצויגן און פאַרגליווערט געוואָרן; אַפּנים, ער האָט מיט דער גאַנצער קראַפט פון מעכטיקן ווילן און ענערגיע אויף זיך גוזר געווען רויק זיך צו פאַרהאַלטן און פולשטענדיק באַקומען די שליטה איבער זיך.

— גנעדיקער הער פירשט — האָט ער געזאָגט — פון דעם צעטל, מיט וועלכן דער פירשט העטמאַן באַשענקט מיך, זעט איר, גנעדיקער הער פירשט, אַז ער וויל פאַר מיר פון קיין שום זאַך קיין סוד נישט מאַכן. איך געהער מיט מײַן נשמה און פאַרמעגן צו זײַנע אונטערנעמונגען; באַ זיין און אייער פאַרמעגן קען אויך מײַנס אויסוואַקסן, דעריבער, דאָרט, וווּ איר וועט גיין, וועל איך אויך גיין... איך בין גרייט אויף אַלץ! אָבער הגם איך דין באַם פירשט און געפין מיך שטענדיק אין זײַן סביבה איז מיר אוודאי נאָך נישט אַלץ קלאָר, און איך בין אויך נישט בכוח אַלע סודות מיטן אייגענעם שוואַכן מוח צו באַנעמען.

— בכן וואָס ווילט איר, הער ריטער, און בעסער געזאָגט, שיינער קוזין? — האָט דער פירשט געפרעגט.

— איך בעט מיך לערנען, גנעדיקער הער פירשט, ווייל עס וואָלט מיר דאָך געווען אַ בושה, ווען איך וואָלט באַ אַזעלכע מלוכה־מענער זיך גאָרנישט באַוויזן אויסצולערנען. איך ווייס נאָר נישט, צי דער גנעדיקער הער פירשט וועט באַוויליקן מיר אויפריכטיק צו ענטפערן?

— דאָס וועט זיין אָפּהענגיק פון אייער פראַגע און פון

מיין געמיט — האָט באָגוסלאַוו געענטפערט, נישט אויפהערנדיק צו קוקן אין שפיגל.

קמיטשיצס אויגן האָבן אויף אַ ווײַלע אַ בליץ־געטון, אָבער ער האָט ווייטער רויק געזאָגט:

— די זאַך איז אַזאַ: דער פירשט וואַיעוואָדע טוט אַלע זיינע מעשים אין נאָמען פון וויל און ישועה פון דער רעפּובליק. ער הערט גאָרנישט אויף צו רעדן וועגן דער רעפּובליק. באַוויליקט־זשע, גנעדיקער הער פירשט, מיר אויפריכטיק צו זאָגן: איז דאָס נאָר אַ נויטיקער אָנשטעל, אָדער דער פירשט העטמאַן איז באמת באַר אויסן די טובה פון דער רעפּובליק?...

באָגוסלאַוו האָט געוואָרפן אַ שאַרפן און דורכדרינגענדיקן בליק אויף דעם אַנדזשעי.

— און אַז איך וואָלט אייך געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אָנשטעל, וואָלט איר ווייטער געהאָלפן?

קמיטשיץ האָט נאָכלעסיק אַ צי געטון מיט די אַקסלען.

— ווי איך האָב געזאָגט, וועט מיין פּאַמעגן באַ אייער פּאַרמעגן אויסוואַקסן. אַבי דאָס זאָל געשען, גייט מיך ווייטער לחלוטין גאָרנישט אָן!

— איר וועט ווערן אַ מענטש! געדענקט, אַז איך האָב עס אייך געזאָגט. אָבער פאַרוואָס האָט דער ברודער מיט אייך קיינמאָל אָפן נישט גערעדט?

— אפשר דערפאַר, ווייל ער איז אַ צבועק, און אפשר סתם, ווייל עס איז נישט געקומען צו רייד!

— איר האָט אַ פלינקן מוח, ריטער, ווייל עס איז טאַקע אמת, אַז ער איז אַ צביעק און האָט נישט ליב צו ווייזן די אמתע הייט. אמת, ווי גאָט איז מיר ליב! אַזאַ טבע האָט ער שוין. עס טרעפט, אַז אפילו רעדנדיק מיט מיר פאַרגעסט ער זיך אויך און הייבט אָן צו דרשענען וועגן זיין ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד. ערשט ווען איך צעלאַך מיך אים אין די אויגן אריין, הערט ער אויף. אמת! אמת!...

— איז דאָס, הייסט עס, נאָר אַן אָנשטעל? — האָט קמי־טשיץ געפרעגט.

דער פירשט האָט אויסגעדרייט די שטול, האָט זיך אויף איר אַוועקגעזעצט ווי אויף אַ פערד און אָנשפאַרנדיק די הענט אויפן אָנלען, האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן, גלייך ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען, און דערנאָך געזאָגט:

— הערט מיך אויס, הער קמיטשיץ! ווען מיר, די ראַדזי־ווילס, וואָלטן געלעבט אין שפּאַניע, אין פראַנקרייך, אָדער אין שוועדן, וווּ דער זון נעמט איבער דעם טראָן בירושה פון פאָ־טער און וווּ דאָס קעניגלעכע רעכט פליסט אַרויס פון גאָט אַליין, וואָלטן מיר, אַ חוץ אין פאַל פון עפּעס אַ בירגער־מלחמה, פון אויסשטאַרבן פון אַ קעניגלעכער דינאַסטיע, פון עפּעס אַן אויסער־געוויינטלעכן געשעעניש, געדינט אוודאי דעם קעניג און דעם פאָ־טערלאַנד, צופרידן־שטעלנדיק זיך בלויז מיט די העכסטע אַמטן, וואָס קומען אונדז לויט אונדזער יחוס און פאַרמעגן. אָבער דאָ, אין דעם לאַנד, וווּ דער קעניג האָט נישט היינטער זיך קיין געטלעך רעכט, נאָר די שליאַכטע באַשטימט אים, וווּ אַלע האָבן פרייע וואַל־רעכט, האָבן מיר זיך געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס זאָל עפּעס וואַזאַ קיניגן, און נישט ראַדזיוויל?... וואַזאַ וואָלט נאָך נישקשה געווען, ווײַל זיי ציִען דאָך זייער יחוס פון מלכים, וואָס זייערע אבות־אבותיהם האָבן געקיניגט, אָבער ווער וועט אונדז ערב זיין, ווער וועט אונדז צוזאָגן, אַז נאָך די וואַזאַס וועט דער שליאַכטע נישט איינפאַלן אַ משוגעת אַוועקצוזעצן אויפן קעניגלעכן און גרויס־פירשטלעכן טראָן כאָטש דעם הער האָראָ־סימאָוויטש, אָדער עפּעס אַ הער מיעלעשקאַ, אָדער עפּעס אַ הער פיעגלאַשיעוויטש פון פשיאַ וואָלקאַ? טפו! איך ווייס דען וועמען נאָך?... און מיר? די ראַדזיווילס און פירשטן פון דייטשן רייך, זאָלן מיר טאַקע אויפן אַלטן שטייגער נעמען קושן פיעג־לאַשיעוויטשס קעניגלעכע האַנט!... טפו! זאָל דאָס גיין צו אַלדי רוחות, ריטער, צייט אַ סוף צו מאַכן דערמיט!... גיט דער־ביי אַ קוק אויף דייטשלאַנד, וויפיל אומאָפּהענגיקע פירשטן וואָלטן דאָרט, לויט זייער פאַרמעגן נאָך, געקענט באַשטיין צו ווערן

וויצע־סטאַראָסטעס בײַ אונדז. און דאָך האָבן זיי זייער אומאָפּהענגיקייט, אין דאָך געוועלט קען זיי, און דאָך טראָגן זיי קרוינען אויף די קעפּ און פֿאַרנעמען ערטער פֿאַר אונדז, הגם עס וואָלט זיי גיכער אָנגעשטאַנען נאָכצוטראָגן די עקן בײַ אונדזערע מאַנטלען. צײַט אַ סוף צו מאַכן דערמיט, הער ריטער, צײַט אויסצופֿירן דאָס, וואָס מײַן פֿאָטער האָט נאָך געפּלאַנט.

דאָ איז דער פֿירשט געוואָרן אויפֿגעלעבט, האָט זיך פֿון דער שטול אויפֿגעשטעלט און גענומען שפּרײַזן איבער דער שטוב.

— אָן שווערקייטן און מניעות וועט דאָס נישט אַריבער — האָט ער ווייטער געזאָגט — ווײַל די אַלטע און נײַעשוויעזשער ראַדזיוווילס ווילן אונדז נישט העלפֿן. כ׳ווייס, אַז דער פֿירשט מיכאַל האָט געשריבן צום ברודער, אַז מיר זאָלן בעסער טראַכטן וועגן אַ תּשובה־העמדל און נישט וועגן אַ קעניגלעכן מאַנטל. זאָל ער אַליין וועגן דעם טראַכטן, זאָל ער אַליין תּשובה־טון, זאָל ער זיך זעצן אויף אַש, זאָלן פֿון אים די יעזויִטן מיט ריטער די הויט שינדן; אויב ער שטעלט זיך צופֿרידן מיטן טיש־מײַסטער־אַמט, זאָל ער זײַן גאַנץ כּשר לעבן, ביזן כּשרן טויט אַרײַן, כּשרע קאַפּהענער שנײַדן! מיר וועלן זיך באַגיין אָן אים און די הענט נישט אַראָפּלאָזן, ווײַל גראָד איצט איז די ריכטיקע צײַט. די רעפּובליק גייט צום טײַוול, ווײַל זי איז שוין אַזוי אָן כּוחות. זי איז שוין אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זי קען זיך שוין קיינעם נישט אַקעגנשטעלן. אַלע קריכן אין אירע גרענעצן אַרײַן, ווי דורך אַן צאָפּנעם פּלויט. דאָס, וואָס איז דאָ מיט די שוועדן געשען, האָט ביז איצט קיינמאָל אויף דער וועלט נישט פּאַסירט. מיר, הער ריטער, קענען באמת זאָגן: Te Deum laudamus! און צווישן אונדז געשמועסט, איז דאָ אַזאַ זאַך נישט געהערט און נישט געזען געוואָרן... ס׳טײַטש, אַ שונא פֿאַלט אַרײַן אין לאַנד, אַ שונא, וואָס איז באַקאַנט פֿון זײַן רויבערישן אַפּעטיט, נישט בלויז עס שטעלט זיך אים קיינער נישט אַקעגן, נאָר אַלע פֿאַרלאָזן דעם אַלטן האַר און לויפֿן צום נײַעם; די מאַגנאַטן, די שליאַכטע, דאָס חיל, די שלעסער, די שטעט, אַלע!... אָן כּבוד, אָן רום, אָן חרפּה און

אַן בושה!... פון וואַך אַ״אַ פאַל דערציילט נישט די געשיכטע! טפו! טפו! הער ריטער! אַ לומפּן־פאָלק לעבט אין דאָזיקן לאַנד אָן געוויסן און אָן אַמביציע!... און אַזאַ לאַנד זאָל נישט אונ־טערגיין? אויף די שוועדישע חסדים האָבן זיי זיך פאַרלאָזט! איך וועט האָבן חסדים! דאָרט אין גרויס־פּוילן מאַטערן שוין די שוועדן די שליאַכטע מיט די גרעסטע עינויים!... און אַזוי וועט אומעטום זיין — עס קען אַנדערש נישט זיין ווייל אַזאַ פאָלק מוז אומקומען, עס מוז ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט און גיין געבן צו די שכנים!...

קמיטשיץ איז געוואָרן וואָס אַמאָל בלייכער און מיט די לעצטע כוחות האָט ער איינגעהאַלטן די ווילדע רציחה, אַז זי זאָל נישט אַרויספלאַצן; אָבער דער פירשט, וועלכער איז בראשו־ורובו געווען פאַרטון אין זיין דרשה, האָט זיך געקוויקט מיט די אייגענע ווערטער, מיט דער אייגענער חכמה און נישט אומקוקנ־דיק זיך אויפן צוהערער האָט ער ווייטער אַזוי געזאָגט:

— פאַרהאַן, הער ריטער, אַ מנהג אין דאָזיקן לאַנד, אַז ווען עמעצער גוססט, שלעפּן אים די קרובים אין דער לעצטער מינוט דאָס קישן פון אונטערן קאָפּ אַפּער, כדי ער זאָל זיך נישט לענ־גער מאַטערן. איך און דער פירשט וואָיעוואָדע האָבן טאַקע באַשלאָסן דער רעפּובליק צו טון די דאָזיקע טובה. אָבער אַזוי ווי אַ סך רויבער קוקן אויס אויף די ירושה און אַלץ צו פאַר־כאַפּן וועלן מיר נישט באַווייזן, דערפאַר ווילן מיר, אַז על־כל־פּנים אַ חלק, און דאָס נישט אַבי וועלכער, זאָל אונדז צופאַלן. אַלס קרובים האָבן מיר אַ רעכט דערויף. און אויב איך האָב אייך מיטן דאָזיקן משל דעם ענין נישט גענוג קלאָר געמאַכט און נישט אַרייַנגעטראָפן אין פּינטל, וועל איך אייך די זאַך אַנדערש מסביר זיין. די רעפּובליק, דאָס איז אַ שטיק רויט טוך, פאַר וועלכן עס ציען די שוועדן, כמיעלניצקי, די היפּערבאָרייטשיקס, די טאָטערס, דער קורפירשט און ווער עס האָט נאָר אַ האַנט און אַ פוס אַרום און אַרום. און איך מיטן ווילנער וואָיעוואָדע האָבן מיר זיך געזאָגט, אַז פון דאָזיקן טוך מוז אויך אונדז אין דער האַנט בלייבן אַזוי פיל, אַז עס זאָל קלעקן אויף אַ מאַנטל; דערפאַר איז

נישט בלויז וואָס מיר שטערן נישט צו ציִען, נאָר מיר ציִען אויך אַליין. זאָל כמיעלניצקי בלייבן בײַ אוקראַיִנע, זאָלן די שוועדן מיטן בראַנדענבורגער קורפירשט איבער פרייסן און די גרויס־פּוילישע מדינות זיך אַמפּערן, זאָל קליין־פּוילן נעמען ראַקאָטשי, צי דער ווער עס איז נענטער, ליטע מוז בלייבן פאַרן פירשט יאַנוש, און אינאיינעם מיט זיין טאָכטער — פאַר מיר!

קמיטשיץ האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט.

— איך דאַנק אייך, גנעדיקער הער פירשט. איך האָב נאָר דאָס געוואָלט וויסן!

— איר גייט אַוועק, הער ריטער?

— יאָ.

דער פירשט האָט אויפמערקזאַמער אַ קוק געטון אויף קמיטשיצן און אין דער רגע האָט ער ערשט באַמערקט זיין בלייכקייט און אויפרעגונג.

— וואָס איז אייך, הער קמיטשיץ? — האָט ער געפרעגט — איר זעט אויס, ווי מ׳וואָלט אייך פון קבר אַרויסגענומען?

— פון מידעקייט בין איך שוואַך און עס שווינדלט מיר אין קאָפּ, זייט געזונט, גנעדיקער הער פירשט, פאַרן אַוועקפאָרן וועל איך נאָך קומען זיך פאַרנייגן.

— טאָ איילט זיך צו, ווייל נאָכמיטאָג לאָז איך מיך אויך אין וועג אַריין.

— שפּעטסטענס אין אַ שעה אַרום וועל איך קומען.

בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט קמיטשיץ זיך פאַרנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

אין דער צווייטער שטוב האָבן די קאַמערדינער דערזעענדיק אים זיך אויפגעשטעלט, אָבער ער איז פאַרבייגעגאַנגען ווי שכּור, קיינעם נישט זעענדיק. אויף דער שוועל פון דער שטוב האָט ער זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט און כמעט קרעכצנדיק גענומען איבערחזרן:

— יעזוס פון נצרת, מלך פון די יידן! יעזוס, מאַריאַ, יוסף!

מיט וואַקלדיקע טריט איז ער דורכגעגאַנגען דורכן הויף

לעבן דער וואַך, וואָס איז באַשטאַנען פון זעקס העלעבאַרדיערן. אויף יענער זייט טויער זענען געשטאַנען זייבע מענטשן מיטן וואַכמייסטער סאַראַקאַ בראש.

— נאָך מיר! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

און ער האָט זיך דורך דער שטאָט געלאָזט צו דער קרעטשמע.

סאַראַקאַ, קמיטשיצס אַן אַלטער זעלנער, וועלכער האָט זיין האַר גוט געקענט, האָט תיכּף באַמערקט, אַז אין יונגן פּולקאָווניק קומט פאָר עפּעס אומגעוויינטלעכס.

— היט זיך! — האָט ער אין דער שטיל געזאָגט צו די מענטשן — ווי וועט זיין צו דעם, וועמען זיין כּעס וועט טרעפן!

די זעלנער האָבן שטילשווייגנדיק דעם גאַנג צוגעאיילט, און קמיטשיץ איז נישט געגאַנגען, נאָר כּמעט געלאָפן פאָרויס, מאַכנדיק מיט די הענט און איבערחזרנדיק אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

צו סאַראַקאַס אויערן האָבן זיך דערטראָגן נאָר אָפּגעהאַקטע אויסדריקן: „פאַרגיפטער, שבֿועה-ברעכער, בוגדים... פאַרברעכער און בוגד... ביידע זענען זיי אַזעלכע...“

דערנאָך האָט דער קמיטשיץ געגומען דערמאָנען די אַמאָליקע שותּפים זיינע. די נעמען: קאָקאָשינסקי, קולוויעץ, ראַניצקי, רעקוטש און אַנדערע האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון זיין מויל איינער נאָכן אַנדערן, אַ פּאָר מאָל האָט ער אויך דערמאָנט וואָלאָדיאָווסקין. סאַראַקאַ האָט דאָס אויסגעהערט מיט פאַרוווּנדערונג אין זיך געשראָקן וואָס אַמאָל מער, און אין האַרצן האָט ער זיך געטראַכט:

— עמעצנס בלוט וועט שוין דאָ פאַרגאָסן ווערן... עס קען אַנדערש נישט זיין...

דערווייל זענען זיי צוגעקומען צום אַריינפאָר-הויז. קמיטשיץ האָט זיך תּיכּף פאַרמאַכט אין דער שטוב און אַ שעה צייט נישט געלאָזט פון זיך הערן.

און די זעלנער האָבן בינו-לבינו אָן אַ באַפעל די פּיק געלאָדנט און די פערד אָנגעזאָטלט.

סאַראַקאַ האָט צו זיי געזאָגט:

— דאָס וועט נישט שאַטן, מען דאַרף אויף אַלץ גרייט זיין.

— מיר זענען טאַקע גרייט! — האָבן די אַלטע מחבלים געענטפערט, באַוועגנדיק מיט די וואָנסעס.

ס'האָט זיך טאַקע באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז סאַראַקאַ האָט גוט געקענט זיין פּאָלקאָווניק, ווייל מיטאַמאָל האָט קמיטשיק זיך באַוויזן אין פאָדערהויז, אָן היטל, בלויז אין העמד און אין די הויזן.

— די פערד אָנזאָטלען! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

— אָנגעזאָטלט.

— די פּיק אויפלאָדענען!

— אויפגעלאָדנט.

— אַ דוקאַט אויף אַ קאָפּ! — האָט אַ געשריי געטאָן דער יינגער פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט נישט קוקנדיק אויף די גאַנצע רציחה און אויפרעגונג באַמערקט, אַז דידאָזיקע זעלנער טרעפן זיינע געדאַנקען בליץ-שנעל.

— מיר דאַנקען, הער קאָמענדאַנט! — האָבן זיך אַלע ווי איין מאַן אָנגערופן.

— צוויי מענטשן וועלן נעמען די אָנגעלאָדענע פערד און תּיכּף אַרויספאָרן פון דער שטאָט צו דעמבאָוואַ-צו. דורך דער שטאָט פאָרן פּאַמעלעך, הינטער דער שטאָט לאָזן די פערד גאַלאָפּ און נישט אָפּשטיין פריער, ווי אין די וועלדער.

— ווי איר האָט באַפוילן!

— פיר אַנדערע זאָלן די רעוואָלווערן מיט קוילן אָנלאָדן. פאַר מיר צוויי פערד אָנזאָטלען, אַז אויך דאָס צווייטע זאָל זיין פולשטענדיק גרייט.

— כ'האָב געוווסט, אַז עס וועט עפּעס זיין! — האָט סאַראַקאַ אַ ברום געטאָן.

— און אַ צוג קום, וואַכמייסטער, מיט מיר! — האָט קמיטשיק אַ געשריי געטאָן.

און אַזוי ווי ער איז געווען אָנגעטאָן, בלויז אין די הויזן און אין העמד, וואָס איז בײַ דער ברוסט געווען אויפגעריסן, איז ער אַרויס פֿון פֿאָדערהויז און סאָראָקאַ איז געגאַנגען נאָך אים מיט ברייט אויפגעמאַכטע אויגן פֿון פֿאַרוווּנדערונג; אַזוי זענען זיי צוגעקומען אַזש ביז צום ברונעם אויפן הויף פֿון אַריי־פֿאַר־הויז. דאָ האָט קמיטשיק זיך אָפּגעשטעלט און צעווייזנדיק אויפן עמער, וואָס איז געהאָנגען בײַם ברונעם, האָט ער געזאָגט:

— גיס מיר וואַסער אויפן קאָפּ!

דער וואַכמייסטער האָט געוווּסט פֿון די פּראַקטיק מיט וואָס פֿאַר אַ סכּנה עס שמעקט צוויי מאָל איבערצופֿרעגן אַ באַפֿעל; ער האָט דעריבער געכאַפּט דעם דראָנג און אײַנגעטונקט דעם עמער אין וואַסער, דערנאָך אים גיך אַרויפגעצויגן און כאַפּנדיק אים אין די הענט אַריין אַ כליאַפּ געטאָן דאָס וואַסער אויפן הער אַנ־דזשעי, און הער אַנדזשעי האָט גענומען כראָפּן און שנאָרכן, ווי אַ וואַלפֿיש, מיט די הענט די נאַסע האָר צוגעקלאַפּט און דערבײַ אַ געשריי געטאָן:

— נאָך!

סאָראָקאַ האָט די עובֿדא נאָכאַמאָל איבערגעחזרט און געכליאַפּעט דאָס וואַסער מיט אַלע כּוחות. ווי ער וואָלט וועלן אַ פֿלאַם פֿאַרלעשן.

— גענוג! — האָט קמיטשיק צום סוף געזאָגט — קום מיט מיר, וועסט מיר העלפֿן די מלבושים אָנטאָן!

און זיי זענען ביידע אַוועק אין דער אַכסניא.

אין טויער האָבן זיי באַגעגנט זייערע צוויי מענטשן, וואָס זענען אַרויסגעפֿאָרן מיט די אָנגעלאָדענע פֿערד.

— פּאַמעלעך דורך דער שטאָט, הינטער דער שטאָט גאַלאָפּ! — האָט זיי קמיטשיץ אויפן וועג איבערגעחזרט.

און ער איז אַריין אין דער שטוב.

מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט ער זיך ווידער באַוויזן שוין אינגאַנצן אַן אָנגעטוענער, ווי אין וועג אַריין: אין הויכע

שטיוול פון קאַלב-פעל און אין אַ לאַשעגעם קאַפטאַן, אַרומגעצויגן מיט אַ לעדערנעם פּאַסעק, הינטער וועלכן ס'האָט געשטעקט אַ טאַשן-פּיסטאָלעט.

די זעלנער האָבן אויך באַמערקט, אַז פון אונטערן קאַפּטאַן האָט אים אַרויסגעקוקט אַן עק פון אַ דראַטענעם פּאַנצער-העמד, ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו אַ שלאַכט. די שווערט האָט ער אויך געהאַט זיך הויך אָנגעהאָנגען, כּדי עס זאָל לייכטער זיין צו כאַפּן זיך צום הענטל; דאָס פּנים זיינס איז געווען געניג רויק, אָבער שטרענג און בייז.

ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף די זעלנער, צי זיי זענען גרייט און געהעריק באַוואָפנט, און זיך געזעצט אויפן פערד און צוואַנציק אַ דוקאַט דעם ווירט, איז ער אַרויסגעפאָרן פון אַריינפאָר-הויז.

סאַראַקאַ איז געפאָרן לעבן אים, דריי אַנדערע פון הינטן, פירנדיק אַ רעזערוו-פערד. באַלד האָבן זיי זיך געפונען אויפן מאַרק, וואָס איז פול געווען מיט באַגוסלאַווס חייל. ס'איז שוין געווען אַ באַוועגונג צווישן זיי, ווייל זיי זענען אַ פּנים געקומען באַפעלן, אַז מען זאָל זיך גרייטן אין וועג אַריין. די רייטער האָבן צוגעצויגן די גאַרטלען בײַ די זאָטלען און געצוימט די פערד, די גוס-גייער האָבן צענומען די ביקסן, וואָס זענען פאַר די הייזער אין קאָזלעס געווען אויסגעשטעלט, אין די וועגנס האָט מען די פערד איינגעשפּאַנט.

קמיטשיץ האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי ער וואָלט געווען פאַרזונקען אין מחשבות

— הער, אַלטער — האָט ער געזאָגט צו סאַראַקאַן — פון סטאַראָגראַד גייט דאָך דער וועג ווייטער, מען דאַרף נישט צוריקקערן דורכן מאַרק?

— וווהין וועלן מיר דען פאָרן, הער פּולקאָווניק?

— קיין דעמבאָווע!

— דאַרף מען טאַקע פון מאַרק לעבן הויף פאַרבייפאָרן, דער מאַרק וועט בלייבן אונטער אונדז.

— גוט! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אין דער שטיל אַ ברום־געטון:

— עך, ווען יענע וואָלטן איצט געלעבט! צו ווייניק מענטשן אויף אַזאַ אונטערנעמונג, צו ווייניק!

דערווײַל זענען זיי דורכגעפאָרן דעם מאַרק און גענומען זיך אַרײַנדרייען צום סטאַראָסטעס הויף, וועלכע איז געווען אויף אַ קלײנעם מרחק אָפּגעלעגן פון וועג.

— שטיי! — האָט קמיטשיץ מיטאַמאָל געזאָגט:

די זעלנער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און ער האָט זיך צו זיי געווענדעט.

— איר זענט גרייט צו שטאַרבן? — האָט ער קורץ געפרעגט.

— גרייט! — האָבן די אָרשער רוצחים געענטפערט ווי איין מאַן.

— מיר זענען געקראָכן כאָוואַנסקין אין האַלדז אַרײַן און ער האָט אונדז נישט אויפגעגעסן... איר געדענקט?

— מיר געדענקען!

— מען דאַרף הײַנט וואַגן גרויסע זאַכן... וועט עס זיך אײַנגעבן, וועט דער גנעדיקער קעניג אײַך מאַכן פאַר שׂרות... איך גאַראַנטיר דערפאַר!... וועט זיך נישט אײַנגעבן, וועט איר גיין אויף דער תּליה!

— פאַרוואָס זאָל זיך נישט אײַנגעבן! — האָט סאָראָקאַ געזאָגט און די אויגן האָבן בײַ אים גענומען גלאַנצן, ווי בײַ אַן אַלטן וואָלף.

— ס'וועט זיך אײַנגעבן! — האָבן איבערגעחזרט די דרײַ איבעריקע: בילאָוס, זאַוראַטינסקי און ליוביעניעץ.

— מיר מוזן פאַרכאַפּן דעם פירשט שטאַלמייסטער! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווילנדיק זען דעם רושם וואָס דער ווילדער געדאַנק מאַכט אויף די זעלנער. און זיי זענען אויך אַנטשוויגן געוואָרן און זיך אײַנגעקוקט אין אים, ווי אין אַ רעגנבויגן, נאָר די וואָנסעס האָבן זיך בײַ זיי באַוויזן

און נאָר די פּנימער זייערע זענען געווען אימהדיק און רוצחיש.

— די תּליה איז נאָנט, דער שכר איז ווייט! — האָט קמיטשיק געזאָגט.

— מיר זעגען צו ווינציק! — האָט זאַוואַטינסקי אַ ברום געטון.

— דאָ איז ערגער ווי מיט כאַוואַנסקין! — האָט לובי ניעץ צוגעגעבן.

— דאָס גאַנצע חייל איז אויפן מאַרק, און אין הויף נאָר די וואַך און אַ צוויי הונדערט היפּלייט — האָט קמיטשיק געזאָגט — זיי ריכטן זיך אויף גאָרנישט און האָבן אפילו קיין שווערטן נישט בײַ זיך.

— דער הער פּולקאָווניק שטעלט איין זײַן קאָפּ, פאַרוואָס זאָלן מיר אונדזערע נישט אײַנשטעלן? — האָט סאָראָקאַ געענטפערט.

— הערט! — האָט קמיטשיק געזאָגט — אויב מיר וועלן אים מיט כיטרעקייט נישט נעמען, וועלן מיר אים אַנדערש כּלל נישט נעמען... הערט! איך וועל אַרײַן אין די שטובן און אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסגיין מיטן פירשט.. אויב דער פירשט וועט זיך זעצן אויף מײַן פערד, וועל איך זיך זעצן אויפן צווייטן און מיר וועלן פאָרן... אַז מיר וועלן האָבן אָפּגעפאָרן אַ הונדערט אָדער הונדערט און פופציק טריט, וועט איר אים זאָגן אין צווייען אַ כאַפּ טון אונטער די אָרעמס און זיך לאָזן גאַלאָפּ, אַרויסיאָגנדיק דעם דוך פון די פערד!

— ווי איר באַפעלט! — האָט סאָראָקאַ געזאָגט.

— אויב מיר וועלן נישט אַרויסגיין! — האָט קמיטשיק ווייטער געזאָגט — און איר וועט דערהערן אַ שאָס אין שטוב, זאָלט איר מיר דאַן אויסבאַלן פון די פּיסטאָלעטן נאָך דער וואַך און אַ פערד מיר דערלאַנגען, ווי נאָר איך וועל פון דער טיר אַרויספאַלן.

— אַזוי וועט געשען! — האָט סאָראָקאַ געזאָגט.

— פאָרויס! — האָט קמיטשיק אַ קאָמאַנדע געגעבן.

זיי זענען געפאָרן ווייטער און אין אַ פערטל שעה אַרום האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַרן טויער פון כטאַראַסטעס הויף. בײַם טויער זענען ווי פריער געשטאַנען זעקס האַלעבאַרדירער. און פיר אין דער טיר פון פעדערהויז. איבערן הויף האָבן זיך געפּאַ-רעט בײַ אַ קאַטש אַ פאָר שטאַלקנעכט און רייט-יינגלעך, איבער וועלכע ס'האָט געהאַט השגחה עפּעס אַ חשובער הויף-מאַן, אַן אויסלענדער — ווי ס'איז געווען צו דערקענען פון דער הלבשה אין פערוק.

ווייטער לעבן דער שאָפּע פון די וועגנס האָט מען איינ-געשפאַנט פערד און נאָך צוויי קאַטשן, ריזיקע פאַיוקס האָבן אויף זיי אַרויפגעטראָגן דעקן און קערב. אויף זיי האָט אַכטונג גע-געבן אַ מענטש, אינגאַנצן אָנגעטאָן אין שוואַרצן, און אַ פנים האָט ער געהאַט פון אַ מעדיקער אָדער אַן אַסטראָלאָג.

קמיטשיק האָט זיך אָנגעמעלדעט, ווי פריער, דורכן דיזשו-רירנדיקן אָפיציר, וועלכער איז אין אַ ווײַלע אַרום צוריקגעקומען און אים אַרײַנגערופן צום פירשט.

— וואָס מאַכט איר, ריטער? — האָט דער פירשט פריי-לעך געפרעגט — איר האָט מיך אַזוי פלוצלינג פאַרלאָזט, אַז כ'האָב געמיינט, דאָס געוויסן האָט זיך אין אײַך פון מײַנע ווער-טער אויפגעכאַפּט און איך האָב זיך נישט געריכט אײַך נאָך צו זען.

— וואָס הייסט, איך וועל פאַרן לאָזן זיך אין וועג אַרײַן! נישט קומען זיך פאַרנייגן? — האָט קמיטשיק געזאָגט.

— נו, איך האָב זיך נאָכקע געטראַכט, אַז דער פירשט וואָ-יעוואָדע האָט געוווסט, וועמען אַרויסצושיקן מיט אַ פאַרטרוילע-כער שליחות. אויך איך וועל זיך מיט אײַך באַנוצן, ווײַל כ'וועל אײַך געבן אַ פאָר בריוו צו פאַרשידענע חשובע מענטשן און צום שוועדישן קעניג אַליין. אָבער וואָס זענט איר עפּעס אַזוי באַ-זאָרגט, ווי צו אַ שלאַכט?

— ווײַל איך האָב צווישן קאָנפעדעראַטן, און נאָכקע דאָ אין דער שטאָט האָב איך געהערט און דער גנעדיקער הער פירשט האָט עס באַשטעטיקט, אַז נישט לאַנג צוריק איז דאָ אַרום דורכ-

געגאַנגען אַ צעבונטעוועטער פאָלק. אפילו דאָ אין פילאָווישקי האָבן זיי זאָלטאַרענקאָס מענטשן גרויסע צרות אָנגעטאָן, ווייל אַן אויסגעצייכנטער זעלנער האָט אָנגעפירט מיטן דאָזיקן פאָלק.

— ווער איז ער דאָס אַזוינס?

— הער וואָלאָדיאָווסקי, און מיט אים זענען אויך הער מירסקי און הער זאַסקערקאַ און צוויי הערן סקשעטוסקי, וואָס איינער פון זיי איז יענער זבאַראַזשער העלד, וועמענס ווייב דער גנעדיקער הער פירשט האָט אין טיקאָטשין געוואָלט באַלאַגערן. זיי אַלע האָבן זיך קעגן פירשט וואָיעוואָדע צעבונטעוועט, אַ שאָד, ווייל דאָס זענען גוטע זעלנער. וואָס זאָל מען טון! פאַראַן נאָך אַזעלכע נאַרישע מענטשן אין דער דאָזיקער רעפובליק, וואָס ווילן נישט צוזאַמען מיט די קאָזאַקן און שוועדן פאַרן רויט, טוך ציען.

— נאַראָנים זענען פאַראַן אומעטום, און באַזונדערס אין דאָזיקן לאַנד! — האָט דער פירשט געזאָגט — אָט האָט איר די בריוו, און אַחוץ דעם, אַז איר וועט זען זיין שוועדישע מאַיעסטעט, זאָלט איר אים דאָן כלומרשט בסוד אויסזאָגן, אַז אין האַרצן בין איך זיין אָנהענגער פונקט אַזוי ווי מיין ברודער, נאָר ביז אַ געוויסער צייט מוז איך מאַכן אַ פאַלשן אָנשטעל.

— ווער מוז נישט מאַכן אַ פאַלשן אָנשטעל! — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן — עס מאַכט אַן אָנשטעל יעדער, בפרט דער, וואָס וויל עפעס וויכטיקס אויספירן.

— אוודאי אַזוי. פירט זיך גוט אויף, הער ריטער, און איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין און זיך נישט לאָזן אין באַלוינונג פון ווילנער וואָיעוואָדע צוריבעריאָגן.

— אויב דער גנעדיקער הער פירשט איז צו מיר אַזוי גוט געניייגט, וועל איך דעם שכר בעטן פאָרויס.

— נאַדיר! מסתמא האָט אייך דאָרט דער פירשט וואָיעוואָדע נישט גענוג פאַרזאָרגט אויפן וועג. אַ שלאַנג זיצט בײַ אים אין געלט־שאַנק.

— זאָל מיך גאָט אָפּהיטן, אַז איך זאָל געלט פאַרלאַנגען, כ׳האָב עס נישט געוואָלט פון פירשט העטמאַן, כ׳וועל עס אויך

נישט גענומען פון אייך, גנעדיקער הער פירשט. איך נעם נישט קיין שכירות און וועל אויך ווייטער נישט נעמען.

פירשט באַגוסלאַוו האָט אַ קוק געטון מיט פאַרוואונדערונג אויפן יונגען ריטער.

— ע, ווי איך זע זענען די קמיטשיצס באמת נישט פון די, וואָס קוקן די מענטשן אין די הענט אַריין. ווען וואָס דען האַנדלט עס זיך, הער ריטער?

— די זאַך איז אַזאַ, גנעדיקער הער פירשט! כ'האָב זיך נישט גוט איבערגעלייגט אין קיידאַני און מיטגענומען מיט זיך אַ פערד פון אַן אויסגעצייכנטען מין, כדי זיך צו ווייזן פאַר די שוועדן. כ'וועל נישט מגזם זיין, אויב כ'וועל זאָגן, אַז אַ בעסערס וועט מען אין די קיידאַנער שטאַלן נישט געפינען. איצט איז מיר אים אַ שאָד און כ'האָב מורא, אַז עס זאָל פון אים נישט אַ תּל ווערן איבער די וועגן, קרעטשמעס, אָדער פון מידעקייט. און אַזוי ווי אַ סיבה קען זיך לייכט טרעפן, קען עס אויך אַריינפאַלן אין פיינטלעכע הענט, אפילו פון דעם זעלבן הער וואָלאָדיאָווסקי, וועלכער טראָגט אויף מיר פערזענלעך אַ שרעקלעכע שנאה. כ'האָב דעריבער באַשלאָסן צו בעטן דעם גנעדיקן הער פירשט, אַז איר זאָלט באַוויליקן עס צו האַלטן בײַ זיך און עס צו באַנוצן, ביז עס וועט קומען אַ שעת-הכושר און איך וועל עס צוריק-נעמען.

— אויב אַזוי, פאַרקויפט עס מיר בעסער.

— דאָס קען נישט זיין, ווייל דאָס וואָלט געהייסן דאָס אייגענע, ווי פאַרקויפן אַ פריינט. דאָסדאָזיקע פערד האָט מיך אפשר הונדערט מאָל פון גרעסטן פייער אַרויסגעטראָגן, ווייל עס האָט אויך די מעלה, אַז אין אַ שלאַכט בייסט עס מוראדיק דעם שונא.

— אַזאַ פיין פערד איז דאָס? — האָט פירשט באַגוסלאַוו געפרעגט מיט אַ לעבהאַפטער פאַראינטערעסירונג.

— צי עס איז פיין? ווען איך וואָלט זיכער געווען, אַז דער גנעדיקער הער פירשט וועט קיין פאַראיבל נישט האָבן, וואָלט איך רויטע הינדערט גילדן געשטעלט דערויף, אַז אפילו

דער גנעדיקער הער פירשט האָט אַזאַ פערד נישט אין זיינע שטאַלן.

— איך וואָלט אפשר אויך געשטעלט ווען נישט דאָס, וואָס עס איז איצט קיין צייט נישט אַרויסצולאָזן די פערד אויף אַ וועט-לויף. כ'וועל עס גערן האַלטן. הכּם, אויב עס וועט זיך מיר איינגעבן, וואָלט איך עס בעסער וועלן קויפן. אָבער ווי געפינט זיך דען דאָסדאָזיקע וואונדער?

— פאַרן טויער האַלטן עס די מענטשן! אָבער אַ וואונדער איז עס שוין איינמאָל. היי'ל נישט איבערטרייבנדיק, קען אפילו דער סולטאַן צוליב אַזאַ פערד מקנא זיין. עס איז נישט קיין היגס — עס איז פון באַטאַליע, אָבער איך מיין, אז אויך אין באַטאַליע האָט זיך נאָר איין פערד אַזאַ געטראָפן.

— אויב אַזוי, לאָמיר עס גיין אָנקוקן.

— איך בין אייך גרייט צו דינען, גנעדיקער הער פירשט.

דער פירשט האָט גענומען דעם הוט און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען.

פאַרן טויער האָבן קמיטשיצס מענטשן געהאַלטן צוויי פולשטענדיק אָנגעזאָטלטע רעזערוו-פערד, וואָס איינס פון זיי איז באמת געווען זייער ראַסאָווע, שוואַרץ ווי אַ ראָב, מיט אַ לענגלעכן פלעק אויפן שטערן און מיט ווייסע רייפן אויף די שפּיזיקעפיס. אויפן אָנבליק פון האַר האָט עס לייכט אַ הירושע געטון.

— דאָס איז עס! איך שטויס מיך אָן! — האָט פירשט באָגוסלאַוו געזאָגט — איך ווייס נישט, צי עס איז אַזאַ וואונדער, ווי איר האָט געזאָגט, אָבער עס איז באמת אַ פיין פערד.

— פירט עס נאָר דורך! — האָט קמיטשיץ אַ געשריי געטון — אָדער ניין! וואַרט, איך וועל אַליין זיך אַרויפזעצן!

די זעלנער האָבן דערלאַנגט דאָס פערד און הער אַנדזשעי האָט זיך דערויף אַרויפגעזעצט און גענומען דערויף רייטן לעבן טויער. אונטערן געניטן רייטער איז דאָס פערד אויסגעקומען נאָך

פיל שענער. די מילך האָט זיך אים צעשפּילט, ווען עס איז געגאַנגען מיט קליינע טריט, די בולטע אויגן האָבן באַקומען אַ גלאַנץ און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז מיט די נאָז־לעכער וואַרפט עס אַרויס דאָס אינעווייניקסטע פייער, און די גזשיבע איז פון ווינט צעפּאָשעט געוואָרן. הער קביטשיק האָט געמאַכט אַ קרייז, געביטן דעם גאַנג, צום סוף איז ער צוגעריטן האַרט צום פּירשט אַזוי, אַז די נאָז־לעכער פון פערד זענען געווען נישט ווייטער ווי אויף אַ טריט פון זיין פּנים, און ער האָט אַ געשריי געטון:

— האַלט!

דאָס פערד האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און איז געבליבן שטיין ווי איינגעגראָבן.

— און וואָס? — האָט קביטשיק געפרעגט.

— טאַקע ווי מען זאָגט: אויגן און פיס פון אַ הירש, דער גאַנג פון אַ וואָלף, די נאָז־לעכער פון אַ לאָש און אַ ברוסט ווי בײַ אַ מיידל! — האָט פּירשט באָגוסלאַוו געזאָגט — פאַרהאַן אַלץ, וואָס מען דאַרף. און די דײַטשישע קאָמאַנדע פאַרשטייט עס?

— יאָ, ווייל עס איז דערויף געריטן מיין קאַוואַלקאַטאָר, זענד, וועלכער איז געווען אַ קורלענדער.

— און אַגיאַגן קען מען די שקאַפּע?

— דער ווינט וועט דעם גנעדיקן פּירשט אויף אים נישט דעריאָגן! אַ טאַטאַר וועט פאַר אים נישט אַנטרונען ווערן!

— אַ גוטער קאַוואַלקאַטאָר האָט דאָס געמוזט זיין, ווייל כ׳זע, אַז דאָס פערד איז אויך גוט אויסגעריטן.

— צי ס׳איז אויסגעריטן? דער גנעדיקער הער פּירשט וועט נישט גלייבן! עס גייט אַזוי אין דער ריי, אַז ווען די ריי גייט גאַלאָפּ, קען דער גנעדיקער הער פּירשט די לייצעס נאָכלאָזן, און עס וועט דאַן אויף קיין האַלבן טריט זיך פון דער ריי נישט אַרויסרוקן. אויב דער גנעדיקער הער פּירשט וועט באַוויליקן צו פּרוּוון און אויב עס וועט אויף צוויי הונדערט פּופציק טריט אפילו נאָר אויף אַ האַלבן שריט זיך אַרויסרוקן, וועל איך עס אַוועקגעבן בחנם.

— דאָס וואָלט געווען דאָס גרעסטע ווונדער, אַז עס זאָל זיך מיט נאָכגעלאָזטע לייצעס נישט אַרויסרוקן.

— אי אַ ווונדער און אי באַקוועם, ווייל ביידע הענט זענען פריי. נישט איינמאָל בין איך דערויף געריטן, האָבנדיק אין איין האַנט אַ שווערט, אין דער צווייטער אַ פּיסטאָלעט, און דאָס פערד איז געגאַנגען געלאַסן.

— יאָ, אָבער אַז די ריי דרייט זיך אום?

— דאַמאָלס דרייט עס זיך אויך אום, נישט קאַליע־מאַכנדיק די ליניע.

— דאָס קען נישט זיין! — האָט דער פירשט געזאָגט — דאָס וועט קיין שום פערד נישט באַווייזן. כ׳האָב געזען אין פראַנקרייך פערד פון די קעניגלעכע שיסער, זייער אויסגעבילדעטע, ספּעציעל, כדי זיי זאָלן די הויף צערעמאָניעס נישט קאַליע מאַכן, און דאָך האָט מען זיי געמוזט מיט לייצעס פירן.

— דאָסדאָזיקע פערד האָט שכל ווי אַ מענטש... זאָל עס דער גנעדיקער הער פירשט אַליין אויספּרוּוון.

— גיט עס אַהער! — האָט דער פירשט געזאָגט נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת.

קמיטשיץ אַליין האָט צוגעהאַלטן דאָס פערד צום אַרויפזעצן זיך, און דער פירשט איז לייכט אויפן זאָטל אַרויפגעשפּרונגען און גענומען קלאַפּן דאָס פערד מיט דער האַנט איבערן גלאַנציקן קאַרק.

— אַ פלא! — האָט ער געזאָגט — די בעסטע שקאַפעס זענען אין דאַרבסט דערהיצט, און דאָס פערד איז ווי עס וואָלט פון וואַסער אַרויסגעגאַנגען, און אין וועלכע זייט וועלן מיר פאָרן?

— מיר וועלן צוערשט זיך לאָזן פאָרויס אין אַ ריי און אויב דער גנעדיקער הער פירשט וועט דערלויבן, וועלן מיר זיך לאָזן אין די צווייטע זייט צום וואַלד־צו. דער וועג איז דאָרט אַ גלייכער און אַ ברייטער, און צו דער שטאָט־צו וואָלטן אונדז געקענט די וועגנס שטערן.

— זאָל זיין צום וואַלד־צו!

— אַ צוויי הונדערט פופציק טריט גלייך־אויס! זאָל דער גנעדיקער הער פירשט די לייצעס אויפן אָרט אָפּלאָזן און גאַלאָפּ... צוויי מעטבשן פון יעדער זייט, איך וועל אַ ביסל פון הינטן פאָרן.

— אויסשטעלן זיך! — האָט דער פירשט געזאָגט.

די ריי האָט זיך אויסגעשטעלט און מיט די פערדישע קעפּ זיך אומגעדרייט צום וועג פון דער שטאָט. דער פירשט איז געשטאַנען אינמיטן.

— פאָרן! — האָט ער געזאָגט — פון אָרט אויס גאַלאָפּ!.. מאַרש!

די ריי האָט אַ פלי געטון און באַלד איז זי געגאַנגען ווי אַ ווינטער. אַ שטויביקער נעפּל האָט זיי פאַרשטעלט פאַר די אייגן פון די הויף־לייט און שטאַל־קנעכט, וועלכע האָבן זיך אין אַ קופּע צונויפגעקליבן פאָרן טויער און זיך מיט נייגעריקייט צוגעקוקט צום לויף. די אויסגעבילדעטע פערד זענען אין גרעסטן אימפּעט, כראַפּנדיק פון אָנשטרענגונג, מוין דורכגעלאָפן העכער הונדערט שריט, און דעם פירשטס פערד, הגם מ'האָט עס נישט געהאַלטן בײַ די לייצעס, האָט זיך באמת נישט אַרויסגערוקט אויף קיין איין צאָל. זיי זענען דורכגעלאָפן אויך די צווייטע הונדערט טריט, מיטאַמאָל האָט קמיטשיץ זיך אויסגעדרייט און זעענדיק הינטער זיך בײַ וואָלקנס שטויב, דורך וועלכע מ'האָט קוים געזען דעם סטאַראָסטעס הויף, אָבער לחלוטין נישט די מענטשן, וואָס זענען פאַר אים געשטאַנען, האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַ שרעקלעכער שטים:

— נעמט אים!

אין דער רגע האָבן בילאָוס און דער ריזיקער זאַוראַטינסקי אַ כאַפּ געטון דעם פירשט פאַר ביידע אָרעמס, אַז די ביינער האָבן אים אַזש געקנאַקט אין די געלענקען און האַלטנדיק אים אין די אייזערנע פויסטן, האָבן זיי מיט די שפּאָרענס גענומען שטויסן די אייגענע פערד.

דעם פירשטס פערד אינדערמיט האָט זיך כסדר געהאַלטן אין דער ריי, נישט אָפּשטייענדיק און נישט אַרויסרוקנדיק זיך

אפילו אויף א צאָל. די פאַרוואונדערונג, שרעק, דער וויכער, וואָס האָט דעם פירשט באַגוסלאַוו אין פּנים אַריין געשלאָגן, האָבן אים אין דער ערשטער רגע דאָס לשון אָפּגענומען. ער האָט זיך באַר געריסן איינמאָל און אַ צווייט מאָל, אָבער אָן פּעולה, ווייל פון די אויסגעדרייטע אָרעמס האָט אים נאָר אַ ווייטיק דורכגענומען דורך און דורך.

— וואָס איז דאָס? גזלנים!... איר ווייסט נישט, ווער איך בין!... — האָט ער צום סוף אַ געשריי געטון.

דאָ האָט קמיטשיץ מיט דער לופע פון פּיסטאָלעט אים אַ קלאַפּ געטון צווישן די לאָפּאַטקעס.

— אומזיסט דער ווידערשטאַנד, ווייל איר באַקומט אַ קויל אין רוקן! — האָט ער אויסגעשריגן.

— בוגד!, — האָט דער פירשט געזאָגט.

— און דו וואָס ביסט? — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

און זיי זענען ווייטער געפלויגן.

12. קאַפּיטל.

לאַנג זענען זיי געלאָפן דורכן וואַלד, פליענדיק אַזוי, אַז די סאָסנעס באַם וועג האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן צוריקגעלאָפן אין בהלה; זיי האָבן געמיטן קרעטשמעס, כאַטעס פון וואַלד-שומרים, פּעך-זידערייען, און אַמאָל אויך וועגנס, וואָס זענען איינצלווייז אָדער צו אַ פּאָר געפאָרן צו פּילווישקי-צו. ווײַלגווייז פלעגט פירשט באָגוסלאַו זיך איבערבייגן אויפן זאַטל, ווי ער וואָלט וועלן פּרוּוון שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אָבער דאָמאָלס זענען זײַנע אָרעמס נאָר אין גרעסערע יסורים אויסגעדרייט געוואָרן אין די אייזערנע הענט פון קמיטשיצס זעלנער, און הער אַנדזשעי האָט אים ווידער צוגעלייגט די לופּע צווישן די לאַפּאַטקעס, און זיי זענען געפלויגן ווייטער, אַז גאַנצע פלאָקנס ווייסע שוים האָבן אַזש גענומען אַראָפּפאַלן פון די פערד.

צום סוף האָט מען געמוזט דעם לויף איינהאַלטן, ווייל די מענטשן און די פערד האָט אָטעם אויסגעפעלט, און פּילווישקי איז שוין געבליבן אַזוי פון הינטן, אַז יעדע מעגלעכקייט פון אַ באַגעגעניש איז פאַרשוואונדן. זיי זענען דעריבער אַ געוויסע

צייט געפאָרן לאַנגזאַם און שטילשווייגנדיק, פאַרשטעלט פון דעם וואָלקן פאָרע, וואָס האָט געזעצט פון די פערד.

דער פירשט האָט אַ לאַנגע צייט זיך גאָרנישט אָנגערופן, ער האָט אַפּנים זיך באַמיט צו באַרויִקן זיך און צוריקצוגעווינען קאַלט בלוט, ערשט ווען ער האָט שוין דאָס געהאַט דערגרייכט, האָט ער געפרעגט:

— וווהין פירט איר מיך?

— איר וועט געוויר ווערן צום סוף וועג, גנעדיקער הער פירשט — האָט קמיטשיק געענטפערט.

באָגוסלאַוו איז אַנטשוויגן געוואָרן, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווידער געזאָגט:

— הייסט דידאָזיקע כאַמעס, אַז זיי זאָלן מיך אָפּלאָזן, ווײַל זיי וועלן מיר די הענט אויסדרייען. אויב איר וועט זיי דאָס הייסן טון, וועלן זיי בשוט העגבען, ווען נישט וועלן זיי אויף אַ שפּיציקן דראָנג אַרויפגעשטעקט ווערן.

— דאָס זענען שליאַכטשיצעס, נישט קיין כאַמעס! — האָט קמיטשיק געענטפערט — און וואָס שייך דער שטראָף, מיט וועלכער איר דראָט זיי, גנעדיקער הער פירשט, ווייסט מען נאָך נישט, וועמען דער טויט וועט צוערשט טרעפן.

— ווייסט איר אויף וועמען איר האָט די הענט אויפגעהויבן? — האָט דער פירשט געפרעגט, ווענדנדיק זיך צו די זעלנער.

— מיר ווייסן — האָבן זיי געענטפערט.

— צו אַלדי רוחות! — האָט באָגוסלאַוו מיט רוגזה אויסגעשריגן — איר וועט הייסן דידאָזיקע מענטשן מיך אָפּלאָזן, אָדער נישט?

— איך וויל אײַך הייסן, גנעדיקער הער פירשט, די הענט אויף הינטן פאַרבינדן, אַזוי וועט זײַן באַקוועמער.

— עס קען נישט זײַן!... איר וועט מיר די הענט אינגאַנצן צעברעכן!

— אַן אַנדערן וואָלט איך געהייסן באַפרײַען בלויז אויפן

וואָרט, אַז ער וועט נישט אַנטלויפן, אָבער איר זענט מחויב צו ברעכן אַ וואָרט! — האָט קמיטשיק געזאָגט.

— איך גיב אײַך אַן אַנדער וואָרט — האָט דער פירשט געזאָגט — אַז איך וועל נישט בלויז בײַ דער ערשטער געלעגנהייט אַנטלויפן פון אײַערע הענט, נאָר איך וועל אײַך הייסן מיט פערד צערײַסן, אַז איר וועט אין מײַנע הענט אַרײַנפאַלן!

— וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועט זײַן! — האָט קמיטשיק געענטפערט — אָבער איך וויל בעסער אַן אויפריכטיקע דראָונג, איידער פאַלשע הבטחות. אַפּלאָזן אים די הענט, דאָס פערד נאָר בײַ די לייצעס פירן, און איר, גנעדיקער הער פירשט, קוקט דאָ! איך דאַרף נאָר בלויז בײַם ציבגל אַ ריר טון, כדי אײַך אַ קויל אין רוקן אַרײַנצוזאָגן, און איך שווער אײַך, אַז איך וועל טרעפן, ווײַל איך טרעף קיינמאָל נישט דערלעבן. זיצט דעריבער רויק אויפן פערד און פרוווט נישט אַנטלויפן!

— עס ליגט מיר נישט אין זין, הער ריטער, נישט איר און נישט אײַער פּיסטאָלעט.

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט דער פירשט אויסגעצויגן די פאַרוויטיקטע הענט, כדי זיי אויסצוגלײַכן און פון דער פאַרשטײַפטקייט אָפּצוטרייסלען, די זעלגער האָבן דערווײַל פון ביידע זײַטן דאָס פערד בײַ די לייצעס אָנגעכאַפּט און ווייטער געפירט.

באָגוסלאַוו האָט אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— איר האָט נישט די העזה מיר אין די אויגן אַרײַן צו קוקן, הער קמיטשיץ, איר באַהאַלט זיך פון הינטן.

— פאַרוואָס דען! — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט און צוטרײַבנדיק דאָס פערד, האָט ער אַוועקגערוקט זאַוראַטינסקין און אָנכאַפּנדיק די לייץ פון פירשטס פערד, אַ קוק געטון באָגוסלאַוון גלײַך אין פנים אַרײַן.

— און וואָס זאָגט איר עפּעס צו מײַן שקאַפּע? האָב איך עפּעס מגזם געווען?

— אַ וווּיל פערד! — האָט דער פירשט געענטפערט — איר ווילט, וועל איך עס קויפן.

— אַ דאַנק! דאָסדאָזיקע פערד פאַרדינט אַ בעסערן גורל, ווי אַ בוגד צום טויט צו טראָגן.

— איר זענט אַ נאַר, הער קמיטשיץ!

— ווייל איך האָב אין די ראַדזיווילס געגלויבט!

ווידער האָט אַ ווײַלע אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן, וועלכעס דער פירשט האָט דער ערשטער איבערגעריסן.

— זאָגט מיר, הער קמיטשיץ — האָט ער געזאָגט — צי זענט איר זיכער, אַז איר זענט בײַם קלאָרן פאַרשטאַנד און אַז איר זענט פון זינען נישט אַראָפּ? האָט איר געפרעגט זיך אַליין, וואָס איר, משוגענער מענטש, האָט געטון? איז אײַך גאָרנישט געקומען אין קאָפּ אַליין, אַז עס וואָלט פאַר אײַך איצט בעסער געווען, ווען איר וואָלט גאָרנישט געבוירן געוואָרן? און אַז אַזאַ דרייסטע זאַך וואָלט זיך קיינער נישט דערוועגט אויסצופירן, נישט בלויז אין פּוילן, נאָר אויך אין גאַנץ אייראָפּע?

— אַפּנים, אַז דאָסדאָזיקע אייראָפּע פאַרמאָגט נישט קיין גרויסן מוט, ווייל איך האָב אײַך, גנעדיקער הער פירשט, פאַרכאַפּט, האַלט אײַך און וועל אײַך נישט אָפּלאָזן!

— נישט אַנדערש, נאָר דער מענטש איז משוגע! — האָט דער פירשט ווי צו זיך אַליין אויסגערופן.

— גנעדיקער הער פירשט! — האָט הער אַנדזשעי זיך אָנגערופן — איר זענט אין מײַנע הענט און איר מוזט דערמיט שלום-מאַכן און בחנם קיין ווערטער זאָלט איר נישט פאַרלירן! נאָכיאָגן וועט מען אונדז נישט, ווייל אײַערע מענטשן דאָרט מיינען ביז איצט, אַז איר זענט גוטוויליק מיט אונדז אַרויסגעפאָרן. ווען מײַנע מענטשן האָבן אײַך אונטער די אָרעמס גענומען, האָט דאָס קיינער נישט געזען, ווייל דער שטויב האָט אונדז פאַרשטעלט, און ווען דער שטויב וואָלט אפילו נישט געווען, וואָלטן עס אויך סיי די שטאַל-קנעכט און סיי די וואַך פון אַזאַ ווייטן מהלך נישט געזען. צוויי שעה צייט וועלן זיי אויף אײַך וואַרטן, די דריטע שעה וועלן זיי זײַן אומגעדולדיק, די פערטע און פינפטע שעה אומרויק, און אין דער זעקסטער שעה וועלן זיי אַרויסשיקן מענטשן אַ קוק טון,

ווי איר זענט אהינגעקומען, און מיר וועלן דערווייל זיין זינטער מאריאמפאל.

— און וואָס וועט דערנאָך אַרויסקומען?

— ס'וועט דערפון אַרויסקומען דאָס, אַז זיי וועלן נישט אָנ־יאָגן, און ווען אפילו זיי וואָלטן באַלד געקומען נאָכיאָגן וואָלטן זיי זיך נישט דעריאָגט, ווייל אייערע פערד זענען נאָך פאַרמאַטערט פון וועג און אונדזערע זענען אויסגערוט. און ווען זיי וואָלטן אייך דורך עפּעס אַ נס אָנגעיאָגט וואָלט עס אויך גאָר־נישט געהאָלפן, ווייל ווי איר זעט מיך דאָ, גנעדיקער הער פירשט, וואָלט איך אייך באַלד דעם קאָפּ צעשמעטערט... וואָס איך וועל אויך טון, אויב עס וועט אַנדערש נישט גיין, זעט איר! ראַדזיוויל האָט אַ הויף חייל, הערמאַטן, דראַגונער, און קמיטשיץ האָט זעקס מענטשן, און פונדעסטוועגן האָט קמיטשיץ ראַדזיווילן פאַרן קאַרק.

— און וואָס ווייטער? — האָט דער פירשט געפרעגט.

— און ווייטער גאָרנישט! ווייטער וועלן מיר פאָרן דאָרט, ווו מיר וועט געפעלן. דאַנקט גאָט, גנעדיקער הער פירשט, וואָס איר לעבט נאָך ביז איצט, ווייל ווען נישט דאָס, וואָס איך האָב מיר היינט איבערגעלייגט איידער געהייסן אַ צען מעטערס וואַסער אויפן קאָפּ אַרויפגיסן, וואָלט איר שוין געווען אויף יענער וועלט אָדער בעסער געזאָגט, אין גיהנום, און דאָס צוליב צוויי טעמים: ערשטנס אַלס בוגד און, צווייטנס אַלס קאַלווינער.

— און איר וואָלט דאָס געוואַגט צו טון?

— נישט רימענדיק זיך, וועט איר, גנעדיקער הער פירשט, נישט געפינען אַזאַ זאַך, וואָס איך זאָל נישט וואַגן אונטערצונעמען, און די בעסטע ראיה האָט איר אין זיך.

דער פירשט האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון דעם יונגן ריטער אין פּנים אַריין און געזאָגט:

— דער טייוול האָט דאָס אייך, ריטער, אויפן פּנים אויפ־געשריבן, אַז איר זענט גרייט אויף אַלץ און ריכטיק איז טאַקע אויך, אַז איך האָב אַ ראיה אין זיך... כ'וועל אייך אפילו זאָגן,

אַז איר האָט מיט זייער דרייסטקייט אפילו מיך אַליין באַוויזן צו פאַרחידושן, און דאָס איז נישט פון די לייכטע זאַכן.

— ס'איז מיר אַלציינס. דאַנקט גאָט, גנעדיקער הער פירשט, וואָס איר לעבט נאָך ביז איצט און געזונט!

— ניין, הער ריטער! קודם־כּל דאַרפט איר גאָט דערפאַר דאַנקען... ווייל זאָל נאָר איין האָר אויף מיין קאָפּ גערירט ווערן, זאָלט איר וויסן, אַז די ראַדזיווילס וועלן אייך געפינען אפילו אונטער דער ערד. אויב איר רעכנט דערויף, וואָס מיר לעבן איצט נישט בשלום צווישן זיך און אַז די ניעוויעזשער און אָליקער ראַדזיווילס וועלן אייך נישט רודפן, האָט איר אַ טעות. פאַרן בלוט פון די ראַדזיווילס מוז גענומען ווערן נקמה, אַ שרעקלעכער ביישפּיל מוז געגעבן ווערן, אַנישט וואָלט אונדז נישט מעגלעך געווען צו לעבן אין דערדאַזיקער רעפּובליק. אין אויסלאַנד וועט איר זיך אויך נישט באַהאַלטן! דער דייטשישער קייזער וועט אייך אַרויסגעבן, ווייל איך בין אַ פירשט פון דייטשישן רייך, דער בראַנדענבורגער קורפירשט איז מיין פעטער, דער פירשט פון אָראַניע איז זיין שוואָגער, די פראַנצויזישע קעניגלעכע פאַמיליע און זייערע מיניסטאָרן זענען מיינע פריינט. ווּ וועט איר זיך באַהאַלטן?... די טערקן און די טאָטערס וועלן אייך פאַרקויפן, ווען אפילו מיר זאָלן דאַרפן זיי אַ העלפט פון אונדזער פאַרמעגן אָפּגעבן. איר וועט אין ערגעץ אויף דער וועלט קיין מקום־מקלט נישט געפינען, נישטאָ אַזעלכע וועלדער, נישטאָ אַזעלכע פעלקער...

— עס חידושט מיך — האָט קמיטשיץ געזאָגט — וואָס דער גנעדיקער הער פירשט דאגהט באַצייטנס אַזוי שטאַרק וועגן מיין לעבן. אַ גרויסער יחסן, ראַדזיוויל!... אָבער איך דאַרף דאָך נאָר באַם צינגל אַ ריר טון...

— איך לייקן דאָס נישט אָפּ. ס'האָט זיך שוין נישט איינמאָל אויף דער וועלט פאַרלאָפן, אַז אַ גרויסער מענטש איז אומגעקומען פון די הענט פון אַ הדיוט. האָט דאָך אויך פּאָמפּיין אַ קנעכט דערהרגעט, זענען דאָך אויך פראַנצויזישע מלכים דורך מענטשן פון נידעריקן שטאַנד געפאַלן, האָט דאָך אויך, נישט ווייט

זונבריק, מיט אונדזער גרויסן פֿאָטער דאָס אייגענע געטראָפֿן...
איך פֿרעג אייך נאָר, און וואָס ווייטער?

— עט! ווייס איך וואָס! איך האָב קיינמאָל נישט געקלערט קיין סך וועגן דעם, וואָס מאָרגן וועט זיין. אויב עס וועט אויסקומען מיט אַלע ראַדזיווילס זיך אַרומצוהאַקן, ווייסט דערווייל גאָר גאָט אַליין, ווער עס וועט בעסער אָפּשניידן. ס'האָט מיר שוין לאַנג די שווערט איבערן קאָפּ געהאָנגען, און דעריבער, אַז איך וועל נאָר די אויגן צומאַכן, וועל איך גאַנץ געשמאַק שלאָפֿן. און דערצו נאָך, אויב איין ראַדזיוויל וועט מיר זיין צו ווייניק, וועל איך פֿאַרכאַפּן אַ צווייטן און אַ דריטן...

— ווי גאָט איז מיר ליב, ריטער, איר געפֿעלט מיר!... וואָרים איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, אַז איר זענט דער איינציקער אין אייראָפּע, וואָס האָט אַזוינס געוואָגט! דער בעסטיע פֿאַלט גאָרנישט איין צו זאָרגן און אַ קלער צו טון, וואָס מאָרגן וועט זיין! איך האָב ליב דרייסטע מענטשן, און זיי ווערן דאָך וואָס אַמאָל ווייניקער אויף דער וועלט... אָט האָט ער זיך פֿאַרכאַפּט אַ ראַדזיוויל און האַלט אים ווי אַן אייגענעם. ווו האָט מען אייך אַזוי אויפֿגעצויגן, ריטער? פֿון וואַנען זענט איר?

— אָרשער כאַראַנזשי בין איך!

— הער אָרשער כאַראַנזשי, איך באַדויער, וואָס די ראַדזיווילס פֿאַרלירן אַזאַ מענטש, ווי איר, ווייל מיט אַזעלכע מענטשן קען מען אַ סך אויפֿטון. ווען עס וואָלט זיך נישט וועגן מיר געהאַנדלט... הם! איך וואָלט גאָרנישט געקלערט, כדי אייך צו געווינען...

— צו שפּעט! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

— אוודאי! — האָט דער פֿירשט געענטפֿערט — אַ סך צו שפּעט! אָבער איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל אייך נאָר הייסן דערשיסן, ווייל איר זענט ווערט מיט אַ זעלנערישן טויט אומצוקומען... וואָס פֿאַר אַ רוח! פֿון צווישן מיינע מענטשן האָט ער מיך פֿאַרכאַפּט!

קמיטשיץ האָט גאָרנישט געענטפֿערט; דער פֿירשט ווידער

האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײלע און דערנאָך האָט ער אויסגעשריגן:

— איבעריקנס, כאַפּט אייך דער טייוול! אויב איר וועט מיך תּיכּף אָפּלאָזן, וועל איך זיך נישט נוקם־זיין! איר וועט מיר נאָר געבן דאָס וואָרט, אַז איר וועט קיינעם נישט דערציילן וועגן דעם, וואָס האָט פּאַסירט, און אַז איר וועט אויף די מענטשן גוזר זיין צו שווייגן.

— ס'קען נישט זיין! — האָט קמיטשיק געזאָגט.

— איר ווילט אויסקויף־געלד?

— כ'וויל נישט.

— צו וואָס דען האָט איר מיך פאַרכאַפּט, צום טייוול! כ'פאַרשטיי נישט!

— פאַרהאַן אַ סך וועגן דעם צו רעדן! איר וועט געוויר ווערן שפּעטער, גנעדיקער הער פירשט.

— און וואָס דען דאַרפן מיר צו טון אויפן וועג, אויב נישט צו רעדן? זייט זיך מודה, ריטער, אין איין זאַך, אַז איר האָט מיך פאַרכאַפּט אין אַ מאָמענט פון ווילדער רציחה און פאַרצווייפלונג... און איצט ווייסט איר אַליין נישט, וואָס מיט מיר צו טון?

— דאָס איז מיין זאַך! — האָט קמיטשיק געענטפערט — און צי איך ווייס נישט, וואָס צו טון, וועט בקרוב זיך אויסשטעלן.

אין אומגעדולד האָט זיך אָנגעשלאָגן אויפן פירשט באָגוסלאַווס פּנים.

— איר זענט נישט זייער באַרעדעוודיק, הער אָרשער כאָראַנזשי — האָט ער געזאָגט — אָבער ענטפערט מיר על־כּל־פּנים אויפריכטיק אויף איין שאלה: צי זענט איר צו מיר קיין פּאָלעסיע געפאָרן שוין מיט אַ פאַרטיקן פּלאַן מיך צו פאַרכאַפּן, אָדער דאָס איז ערשט שפּעטער, אין דער לעצטער רגע, אייך איינגעפאַלן?

— דערויף קען איך אייך אויפריכטיק ענטפערן, גנעדיקער הער פירשט, ווייל מיך אַליין ברענט אויך די צונג אייך צו זאָגן,

פאַרוואָס איך האָב אייך אַוועקגעוואָרפן און ווי לאַנג איך וועל לעבן, ווי לאַנג דער אָטעם וועט מיר נישט אויסגיין, וועל איך צו אייך מער נישט צוריקקערן. דער פירשט וואָיעוואָדע האָט מיך נאַרפירט און קודם כל אויסגענאַרט פון מיר אַ שבועה אויפן צלם, אַז איך וועל אים ביז צום טויט נישט פאַרלאָזן...

— זייער שיין האַלט איר טאַקע די שבועה... נישטאָ וואָס צו זאָגן!...

— יאָ! — האָט קמיטשיץ אויפגעבראַכט אויסגערופן — אויב איך האָב די נשמה פאַרלוירן, אויב איך מוז זיין פאַרשאָלטן, איז עס דורך אייך... אָבער איך האָב בטחון אין גאָטס גנאָד... און וויל בעסער די נשמה פאַרלירן, כ׳וויל בעסער אייביק ברע־נען, איידער לענגער זינדיקן ביודעים און גוטוויליק, איידער לענגער דינען, וויסנדיק, אַז איך דין דער זינד און דער בגידה. זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען איבער מיר... כ׳וויל בעסער ברענען! כ׳וויל הונדערט מאָל בעסער ברענען... ווייל איך וואָלט סיי־ווי געברענט, ווען איך וואָלט בּאַ אייך געבליבן. איך האָב גאָרנישט וואָס אָנצוווערן.. אָבער דאָס וועל איך ווייניקסטנס פאַר גאָטס משפט זאָגן: „כ׳האָב נישט געוווּסט, אויף וואָס כ׳האָב געשוווירן, און ווען איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך האָב געשוווירן בוגד צו זיין אין פאָטערלאַנד, אונטערצוברענגען דעם פוילישן נאָמען, דאַמאָלס האָב איך די שבועה געבראָכן... איצט משפט מיך, האַר גאָט!“

— צו דער זאַך! צו דער זאַך! — האָט פירשט באָגוס־לאַוו רויִק געזאָגט.

אָבער הער אַנדזשעי האָט שווער געאָטעמט און איז אַ געוויסע צייט ג פ רן שטילשווייגנדיק, מיט אַ געראַנצלטן שטערן, מיט אויגן איינגעגראָבן אין דער ערד, ווי אַ מענטש, וואָס ווערט פון אַן אומגליק צוגעדריקט.

— צו דער זאַך! — האָט פירשט באָגוסלאַוו איבערגע־חזרט.

קמיטשיץ האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף, האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— כ'האָב געגלייבט דעם הער פּירשט העטמאַן, ווי אַן אייגענעם טאַטן. כ'געדענק יענעם באַנקעט, ווען ער האָט אונדז צום ערשטן מאָל געזאָגט, אַז ער האָט זיך מיט די שוועדן באַהאַפטן. וואָס איך האָב דאַמאָלס איבערגעליטן, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען, ווייסט איין גאָט! אַנדערע, איידעלע מענטשן, האָבן אים געוואָרפן די שטאַבן צו די פיס, שטעלנדיק זיך אויף דער זייט פון פאָטערלאַנד, און איך בין געשטאַנען, ווי אַ גולם, מיטן שטאַב, פול מיט חרטה און בושה, אין הכנעה, אין פּיין... ווייל מ'האָט מיר אין די אויגן אַריין געזאָגט: בוגד!... און ווער האָט געזאָגט!... ע!... בעסער נישט דערמאַנען, כדי איך זאָל זיך נישט פאַרגעסן, כדי כ'זאָל נישט משוגע ווערן און אייך, גנעדיקער הער פירשט, דאָ באַלד אין קאָפּ אַריין נישט שיסן... איר בוגדים, פאַרקויפטע נשמות, האָט מיך דאָס דערצו דערפירט!

דאָ האָט הער קמיטשיץ געגומען מיט מוראדיקע אויגן יוקן אויפן פירשט און אַ שנאה האָט אים פון דער טיפסטער טיפעניש פון דער נשמה אויפן פנים אַרויפגעשלאָגן, ווי אַ שלאַנג, וואָס קריכט אַרויס פון אַן אונטערערדישער הייל אויף דער ליכטיקער שיין, און דער פירשט באָגוסלאַוו האָט געקוקט אויפן יונגן ריטער מיט אַ רויקן, אומדערשראָקענעם בליק און צום סוף געזאָגט:

— אַט דאָס, הער קמיטשיץ, אינטערעסירט מיך... רעדט ווייטער...

קמיטשיץ האָט אָפּגעלאָזט די לייצעס פון פירשטס פערד, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, ווי ער וואָלט וועלן דעם ברענענדיקן קאָפּ אָפּקילן.

— אין דערזעלבער נאַכט — האָט ער געזאָגט — בין איך אַוועק צום פירשט העטמאַן, ווייל ער האָט אַליין אויך געהייסן מיך רופן. כ'האָב זיך געטראַכט: כ'וועל אים קינדיקן די דינסט, כ'וועל ברעכן די שבועה. כ'וועל אים דערשטיקן מיט דידאָזיקע הענט, כ'וועל קיידאַני מיט פולווער אויפרייסן, און דערנאָך זאָל געשען וואָס עס וויל! ער האָט אויך געוווּסט, אַז איך בין גרייט

אויף אַלץ — ער האָט מיך געקוקט! כ'האָב גאַנץ גוט געזען, ווי ער האָט מיט די פינגער זיך געשפּילט אין קעסטל, אין וועלכן די פּיסטאָלעטן זענען געלעגן. שאַדט נישט — האָב איך זיך געטראַכט — אָדער ער וועט נישט טרעפן, אָדער ער וועט מיך דערהרגענען! אָבער ער האָט אין מיר גענומען אַרייַנרעדן, הרים וגבעות מיר, דעם פּאָסטן מענטשן, צוזאָגן, פּאַר אַזאַ גואל זיך פאַרשטעלן, אַז איר ווייסט, וואָס עס איז געשען?

— ער האָט איבערגעדבּרט דעם בחיר! — האָט באָגוסלאַוו געזאָגט.

— אַז איך בין אים צו די פיס געפאַלן — האָט קמיטשיץ אויסגעשריגן — און דעם פאָטער, דעם איינציקן גואל פון פאָטערלאַנד אין אים געזען, איך האָב זיך אים איבערגעגעבן, ווי דעם טייוול, מיט דער נשמה און מיט לייב און לעבן, איך בין גרייט געווען פאַר אים, פאַר זיין ערלעכקייט, פון יידאַנער טורעם מיטן קאָפּ אַראָפּ זיך צו וואַרפן!

— כ'האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז דער סוף וועט אַזוי זיין! — האָט באָגוסלאַוו באַמערקט.

— וואָס איך האָב פאַרלוירן אין דערדאָזיקער דינסט, וועגן דעם וועל איך נישט רעדן, אָבער איך האָב אים געטון וויכטיקע טובֿות: כ'האָב געהאַלטן אין דער מורא מיין פאָלק, וואָס איז איצט דאָרט געבליבן — הלוואי אים צום טויט! — אַנדערע, וואָס האָבן זיך געבונטעוועט, האָב איך אויסגעווילעט... כ'האָב פאַרפאַטשקעט די הענט אין ברודערלעכן בלוט, גלייבנדיק, אַז די גוט פון פאָטערלאַנד פאָדערט עס! אָפט האָט מיר דאָס האַרץ וויי געטון, ווען איך האָב געהייסן גוטע זעלנער דערשיסן; אָפט האָט זיך די שליאַכעצקע באַטור אים אַנטקעגנגעשטעלט. ווען ער האָט איינמאָל און אַ צווייט מאָל עפּעס מיר צוגעזאָגט און דערנאָך נישט מקיים געווען, אָבער איך האָב זיך געטראַכט: איך בין אַ נאַר, ער איז קלוג! — עס מוז אַזוי זיין! איצט ערשט, ווען איך האָב זיך וועגן יענע פאַרגיפטונגען פון די בריוו דערוווסט, האָט מיך אַזש אַ שוידער ביזן מאַרך פון די ביינער דורכגענומען! היתכן?

אַזוי האַלט איר דאָס מלחמה! װילט איר גאָר זײַנער פּאַרסמען? און אַזוי טוט אַ העטמאַן? און אַזוי טוט אַ ראַדזיװיל? און איך זאָל דאָס אַזעלכע בריװ פירן?...

— איר קענט זיך נישט אויף פּאָליטיק, ריטער — האָט באָגוסלאַװ איבערגעהאַקט.

— זאָל־זשע זי אַ דונער טרעפן! זאָלן־זשע די שווינדלערישע איטאַליענער מאַכן פּאָליטיק, און נישט אַ שליאַכטשיץ, וואָס מען גאָט האָט מזכּה געווען מיט אַן איידעלערן בלוט, ווי אַנדערע, ער האָט אויף אים אָבער אויך דעם חוב אַרויפגעלייגט, אַז ער זאָל מיט דער שווערט, און נישט מיט דער צאַפּטייק מלחמות פירן און דעם נאָמען נישט מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט!

— דידאָזיקע בריוו, הייסט עס, האָבן אייך אַזוי געקרענקט, אַז איר האָט באַשלאָסן די ראַדזיווילס צו פאַרלאָזן?

— נישט די בריוו! כ'וואָלט זיי געווען דעם תּלין אָפּגעבן, אָדער אין פייער אַרײַן געוואָרפן, ווײַל אַזעלכע שליחות זענען נישט פאַר מיר, אָבער נישט די בריוו! כ'וואָלט זיך געווען אָפּזאָגן פון דער שליחות, אָבער פון ראַדזיווילן וואָלט איך נישט געווען אָפּגעטרעטן. ווייס איך דען וואָס איך וואָלט געטון! כ'וואָלט געגאַנגען אַפילו אין דינסט־פעלק, אָדער כ'וואָלט אַ נײַע מחנה צונויפגעקליבן און ווידער כאָוואַנסקין, ווי אַנומעלט, אין רוקן אונטערגעקומען. אָבער מיר איז באַלד אײַנגעפאַלן אַ חשד: אין אפשר ווילן זיי גאָר אויך דאָס פאָטערלאַנד פאַרסמען, פונקט ווי יענע זעלבע?... גאָט צו דאַנקען, וואָס איך האָב נישט אַרויסגעפּלאַצט, הגם דער קאָפּ האָט מיר געברענט, ווי אַ גראַנאַט, וואָס איך האָב זיך באַגוועלטיקט, וואָס איך האָב געהאַט די מאַכט זיך צו זאָגן: צי אים פאַר דער צונג אין דו וועסט דעם גאַנצן אמת דערגיין — וויַז נישט אַרויס, וואָס דו פּיסט אין האַרצן, גיב זיך אַן פאַר אַן אָפּטרינניק, פאַר אַן ערגערן נאָך פון די ראַדזיווילס אַליין און צי פאַר דער צונג.

— ווער? מיך?

— יאָ! און גאָט האָט מיר געהאָלפן, אַז איך, אַ פּראָסטער מענטש, האָב אַ מלוכה־מאַן אין באַד אַרײַנגעפירט, אַז האַלטנדיק

מיך פאַר די געמיינסטע בריאה, האָט איר, גנעדיקער הער פירשט, קיין זיין געמיינהייט אייערע פאַר מיר נישט פאַרהוילן, און אַלץ זיך מודה געווען, אַלץ אויסגעזאָגט, ווי אויף דער האַנט אויפגעשריבן! די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר, אָבער כ'האָב געהערט און אויסגעהערט ביז צום סוף!... אָ, בוגדים! אָ, רשעים! אָ, פאָטער־מערדער!... ווי אַזוי האָט אייך קיין דונער ביז איצט נישט טויט־געשלאָגן?... איר מאַכט גאָר די אחת מיט כמיעלניצקין, מיט די שוועדן, מיטן קורפירשט, מיט ראַקאָטשין און מיטן טייוול אַליין, כדי די רעפּובליק אומצובריינגען?... ווילט איר גאָר אַ מאַנטל זיך פון איר אויסשניידן? פאַרשאַכערן זי? צעטיילן? צעפּיקן, ווי די וועלף, די מאַמע אייערע? אַזוי דאַנקט איר דאָס אָפּ פאַר אַלע חסדים, מיט וועלכע זי האָט אייך באַשאָטן, פאַר אַלע אַמטן, הויכע טיטלען, גיטער, סטאַראָסטוועס, פאַר אַזעלכע עשירותן, מיט וועלכע די אויסלענדישע מלכים זענען אייך מקנא?... און עס רירן אייך גאָרנישט אירע טרערן, איר פּיין, אירע צרות? וווּ האָט איר דאָס געוויסן? וווּ איז נאמנות, וווּ איז יושר?!... וואָס פאַר אַ פאַרזעעניש האָט אייך אויף דער וועלט געבראַכט?...

— הער ריטער — האָט פירשט באָגוסלאַוו קאַלט איבערגעריסן — איר האָט מיך אין דער האַנט און קענט מיך הרגענען, אָבער איך בעט אייך איין זאַך: נודעט מיך נישט!

זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן.

אָבער פון קמיטשיצס ווערטער האָט זיך קלאָר אַרויסגעשטעלט, אַז דער זשאָלנער האָט באַוויזן פון דיפּלאָמאַט דעם גאַנצן נאַקעטן אמת אַרויסצוציען און אַז דער פירשט איז באַגאַנגען אַ גרויסן אומאָרזיכטיקייט, אַ גרויסן פעלער, וואָס ער האָט אויסגעגעבן די געהיימסטע פּלענער, זיינע אייגענע און דעם העטמאַנס. דאָס האָט שטאַרק באַליידיקט זיין אייגנליבע און נישט נאָ יעדיק יך אַפילו צו באַהאַלטן זיין שלעכטע שטימונג האָט ער געזאָגט:

— שטעלט דאָס נאָר נישט אויפן חשבון פון אייער אייגענע הכרה, הער קמיטשיץ, אויב איר האָט פון מיר דעם אמת

אַ־ויסנאַקומען. כ׳האָב גנרנדט אָפן, ווייל כ׳האָב געמיינט, אַז דער פירשט וואַיעוואָדע קען זיך בעסער אויף מענטשן און וועט שיקן אַ מענטש, וואָס פאַרדינט פּאַרט ויען.

— דער פירשט וואַיעוואָדע האָט געשיקט אַ מענטש, וואָס פאַרדינט פּאַרטרויען — האָט קמיטשיק געענטפערט — אָבער איר האָט אים שוין פאַרלוירן. פון איצט אָן וועלן נאָר געמיינע ב־וזים אייך דינען!

— אויב דער אופן, דורך וועלכן איר האָט מיך פאַרכאַפּט, איז נישט געווען געמיין, זאָל מיר אין דער ערשטער שלאַכט די שווערט צו דער האַנט צוּוואַקסן!

— דאָס איז אַ קונץ! אין אַ האַרטנר שול האָב איך עס מיך או סגעלערנט. איר האָט, גנעדיקער הער פירשט, געוואָלט דערקענען קמיטשיצן, האָט איר אים! כ׳וועל נישט פאָרן מיט ליידיקע הענט צו אונדזער גנעדיקן האַר קעניג.

— און איר מיינט, אַז יאַן קאַזשימיעזש וועט מיר עפּעס טון?

— דאָס וועלן שוין די שופטים פּסקענען, און נישט איך!

מיטאַמאָל האָט קמיטשיק דאָס פּערד פאַרהאַלטן.

— העי! — האָט ער געזאָגט — און דער בריוו פון פירשט וואַיעוואָדע? איר האָט אים גנעדיקער הער פירשט, באַ זיך?

— אַז איך וואָלט אים געהאַט, וואָלט איך אים אויך נישט געגעבן! — האָט דער פירשט געזאָגט — די בריוו זענען געבליבן אין פּילוויש־ץ.

— באַזוכן אים! — האָט קמיטשיק אַ געשריי געטון.

די זעלנער האָבן ווידער אַ כאַפּ געטון דעם פירשט אונטער די אָרעמס, און סאָראָקאַ האָט גענומען באַ אים זוכן אין די קעשענעס. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דעם בריוו געפונען.

— אָט איז אייַן דאָקומענט קעגן אייך און אייערע מעשים — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט, נעמענדיק דעם ב־יוו — דער פּוי-

לישער קעניג וועט זיך פון אים דערוויסן, וואָס איר פּלאַנט, דער שוועדישער קעניג וועט זיך דערוויסן, אַז הגם איר דינט אים, באַוואָרנט זיך אָבער שוין דער פירשט וואָיעוואָדע די פרייהייט צוריקצוציען זיך, אויב באַ די שוועדן וועט זיך אַ פּוס אויסלעגקען. עס וועלן אַנטפּלעקט ווערן אַלע אייערע בגידות, אַלע מאַכינאַציעס. און איך האָב דאָך נאָך אַנדערע בריוו צום שוועדישן קעניג, צו וויטעמבערגן, צו ראַדזשעיאָווסקין... גרויס זינט איר און מעכטיק, אָבער איך ווייס נישט, צי ס'וועט אייך נישט ענג זיין אין דאָזיקן פּאַטערלאַנד, ווען ביידע קעניגן וועלן טראַכטן וועגן אַ כשר-פאַרדינטן שכר פאַר אייערע בגידות.

אין פירשט באָגוסלאַווס אויגן האָט אויפגע[illegible] אַ בייז פייערל, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דעם כעס [illegible] און געזאָגט:

— גוט, ריטער! אויף טויט און אויף לעבן צווישן אונדז!... מיר וועלן זיך באַגעגענען!... איר קענט פאַרמערן אונדזערע דאגות און אַ סך צרות אונדז אָנטון, אָבער דאָס איינע וועל איך אייך זאָגן: קיינער האָט ביז איצט נישט געוואַגט אין דאָזיקן לאַנד צו טון דאָס, וואָס איר האָט געטון און וויי איז צו אייך און צו אייערע מענטשן!

— איך אַליין האָב אַ שווערט אויף צו פאַרטיידיקן זיך, און מיינע מענטשן האָב איך מיט וואָס אויסצוקויפן! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

— אַך! איר האַלט מיך פאַר אַ משכּון! — האָט דער פירשט געזאָגט.

און נישט קוקנדיק אויפן גאַנצן כעס, האָט ער רויִק אָפּגעאָטעמט; ער האָט פאַרשטאַנען איין זאַך אין דעראָזיקער רגע, אַז אין קיין שום פאַל דראָט זיין לעבן קיין שום סכנה נישט, ווייל זין פּערזאָן איז קמיטשיצן צו נויטיק. ער האָט באַשלאָסן דערפון אַ נוצן צו ציען.

דערווייל האָבן זיי זיך ווידער געלאָזט רייטן מיט קליינע טריט און אין אַ שעה אַרום האָבן זיי דערזען צוויי רייטער, וואָס יעדער פון זיי האָט געפירט צו אַ פּאָר אָנגעלאָדענע פערד. דאָס

זענען געווען קמיטשיצס מיזנטשן וועלכע זענען פריער אַרויסגע־שיקט געוואָרן פון פילווישקי.

— און וואָס איז דאָרט? — האָט קמיטשיץ זיי געפרעגט.

— די פערד זענען אונדז שטאַרק פאַרמאַטערט געוואָרן, גנעדיקער הער, ווייל מיר האָבן ביז איצט נישט גערוט.

— מיר וועלן באַלד רוען!...

— מיזעט דאָ אַ כאַטע אויפן עק וועג, אפשר איז דאָס אַ קרעטשמע.

— זאָל דער וואַכמייסטער צום ערשט אַוועק אַהין און צו־גרייטן פאַשע. אַ קרעטשמע, אָדער נישט אַ קרעטשמע, מען דאַרף זיך אָפּשטעלן!...

— ווי איר באַפעלט, הער קאָמענדאַנט.

סאָראָקאַ האָט אַ טרייב געטאָן דאָס פערד, און זיי זענען אים לאַנגזאַם נאָכגעפאָרן. קמיטשיץ איז געפאָרן פון איין זייט פירשט, לוביעניעץ פון דער צווייטער זייט. דער פירשט האָט זיך פאָלשטענדיק באַרויקט און מער ניט קמיטשיצן קיין שמועס נישט אָנגעקניפּט. ער האָט אויסגעזען צו זיין פאַרמאַטערט פון וועג, אָדער גאָר פון מ. ב. אין וועלכן ער האָט זיך געפונען, און ער האָט דעם קאָפּ אַ ביסל צו דער ברוסט אַראָפּגעבויגן, און די אויגן געהאַלטן צוגעמאַכט: פונדעסטוועגן האָט ער פון צייט צו צייט געוואָרפן פון אַ זייט בליקן דאָ אויף קמיטשיצן, דאָ אויף לוביעניעצן, וועלכע האָבן געהאַלטן די לייצעס פון זיין פערד, גלייך ווי ער וואָלט זיך אומגעקוקט, ווען עס וועט לייכטער זיין אַראָפּצואַרפן, כדי זיך אַרויסצורייסן אויף דער פריי.

דערווייל זענען זיי צוגעקומען צום בנין, וואָס איז געלעגן באַם וועג, באַם עק פון וואַלד. דאָס איז נישט געווען קיין קרעטשמע, נאָר אַ שמידעריי און ראָד־מאַכעריי אינאיינעם, ווו די, וואָס פאָרן מיטן טראַקט, האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף צו שמידן די פערד און צוריכטן צומאַכן די וועגנס. צווישן דער שמידעריי גופא און דעם וועג האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרויסער פּלאַץ, וואָס איז מיט קיין פּלויט נישט געווען אַרומגעצוימט און איז נאָר שיטער געווען באַוואַקסן מיט אויסגעטרעטענעם גראָז; טיילן פון וועגס

און צעבראָכענע רעדער זענען דאָ און דאָרט געלעגן צעוואָרפן אויפן פּלאַץ, אָבער פון דורכפאָרער איז קיינער נישט געווען, נאָר סאָראָקאָס פערד איז געשטאַנען צוגעבונדן צו אַ סלופּ. סאָראָ אַ אַליין האָט פאַר דער שמידעריי גערעדט מיטן שמיד דעם כאַזער און מיט זיינע צוויי געהילפן.

— קיין צו רייכע פּאַשע וועלן מיר נישט האָבן — האָט דער פירשט געזאָגט מיט אַ שמייכל — מען וועט דאָ גאָרנישט קריגן.

— מיר האָבן לעבנס-מיטלען און בראַנפן מיט זיך — האָט קמיטשיק געזאָגט

— איז גוט! מיר וועלן זיך דאַרפן מיט כוחות אָנבע-מען.

דערווייל האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. קמיטשיק האָט דעם פּיסטאָלעט אין די גאַרטל אַריינגעשטעקט, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זאָטל און איבערגעבנדיק דאָס פערד אין סאָראָקאָס הענט, האָט ער ווידער אָנגעכאַפּט די לייצעס פון פירשטס פערד, וועל-כנס לעבעדיקייט האָט איבעריקנס פון די הענט נישט אַרויסגעלאָזט פון דער צווייטער זייט.

— דער גנעדיקער הער פירשט וועט מוחל זיין פון פערד אַראָפּגיין! — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט.

— צו וואָס עפּעס? כ'וועל עסן און טרינקען אויפן זאָטל — האָט דער פירשט געזאָגט, אַראָפּבייגנדיק זיך צו אים.

— זייט מוחל אויף דער ערד אַראָפּ! —

— און דו אין דער ערד אַריין! — האָט דער פירשט מיט אַ שרעקלעכער שטים אַ געשריי געטאָן און אַרויסרייסנדיק מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ דעם פּיסטאָלעט פון קמיטשיצס גאַרטל, האָט ער אים אַריינגעקנאַלט גלייך אין פּנים אַריין.

— יעזוס, מאַריאַ! — האָט קמיטשיק אויסגעשריגן.

אין דער רגע האָט דאָס פערד אונטערן פירשט באַקומען אַ קלאַפּ מיט די שפּאָרנס און זיך אַזוי מיט די פעדערשטע פיס אונטערגעהויבן, אַז עס האָט זיך כמעט פולשטענדיק אויסגעגלייכט, און דער פירשט האָט זיך ווי אַ שלאַנג אַ דריי אויס געגעבן

אויפֿן זאָטל צו לוביעניעצן און מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון מעכטיקן אָרעם אים מיט דער לופּע אַ זעץ געטון צווישן די אויגן.

לוביעניעץ האָט מוראַדיק אַ געשריי געטון און אַראָפּגעפֿאַלן פֿון פֿערד.

נאָך איידער די איבעריקע האָבן געקענט פֿאַרשטיין, וואָס עס איז געשען, נאָך איידער זיי האָבן דעם אָטעם געכאַפּט, נאָך איידער אַ געשריי פֿון שרעק איז אָפּגעשטאָרבן אויף זייערע ליפּן, האָט באָגוסלאַוו זיי צערודערט ווי אַ שטורעם, איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון פּלאַץ אויפֿן וועג אַרויס און אַ פֿלי־געטון ווי אַ וויכער צו פּילווישקי־צו.

— כאַפּט! האַלט! שלאָגט! — האָבן זיך דערהערט ווילדע קולות.

דריי זעלנער, וואָס זענען נאָך געזעסן אויף די פֿערד, האָבן זיך געלאָזט אים נאָכיאָגן; אָבער סאָראָקאַ האָט אַ כאַפּ געטון די ביקס, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַנט אָנגעשפּאַרט, און גענומען צילן אין אַנטלויפֿנדיקן, און גיכער אין זיין פֿערד.

דאָס פֿערד האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ סאַרנע און איז געלאָפֿן מיט דער שנעלקייט פֿון אַ פֿייל פֿון בויגן. אַ שאָס האָט אַ קנאַל געטון. סאָראָקאַ האָט זיך אַ וואָרף געטון דורכן רויך, כדי בעסער צו דערזען דעם רעזולטאַט; ער האָט די אויגן מיט דער האַנט פֿאַרשטעלט, אַ ווײַלע געקוקט און צום סוף אויסגעשריגן:

— נישט געטראָפֿן!

אין דער רגע האָט באָגוסלאַוו זיך אַריינגעדרייט אין וועג און איז נעלם געוואָרן און נאָך אים זענען נעלם געוואָרן די נאָכיאָגער.

דעמאָלט האָט דער וואַכמייסטער זיך געווענדעט צום שמיד און צו זיינע געהילפֿן, וועלכע האָבן ביז איצט געקוקט מיט אַ שטומען פּחד אויף דעם אַלעם, וואָס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן, און אויסגערופֿן:

— וואַסער!

די שמידן האָבן אַ שפרונג-געטון צום ברונעם, און סאָראָקאַ האָט אַנידערגעקניט בײַם הער אַנדזשעי, וואָס איז געלעגן אומבאַוועגלעך. קמיטשיצס פּנים איז געווען פאַרקאַפּטשעט פון שאָס און באַדעקט מיט צאַפּנס בלוט — די אויגן זענען בײַ אים געווען צוגעמאַכט, די לינקע ברעם, דאָס אויגן-לידער און די לינקע וואָנס אָפּגעסמאַליעט. דער וואַכמייסטער האָט קודם-כּל לײַכט מיט די פינגער דעם קאָפּ אים באַטאַפּט. ער האָט געטאַפּט לאַנג און פאָרזיכטיק, און דערנאָך אַ ברום-געטון:

— דער קאָפּ איז גאַנץ...

אָבער קמיטשיץ האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון לעבן און דאָס בלוט האָט זיך אים פון פּנים שטאַרק געגאָסן, דערווייל האָבן די שמידן געבראַכט אַן עמער וואַסער און שמאַטעס אויף אָפּצוואַשן. סאָראָקאַ האָט זיך געלאָזן און פאָרזיכטיק גענומען אַרומצוואַשן קמיטשיצס פּנים.

צום סוף האָט די וווּנד זיך באַוויזן פון אונטערן בלוט און ריס. די קויל האָט טיף צעאַקערט קמיטשיצס לינקע באַק און אײַנגעאַנצן אַראָפּגעריסן דעם עק פון אויער. סאָראָקאַ האָט גענומען בודק זײַן, צי דער ביין פון דער באַק איז נישט צעהאַקט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך איבערצייגט, אַז נישט, און ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט. צו דערזעלבער צײַט האָט קמיטשיץ אונטער דער ווירקונג פון קאַלטן וואַסער און פון די יסורים גענומען ווײַזן סימנים פון לעבן. דאָס פּנים האָט אים גענומען צוקן, די ברוסט האָט זיך געהויבן בײַם אָטעמען.

— ער לעבט!... ס'וועט אים גאָרנישט זײַן! — האָט סאָראָקאַ מיט שמחה אויסגערופן.

און אַ טרער האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט איבער דעם רוצחיש פּנים פון וואַכמייסטער.

דערווײַל האָט זיך אויפן עק וועג באַוויזן בילאָוס, איינער פון די דרײַ זעלנער, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָכן פירשט.

— נו, וואָס? — האָט סאָראָקאַ געפרעגט.

דער זעלנער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— גאָרנישט!

— און יענע וועלן באַלד צוריקקומען?

— יענע וועלן נישט צוריקקומען.

דער וואַכמייסטער האָט מיט ציטערדיקע הענט קאָמטשיצע קאַפּ אויף דער שוועל פֿון דער שמידערײַ אַוועקגעלייגט און זיך גיך אויף די פֿיס געשטעלט.

— וואָס הייסט?

— הער וואַכמייסטער, דאָס איז אַ מכשף! דער ערשטער האָט אים אָנגעזאָגט זאַוראַטינסקי, ווייל ער האָט געהאַט דאָס בעסטע פֿערד און דערפֿאַר, וואָס ער האָט אים געלאָזט זיך אָנ-יאָגן. פֿאַר אונדזערע אויגן האָט ער אים די שווערט פֿון דער האַנט אַרויסגעריסן און דורכגעשניטן. מיר האָבן קוים געהאַט צייט אַ געשריי צו טאָן. וויטקאָווסקי איז געווען נעבנטער און איז גע-שפּרונגען צו הילף... אָבער יענער האָט אים פֿאַר מײַנע אויגן אַ שניט געטאָן... ווי אַ דונער וואָלט אין אים אַרײַנגעשלאָגן!... ער האָט אַפֿילו קיין זשיפּיע נישט געטאָן... און איך האָב נישט געוואַרט אויף דער רייַ... הער וואַכמייסטער! ער וועט נאָך צו-ריקקומען אויך!

— מיר האָבן דאָ נישט וואָס צו טאָן! — האָט סאָראָקאַ אַ געשריי געטאָן — צו די פֿערד!

און אין דערזעלבער רגע האָבן זיי צווישן די פֿערד גענו-מען צובינדן אַ טראָגבעט פֿאַר קמיטשיצן.

צוויי מענטשן האָבן אויף סאָראָקאַס באַפֿעל זיך אַוועקגע-שטעלט מיט ביקסן אויפֿן וועג, מורא האָבנדיק, אַז דער שרעק-לעכער מאַן זאָל נישט צוריקקערן.

אָבער דער פּירשט באָגוסלאַוו, וועלכער איז געווען איבער-צייגט, אַז קמיטשיץ לעבט נישט, האָט רויִק צוריקגעקערט קיין פּילווישקי.

פֿאַרנאַכט האָט אים שוין באַגעגנט אַ גאַנצע אָפּטיילונג רייטער, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך פּאַטערסאָנען, וועלכער האָט זיך באַאומרויִקט צוליב דעם פּירשטס לאַנגע אָפּוועזנהייט.

דערזעענדיק דעם פירשט איז דער אָפיציר צו אים צוגעשפרונגען.

— גבעדיקער הער פירשט... מיר האָבן נישט געאוסט...

— עס איז גאָרנישט געווען! — האָט דער פירשט איבערגעהאַקט — איך האָב זיך דורכגעריטן אויפן פערד אין דער געזעלשאַפט פון דעם ריטער, פון וועלכן איך האָב עס געקויפט.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— און האָב גוט באַצאָלט.

ון צווייטן טייל